STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01259

LESHONO HABO BI-YRUSHOLAIM!

Jean Tharaud

Permanent preservation of this book was made possible
by Ida K. Cohen, Barbara S. Cohen & Marjorie L. Cohen
in memory of
Fannie & Morris Kaplan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשאַן און זשעראָם טאַראָ

לשנה הבאה בירושלים!

פון פראַנצ.: מאַרק ראַקאָווסקי

וואַרשע 1925

פארלאג ש. יאטשקאווסקי, און קאמפ. לעשנע 27

געזעצט אין פוילאָן, פ. קרומער

געדרוקט בא ברידער וואיצי=
קיעוויטש, ווארשע, גענשע 15.

געבונדן בא א. קאמיען

Jèrome et Jean Tharaud
Na Przyszły rok w Jerozalimie.

Wyd. Sz. Jaczkowski i S-ka
Warszawa, Leszno 27.

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Gęsia 15.

א י נ ה אַ ל ט :

	צום יידישן לעזער	I — IV
I	דאָס הייליקע פייער	1 — 20
II	כותל־מערבי	21 — 40
III	אַמאַרס מעטשעט	41 — 50
IV	דער נביא פון בולוואַר	51 — 72
V	שטימען פון פּאַלעסטינע	84 — 73
VI	די אַלטע ליבהאָבער פון ציון .	94 — 85
VII	די חלוצים	95 — 108
VIII	בן־יהודה	109 — 148
IX	מעשה שרה	149 — 172
X	דאָס קליינע מיידל פון אַלטשטאָט	173 — 191

צום יידישן לעזער

די מויערן פונם געטאָ זענען אָפּגעשאַפט. אָבער דאָך לעבט נאָך דאָס געטאָ. מיר האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט אַזאַ שטאַרקער כינעזישער מויער און ווילן נישט דערלאָזן קיין שום פרעמד אויג אַריינצוקוקן. מיר האָבן אויפגעריכט אַ פּאַספּאָרט־סיסטעם, לויט וועלכן מיר דעפינירן די פרעמדע אין פילאָסעמיטן אָדער אַנטיסע־מיטן.

און, ס'איז קלאָר, מיר האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס. די אָפּשאַצונג איז געוואָרן אַ סכעמאַטישע. לויב־געזאַנגען, דאָס יאָ, דאָס נעמען מיר אויף מיט אַ זייער וויליק אויער. זאָל זיך אָבער קוים דערהערן עפּעס אַ קול נישט אינגאַנצן לויט אונזער מיינונג, דאַן אַ געשריי: אַנטיסעמיטיזם!

ווער און וואָס איז אונזער מיינונג?

אַן אויסגעפּייניקט, אַ פּאַרווייטיקט האַרץ!

און דאָס זאָל זיין אַ קריטעריום? — —

מיר זענען דאָך עפּעס מענטשן מיט שכל, עפּעס שוין נענ־טער צו אייראָפּע, נישט עפּעס אַ ייד פון כתריאלעווקע, און דאָך קלאַפּט אויך אין אונז דאָס גאָלדענע יידישע האַרץ.

אין דעם פּרט זענען אַלע יידן גלייך.

אינם געשריי וועגן אַנטיסעמיטיזם זענען אַלע יידן גלייך.

נישט געקלערט קיין סך, נישט אַריינגעטראַכט זיך צופיל, נישט אַנאַליזירט אפילו אויבנאויפיק. אַ שפּיי, אַ קיי, אַ קלאַפּ אין טיש, אַ שריי בקול רם: אַנטיסעמיטיזם!

מען באַדאַרף נישט קיין סך, כּדי פֿאַרשריגן צו ווערן פֿאַר אַן אַנטיסעמיט. נאָר ווען דער גוי זעט בלויז וועלכע יידישע חסרונות, פּונקט ווי מיר פּאַסן זיי אויף — ער איז שוין אָפּגעפּאַרטיקט פֿאַר אַן אַנטיסעמיט. אַגב, ווען אַ ייד אַליין זעט זיי, אַגב וואָס אַ ייד אַליין שפּאַט פֿון זיי, פֿון די פֿעלערן, נאָך מער, נאָך שטאַרקער, נאָך ערגער, נאָך אַנטיסעמיטישער — אָ, ער מעג. ס'איז דאָך עפּעס אַן אייגענער. אַ פֿרעמדער טאָר אַפֿילו נישט זען די חסרונות, וואָס וואַרפֿן זיך יעדן אין די אויגן, אַ פּשיטא ערשט רעדן פֿון זיי עפּנטלעך.

אַ מאָדנע, מאָדנע פֿאָלק זענען מיר יידן.
אַ מאָדנער פּסיכאָז פֿאַרפֿאָלגט אונז.

נישט פֿאַרטיידיקן אָדער פֿאַרענטפֿערן וויל איך די ברידער טאַראָ. זיי קענען זייער שטעטל אַליין באַשטיין. און איך וויל אויך נישט רעדן צו די מענטשן, וואָס ווערן פֿאַרפֿאָלגט פֿון דעם פּסיכאָז. זיי וועט, דוכט זיך, שוין נישט העלפֿן קיין שום קוראַציע.

דער יידישער קריטישער שכל זאָל דאָ אַליין אורטיילן. זאָל ער זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווייל און פֿאַרטיפֿן אין דעם ענין פֿון אַנטיסעמיטיזם און פֿון זיין אייגענער מורא און חשד פֿאַרן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז ביי אונז געוואָרן כּמעט אַ מין פֿעטיש.

ווי אַ פּאָליציי־הונט שמעקן מיר אומעטום אויס דעם געפֿערלעכן ריח.

און צו די ברידער טאַראָ דערנענטערט זיך דער שמעק־הונט פֿון אַלע זייטן און מאַכט אויך אַ געוואַלט: אַנטיסעמיטן!

ראַטעוועט זיך, ווער ס'קאָן! — —

אַ שטראָף פֿון גאָט. צוויי פֿראַנצויזישע שריפֿטשטעלער זשעראָם און זשאַן טאַראָ פֿאָרן זיך אַרום איבער דער יידישער וועלט און פֿאָרשן אויס ווי די יידן לעבן. און זעען דווקא אַ סך. און זעען אַלץ. און זעען און באַמערקן אַלע זייטן פֿונם יידישן לעבן, אַלע מעלות און חסרונות, דעם גייסט און דעם קערפּער.

קענט איר דאָס געדיכט פֿונם ייד היינריך היינע וועגן דער מלכּה שבת?

דאָס גשמיות ווערט אום שבת פֿאַרוואַנדלט אין קדושה און

עס שטראַלט פֿון אים אַרויס אַ ליכט נישט פֿון דער וועלט.

און בײַ די בײדער טאָראָ פֿאַרוואַנדלט זיך דער ייִד (אין זײַער ראָמאַן „מלכות שמים") אין אַ בליץ פֿון קינסטלערישער שײנקײט.

אמת, זײ זענען געווען אַמאָל מיאוסע אַנטיסעמיטן אין זײער בוך „ווען ישראל איז מלך". און איצט זענען זײ נאָך דערצו פֿראַנצויזן מיט זײערע אײגענע פּאָליטישע קאָנצעפּציעס אויך בנוגע פּאַלעסטינע. אָבער פֿאַרכאַפּט האָט זײ דער אָטעם פֿון אויסטערלײשער שײנקײט פֿונם ייִדישן לעבן און זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַרוואונדערטע.

מ'באַדאַרף זיך נישט רעקאָמענדירן פֿאַרן ייִדישן לײענער מיט אַזעלכע פֿראַנצויזישע אויטאָריטעטן, ווי די קריטיקער לאַלו אָדער קרעמיע.

אָדער מ'באַדאַרף נישט, אָדער ס'העלפֿט נישט.

מ'באַדאַרף נישט.

דער שטײגער פֿונם שאַפֿן פֿון די בײדער טאָראָ איז אַ גאַנץ באַזונדערער און אײגנאַרטיקער. איך האָט דאָ נישט צו טון מיט אַ טיפּ פֿון אַ ראָמאַן, צו וועלכן מען איז צוגעוואוינט. זײ ברענגען אַרײַן אַ נײַע פֿאָרם און אַ נײַעם עלעמענט אין דעם ראָמאַן־שרײַבן.

ס'מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי אַ רעפּאָרטער וואָלט צונויפֿגעזאַמלט מאַטעריאַל, סענסאַציאָנעלן, אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל.

אַ מין רעפּאָרטאַזש.

קײן שום נשמה־איבערלעבענישן, קײן שום פֿאַרוויקלטע פּסיכאָלאָגישע שטימונגען אָדער צושטאַנדן.

אינטעלעקטואַליסטיש אַזוי ווי זשורנאַליסטיק.

און דאָס איז אויך זײער אײגנטו און נײַעס פֿאַר דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור (נישט חלילה פֿאַר דער ייִדישער).

פֿאַר אונזער עולם וועלן זײ אפֿשר זײַן בלויז אַנטיסעמיטן און גאָרנישט מער. מ'וועט פֿאַרגעסן אין זײערע באַשרײַבונגען פֿונם ייִדישן לעבן, וואָס זענען זײער אָפֿט אַזוי שײן, אַז אין אונזער אײגענער ליטעראַטור טרעפֿט זיך עס נישט.

דאָס וואָס זיי קומען נישט אַריין אין פֿאַנטאָפֿל אין דער שטוב פֿונם יידנטום, נאָר מיט דער געוואַגטקייט פֿונם זשאַנר רעפּאָרטערן — דאָס איז זייער ספּעציפֿישע מעלה. און זיי האָבן נאָך אַ מעלה: זיי קענען גוט שרייבן. זייער סטיל איז אַ פֿעליעטאָניסטישער, פֿון דער פֿיינער אַרט פֿונם פֿעליעטאָן. ס'זעט זיך אויס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זאַמלונג פֿון פֿעליעטאָנען, ווען נישט דער איינציקער לייט-מאָטיוו, וואָס פֿאַרבינדט זיי קאָנסטרוקטיוו, און מאַכט פֿון זיי אַ ראָמאַן, אַלזאָ אַ שטיק לעבן.

ס'איז נישט אַנטשידן צי דאָס לעבן איז ערנסט אָדער נישט. אָבער אונטער דער הויט פֿונם סטיל פֿון די ברידער טאַראָ ריזלט אַ לייכטער הומאָר, אַ דעליקאַטע איראָניע, וואָס קרויזלט זיך, ווי דינינקע פֿאַליעס.

ס'איז נישט כּדאַי צו ציטירן די גייסטער פֿון אויטאָריטעט, און אויך נישט כּדאַי אַרויסצופֿאָרן מיט דער שווערער אַרטילעריע.

עס וועלן זיך סיי-ווי געפֿינען מענטשן מיט גאַליקע שטימונגען, וועלכע עס וועט דאָס אָדער יענץ נישט פּאַסן. שווער איז אַלע דורכאויס צו באַפֿרידיקן.

זאָל זיך יעדער זיין שטעטל באַשטיין און זאָל זיי וויל באַקומען די ברידער טאַראָ וועלן אויך זייער שטעטל באַשטיין.

פֿעברואַר 1925

נ. וויינינג

I.

דאס הייליקע פייער

מיר גייען פאָרויס אינדערפינסטער, אונטער געוועלבן, וועלכע מען זעט קוים, צווישן הויכע רונדע זיילן, וואו די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט פאַרשידענע ריחות: אַ פאַרשטיקטער קעלער־ריח און אַ גערוך פון שימל, פון קטורת פון חלב. אַ קלאַפּן פון אַ שווערן אייזערנעם שטעקן, וואָס פאַלט לאַנגזאַם אויף די שטייגערנע פּליטן, פירט אונז אין דער שוואַרצקייט און פילט זי אָן מיט אַ טיפן גערויש, וואָס שטאַרבט אָפּ צווישן די דיקע שטיינער. איך באַקום דעם איינדרוק, אַז איך דריי מיך אַרום אין די קאָרידאָרן פון עפּעס אַ רוימישן צירק, בשעת דער עולם, שטאַרס אומגעדולדיק, וואַרטשעט וואַרטנדיק אויף דער התחלה פון דער פאָרשטעלונג. נאָכדעם הערט אויף דער שטעקן צו קלאַפּן, און אַלץ ווערט פאַרברייטערט: די געוועלבן, די זיילן, די שטילקייט און אַפילו דער גערויש... אַ נידעריקע טיר אין דער וואַנט. איך גליטש מיך אַדורך הינטער מיין אָנפירער און מיר שטייגן אַרויף אויף שמאָלע שטיגן, פול מיט לעכער און מיט פינסטערניש. דאָ און דאָרט אויף די שטיגן־בריקלעך, פאַרצוימט מיט שטאַנגען און פאַרצויגן מיט שפינוועבס, רייסט זיך אַדורך דורך די אַמבראַזורן אַ שיין, וואָס באַלויכט שוואַך דאָס, וואָס די צייט האָט דורות־

לאַנג פֿאַרגעסן אין שאָטן פֿון אַ שטויביקן טרויער. אין די גע־מויערטע טיפֿענישן הערט מען מער נישט, ווי דעם שטעקן, וואָס ציילט יעדעס איינציקע טרעפּל מיט דעם פּראָפֿעטישן אַקצענט, וואָס כאַפּט אויף רעגלמעסיג יעדן געוויש אינדערפֿינסטער. פּונקט ווי די הענט, וואָס טאַפּן די פֿאַרשימלטע ווענט, אַזוי טאַפּט אויך דער מוח, נישט ווינסנדיק וואו ער איז, וואָס ער טראַכט און וואָס ער איז זיך מכין צו זען. ווידער שטעלט זיך דער שטעקן אָפּ. ס'איז טויט־שטיל. צי זענען מיר צוגעקומען צו אַ וועג־פֿאַרבויגונג פֿון מזל?.. און מיטאַמאָל טוט מיר די לופֿט אַ זעץ אין פּנים אַריין, בעת דער געוויש אינדערפֿינסטער האָט זיך אויף אַ רגע אויך איבערגעשראָקן.

איך געפֿין מיך אין אַ לאָזשע, אויסגעהאַקט אין דער דיקער וואַנט. איבער מיין קאָפּ הענגט אַ הויכער קופּאָל; אַ קרומער זונשטראַל, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ פֿון דעמדאָזיקן קופּאָל, פֿאַר־בלענדט מיר די אויגן ביים אַריינגאַנג. אונטער מיר – אַ גרויסער פֿינסטערער ברונעם, פֿונוואַנען עס דערטראָגט זיך אַ מעכטיקער געוויש; נישטאָ דאָרט קיין שום שיין, קיין פּיצל ליכט. קיין זאַך נישט, אַ חוץ דעם שטיקל שטראַל, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויפֿן מיטן וועג, און דאָס ביסל טאָג־ליכט, ענלעך צו אַן עמער אויף אַ קורצן שטריק, וואָס דערגרייכט קיינמאָל נישט דעם גרונט. אָבער מיינע אויגן, צוגעוויינט צו דער פֿינסטערניש, הייבן אָן ביסלעכווייז אונטערצושיידן אַ מחנה קעפּ, וואָס שטויסן זיך אַרום אַ קליין בנינדל; עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָסדאָזיקע בנינדל וואָלט געשטאַנען אויף מענטשלעכע פּלייצעס. דאָס בנינדל איז פֿון אַ זעלטענער קאָנסטרוקציע: ביים פֿונדאַמענט רעכט־עקיג, אין דערמיט – ענלעך צו אַ טאַמבור און פֿאַרענדיקט זיך,

ווי אַ כינעזישע מיץ. און ס׳ציען זיך לאַנגע שורות מיט פּאַר-
לאָשענע ליכט, לאַנגע שורות מיט לאָמפּן און לעמפּלעך, בלומען-
טעפּ פון געשניצטן האָלץ און הייליקע בילדער, אָנגעהאָנגען
איינס לעבן די אַנדערע, פּונקט ווי אויף די ווענט פון אַ באַזאַר-
דאָס אַלץ זעט אויס עלנט, פּאַרוועלקט, אָפּגעבלאַקירט, אָבער
גלייכצייטיק אויך שרייענדיק. ס׳איז באמת אַ בילד, וואָס איז זיך
שווער פאָרצושטעלן!

דאָסדאָזיקע בנינדל, דערדאָזיקער פאַרשטויבטער צורעק,
אָט דער ווילדער מאָנומענט, וואָס איז אַ באַרבאַרישע אַרבעט
פון אַ פאַרצייטיקן מויערער — דאָס איז אַ הייליקער קבר —
דער קבר פון קריסטוס.

דער עולם אַרום שרייט און פילדערט. דאָ געפינען זיך
טויזנטער גרעקן, סיריאַנער, קאָפּטן, ארמענער, ווייל דער יום-טוב
פון הייליקן פייער, וואָס פאַלט אויס אין דעמדאָזיקן שבת פון
פּסח, איז בישט קיין לאַטיינישער יום-טוב, נאָר אַן אָרטאָדאָק-
סישער. אין דעם טאָג לאָזט זיך אַ געטלעך פייער אַראָפּ פון
הימל און צינדט אָן אַ לאָמפּ אינווייניק אין קבר. צי זענען עס ווייטע
ערינערונגען פון געצנדינערישע יום-טובים צו דער זון, וואָס האָבן
געפייערט דעם סוף פון ווינטער אין דעם צוריקקער פון דער פרי-
לינגס-זון? אָדער אפשר איז עס גאָר אַ סימבאָל פון קריסטוסעס
אויפלעבונג, לויט דער אויפפאַסונג פון אַן אריענטאַלישער פאַנ-
טאַזיע? די אָפּשטאַמונג פון דערדאָזיקער צערעמאניע איז אַ נעבל-
האַפטע. די לאטיינער האָבן עס בלויז אַ קורצע צייט פּראַקטיצירט.
אורבאַן דער II האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי נסים, כדי אַריינצוציען
דעם מעריב אין די קרייצוגן און אַ סך גאָדפראָי׳ס און באָדואינס
חברים זענען געווען באַשיינפּערלעכע עדות. אָבער אין יענער

צייט פלעגן זיך די נסים נישט איבערחזרן כסדר: דאָס פייער פלעגט זיך יעדעס יאָר נישט אַראָפּלאָזן אין קבר. איך מיין, אַז דאָס פייער האָט זיך אַפילו שוין אויפגעהערט אַראָפּצולאָזן, ווען ירושלים איז געפאַלן פון סולטאַן סאַלאַדין. אָבער די קריסטן פון גריכיש-רעליגיעזן נוסח גלויבן כסדר אינם נס, אַז יעדער שבת פון פּסח לאָזט זיך פּאַר זיי אַראָפּ אַ נישט-געזעענער מלאך, וועלכער ברענגט אַראָפּ דאָס פייער פון הימל.

דער גרויסער עולם, וועלכער וואַרט אויפן פייער, ריטשעט און בראָקט ווערטער מיט אַן איינטעניקן ריטם אויפן אָריענטאַלישן שטייגער. פּלוצלונג טוט עפּעס אַ קול אַ שליידער אין דער לופטן אַ נייעם ווערטער-זאַץ, וואָס ווערט תיכף אונטער-געכאַפּט מיט דערזועלבער העפטיקייט, נאָר מיט אַן אַנדער ריטם. ביידע זאַצן קעמפן אַ רגע; און ס'פאַרענדיקט זיך מיט דעם, וואָס איינער פאַריאָגט דעם צווייטן, אַרויפוואַרפנדיק אויף דער מאַסע זיין ברוטאַלישן ריטם. און ס'דויערט אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט פאַריאָגט דורך אַ נייעם זאַץ.

זיי שרייען:

מיר האָבן דעם אמתן גלויבן!
די יידן, זיי גלויבן אין גאָט נישט!

אָדער אַנדערש:

אך, יידן, אייער יום-טוב איז אַ מאַלפּע-יום-טוב,
אונדזער יום-טוב איז אַ יום-טוב פון משיח.

און באַלד דערויף:

די פרעמדע, וועלכע זענען דאָ,
וועלן אָוועקפאָרן דיינסטיק,
מיטן וואונטש פון אַ גליקלעכער נסיעה.

אין מאַראָקאָ האָב איך געהערט אַזעלכע געשרייען, ווען די מוסולמאַנישע ברודערשאַפט פלעגט זיך פאַרשיכורן מיט אירע הייליקע טענץ. אָבער וואָס פאַר אַן איבעררעשונג — צו זען דאָסזעלבע בילד אויף קריסטוסעס קבר! צוהיצט דורכן ריטם, האָבן די לאַנגזאַם־וואַקלענדיקע גופים פאַרכאַפט דעם־דאָזיקן אויפגעדריקטן עולם, וואו קיין מענטש קען נישט מאַכן קיין שום באַוועגונג, וואָס זאָל נישט זיין די באַוועגונג פון אַלע.

און דאָך זעט מען דאָ נישט יענע טויזנטער רוסישע פּילִיגרימען, וועלכע פלעגן יאָר נאָך יאָר פאַר דער מלחמה קומען קיין ירושלים אויף די שבתדיקע פּסח־יום־טובים; זיי פלעגן קומען פון טיף רוסלאַנד; צופוס און מיט דער באַן פלעגן זיי זיך לאָזן קיין אָדעס. דאָרט פלעגן זיי זיך אַרויפזעצן אויף אַ שיף און פאָרן צו דעם הייליקן לאַנד. אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אין לאַנגע רייען, פלעגן זיי זיך אַרויפזעצן אויף דער שיף, זינגענדיק זייערע תפילות ביז ירושלים, וואו זיי פלעגן קומען נאָכן שטוב־אוצר, נאָך דעם שטיקעלע ליכט, וואָס האָט געשיצט דאָס רוסישע לעבן, איבער וועלכן ס'האָט זיך אַריבערגעטראָגן דער ווינט פון מלחמה און רעוואָלוציע: דעם קליינעם פלאַם, דאָס הייליקע פייער, וואָס פלעגט אָנגעצונדן ווערן פאַר דער איקאָנע. פון יאָר 1914 אָן קומען זיי שוין מער נישט אַהער. רוסלאַנד פאַרטרעט שוין נישט מער אויף דעם אָרטאָדאָקסישן יום-טוב.

און אַט, אַז איך זע דידאָזיקע קאָמפּאַקטע מאַסע, פון וועלכער דער הייליקער קבר האָט דאָס אויסזען ווי אַ וואַקלענ־דיקע אַרקע, פרעג איך מיך, ווי אַזוי אַלע רוסן האָבן דאָ גע־קענט געפינען אַ פּלאַץ. ווי אַזוי? איך פאַרשטיי דאָס נישט, און דאָך פלעגן זיי דאָ זיין!

אַ פוסטער שטח, אַ קליינע אַלעע, וואָס פירט צום הייליקן קבר. צווישן צוויי שורות זעלנער שפּאַצירן אַרום אַהין און צוריק עטלעכע ענגלישע אָפיצירן, וואָס זענען גלייכגילטיק צו דער גאַנצער באַוועגונג. אינדערהייך, איבער דער באַוועגלעכער מאַסע־וואו רויטע עגיפּטישע פעסקעס מישן זיך אויס מיט באַגילטע טורבאַנען פון דמשקער און אַלעפּער פּיליגרימען און מיט די ווייסע מיצן פון די קאַפּטן, רוט זיך עטוואָס אויס דאָס מידע אויג פון דער לאַנגזאַמער נמאסדיקער וואַקלעניש, וואָס טרייבט אויף אייך אָן אַ לייכטע ים־קרענק. אין די פוסטע שטחים פון דעם רונדיקן בנין זענען אויסגעבויט לאָזשעס שטאָקנווייז, פונקט ווי אין אַ טעאַטער. אין די לאָזשעס זיצן פרויען, יום־טובדיק אויס־געפוצט. זיי זיצן אָדער ליגן אויף מאַטראַצן, אויף קישנס, און פלאַפלען, שיילן פּאָמעראַנצן און טרינקען לימאָנאַד. וויפל שיינע קאַפּעלן, וויפל בילדער פון מאָלער דעלאַקרואַ און איצט באַטראַכט איך שוין מער נישט דעם פאַרשטויבטן הייליקן קבר מיט דער ווילד־משוגענער מחנה, נאָר איך קוק דאָ לעבן מיר, אויף דער נישע מיט דער פרוי, וואָס האָט שוואַרצע צעפּ, טראָגט אַ רויט־ווייסע קלייד, מיט שיינע וויאָלעט־ניואַנסן, מיט פּרעכטיקע אויגן און מיט נאַקעטע פיס.

און פלוצלונג ברעכט אויס אַ מהומה צווישן עולם. עטלעכע יונגעלייט פון שטאָט רייסן זיך דורך צווישן דער געדיכטער וואַקלענדיקער מאַסע, מיטברענגענדיק מיט זיך אַ נייעם תפילה־זאַץ, אַ נייעם ריטם, וואָס פאַריאָגט אין איין רגע די פריערדיקע תפילה־זאַצן:

הייליקע בתולה, זיי געגריסט!

לויטן פּאַרצייטיקן טראַדיציאָנעלן מנהג, פלעגט דער גרי־

בישער פּאַטריאַרך, — צוליב דער צערעמאָניע, — אַריינרוקן אַ פּעטן באַקשישל דער מוסולמאַנישער מאַכט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די מוסולמענער באַנוגענען זיך קיינמאָל נישט מיט אַ באַשטימטן סכום, און דאָס רופט אַרויס כסדרדיקע קריגערייען און רייסעניש.

דערמיט, וואָס די יונגעלייט קומען אָן, איז אַ סימן, אַז מען איז געקומען צו אַ הסכמה. און אָט דערנענטערט זיך שוין דער מאָמענט, ווען דאָס הייליקע פייער באַדאַרף זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד! אין די לאָזשעס הייבן זיך אָן צו באַוועגן די הייליקע בילדער, און אַוועקלייגנדיק אויף אַ ווײַלע די פּאַמע־ראַנצן מיט די קיכלעך, הייבן אָן די ווייבער און קינדער צו יוקען און צו פּאַטשן מיט די הענט. אונטן פאַרשטאַרקן זיך די געשרייען און קולות. איך זע עפּעס אַ פּעקל, וואָס רוקט זיך איבער די קעפּ. מיר שיינט, אַז דאָס איז אַ ייד, וואָס דינט אין דער ענגלישער פּאָליציי. איצט האָלט מען אים ביים אַרויסשליי־דערן. אַלע הענט הייבן זיך: מען וויל אים כאָטש מכבד זיין מיט אַ קלאַפּ אין וועג. און טויזנטער קולות קייען איבער דאָס שירעלע:

די יידן זענען טרויעריק,
די יידן זענען טרויעריק!

באַלד דערויף באַווייזט זיך אויפן אויסגעברוקירטן פּלאַץ פון קעפּ — דאָס איינציקע אָרט, וואו מען קען אַדורכגיין דורך דעם עולם — אַן אַנדער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך געגליטשט אויף אַלע פיר. דאָס קומט ער אַלס שליח, נישט צו דערלאָזן דער פּאָליציי — אַרויסצוטרייבן אַן אָרטאָדאָקס, וואָס האָט פאַרשעמט אַ פּאָליסמען. על־פּי־נס האָט זיך צווישן דער מאַסע באַפרייט אַ שטיקל שטח, און אויף דעמדאָזיקן אָרט האָט אַ גיגאַנט אָנגעהייבן

צו טאַנצן, האַלטנדיק אויף זיין פּלייצע עפּעס אַ לץ. דערדאָזיקער לץ האָט מיט איין האַנט געפּאַקט מיט אַ שטעקן און מיט דער צווייטער – אַ פּעקל מיט ליכט. דאָס בילדל האָט פאַרשטאַרקט די התפּעלות. הייבט מען אָן העפּטיקער צו פּאַטשן מיט די הענט און העכער צו שרייען. דער מענטש, וואָס שטייט אויפן גיגאַנט, לאָזט אַרויס אויפן קול עפּעס אַ תפילה, באַגלייט מיט משוגענע באַוועגונגען פונם שטעקן מיט די ליכט:

משיח איז געקומען!
מיט זיין בלוט האָט ער אונדז אויסגעלייזט
מיר זענען היינט מלא שמחה,
און די יידן זענען פאַרצאַגט!

און דער גאַנצער עולם כאַפּט אונטער מיט אַ כאָר:

מיר זענען היינט מלא שמחה,
און די יידן זענען פאַרצאַגט!

און אין דער רעזערווירטער אַלעע, צווישן אַ טאָפּעלער שורה זעלנער, שפּאַצירן אַרום אַהין און צוריק די בריטאַנישע אָפיצירן, אָנגעצויגן און גלייכגילטיק, ווייט און פרעמד פון די־דאָזיקע צערעמאָניעס.

אין דערזעלבער רגע באַווייזט זיך אויף דערדאָזיקער אַלעע אַ מענטש אין אַ קורטקע, מיט אַ שטרויענעם הוט אין דער האַנט. דאָס איז אַ רייכער קאָפּט פון קאַיר, וועלכער קומט קויפן פון אויקציאָן דאָס הייליקע פייער פאַר זיין קלויסטער. ווען ער וועט דאָרט צוריקקומען, וועט ער איבערגעבן דאָס פייער זיינע מיטגלויביקע, און דאָס וועט אים פאַרשאַפן אַ סך כבוד אין לאַנד. גריכישע גלחים מיט צילינדער־מיצן טוען אים תחילת אָן אַ כאָר־העמד, נאָכדעם עפּעס אַ ראָק, מיט אַ גאָלד־בלויען בלימל.

לעבן קאַפּטער שטייט אַ סיריאַנער, וועלכער האָט פאַר דעם קלינגענדיקן גראָשן אויך באַקומען די זכיה – אָנצוצינדן אַ ליכט פון דעם הייליקן פייער. מען באַקליידט אים מיט אַן אָראַנזש-ריזע, מיט גרינע פרענזלעך, אַרומגעכאַפּט מיט אַ ברייטן גאָלדענעם פּאַס. און אָט איז דער פּאַטריאַרך אַליין, אַ שיינער זקן מיט אַ גרויער באָרד. זיין ריזע איז פון הימלבלויען אַטלאַס. אויף אַן אַלמאַזן-שנירל הענגט אים אויף דער ברוסט אַ גרויסער, גלאַנציקער צלם; אַ צווייטער דימענטענער צלם דערהייבט זיך אויף זיין טיאַרע פון שמאַראַגדן און סאַפּירן; אין האַנט האָט ער אַ לאַנגן קרישטאָלענעם שטעקן, צוזאַמענגעפלאָכטן פון צוויי באַגילטע שלאַנגען. ער איז אַרומגערינגלט פון אַ צוואַנציק חשובע גלחים און אַ גאַנצן כאָר קינדער, אין ווייסע קליידער מיט רויטע גאַרטלען. ס׳הייבט זיך אָן די פּראָצעסיע. צוויי גלחים גייען פאַרן פּאַטריאַרך און יעדער איינער פון זיי טראָגט אַ מין שייד מיט דריי און דרייסיק פאַרלאָשענע ליכט, לויטן מספּר פון די 33 קריסטוסעס יאָרן. נאָכדעם גייען צוועלף איקאָנעס פון די צוועלף אַפּאָסטאָלן. דער דרייצנטער איז יהודה איש-קריות. דער עולם שווייגט, די גלחים זינגען, און צווישן דער גרויסער מאַסע, וועלכע האָט זיך פון גרויס באַגייסטערונג געעפנט, ווי דער רויטער ים, האָט די פּראָצעסיע געמאַכט דריי מאָל איר אומקרייז אַרום דעם הייליקן קבר. דערנאָך וואַקסן ווידער אַרויס געשרייען און געוואַלדן. מען פאָדערט דאָס הייליקע פייער:

מיין גוטס, מיין גזעצלעך גוטס,
אָ, גאָט! גיב מיר עס!

אין דער אַלע פון די עגלענדער, וואו דער פּאַטריאַרך קומט צוריק, טוט מען אים אויס. מען נעמט אַראָפּ זיין טיאַרע,

זיין ריזע מיטן שטערן. אַרום יעדער האַנט וויקלט מען אים אַרום אַ ווייס טיכל און מען גיט אים ביידע שיידן מיט די דריי און דרייסיק ליכט, בשעת דער עולם האַלט אין איין שרייען און פילדערן:

זאָל גאָט העלפן אונדזער גריכישן קלויסטער!
זאָל גאָט צושיקן אַ נצחון אונדזער מלוכה!

ביי אַ רגע מאַך איך צו די אויגן. איך וויל מיך פאָרשטעלן דאָס, וואָס ס'איז געווען אַמאָל, ווען דערדאָזיקער אומרואיקער פּלאַץ איז געווען פּאַרוויסט, און האָט בלויז געהאַט אַ קליין שטיינער-פּלויט, אַרומגעפּלאַנצט מיט איילבערט-ביימער. ביים עק האָט זיך געפונען די פּעלזן-משופּהדיקייט, וואו יוסף פון רמה האָט געגראָבן אַ קבר, וואָס מען געפינט כמעט אומעטום אַרום ירושלים.

איך עפן די אויגן. באַגלייט דורך אַן אַרמענישן עפּיסקאָפּ, לאָזט זיך דער פּאַטריאַרך צום הייליקן קבר. מיט די פויסטן באַזייטיקן די ענגלישע אָפיצירן עטלעכע פאַנאַטיקער, וועלכע ווילן מיט כוח זיך אַדורכרייסן, נאָר זיי ביידע — דער פּאַטריאַרך מיטן עפּיסקאָפּ — ווערן איינגעזונקען אין דעם געהיימן קבר.

די מהומה איז אַ מוראדיקע. די גוואַלדן מיט די געשרייען קענען זיך שוין, דאַכט זיך, נישט פאַרגרעסערן מער. און דאָך וואַקסן זיי פון מינוט צו מינוט. דער נס איז געשען! דורך אַ לאָך אין וואַנט שטעקט דער פּאַטריאַרך אַרויס פאַר דער מבולבלער מאַסע דאָס הייליקע פייער, וואָס אַ מלאך האָט אַראָפּגעבראַכט פון הימל. אַ האַנט שטרעקט זיך אויס צום פלאַם, און פונקט ווי אַ שׂרפה אין טרוקענעם גראָז, כאַפּט אַרום דאָס פייער די גאַנצע מחנה, וואו אַלעמענס הענט ציען זיך צו די דריי און דרייסיק

אָנגעצונדענע ליכט. דער גאַנצער פינסטערער ברונעם איז פאַר־פלייצט מיט פייער. די פרויען־לאָזשעס ברענען. די מענטשן אין די נישעס, אונטער די קופּאָלן לאָזן אויף לאַנגע שטריק אַראָפּ זייערע ליכט, וועלכע ווערן אונטן אָנגעצונדן. און עס דאַכט זיך, אַז דער שימל, וואָס באַדעקט די ווענט, שטייט אין פלאַמען. אַ ווילדער גערויש פון צימבלען מישט זיך אויס מיט דער געקלאַפּעריי פון האַמערס אויף אייזערנע פליטן, וועלכע דינען אַלס גלאָקן פאַר די גרעקן. אין דידאָזיקע פלאַמען און אין דעמ־דאָזיקן קלאַנגען־מבול קומט אַרויס דער פאַטריאַרך פון הייליקן קבר, האַלטנדיק די צוויי שיידן, פונקט ווי שטורקאַצן. די ענגלישע אָפיצירן לייגן דורך פאַר אים ברוטאַליש אַ וועג, פונקט ווי מען פאַרטיידיקט די פילקע אין אַ פוטבאָל־פאַרטיי. און אויפן דאַך פון שטויביקן הייליקן קבר, צווישן אַלע נדרים, צווישן לאָמפּן און בלומען, באַווייזט זיך פלוצלונג אַן אַרמענישער מאָנאַך, וועלכער הייבט אָן משוגעהדיק צו טאַנצן און צו פאָכן מיט די ליכט אויף אַלע זייטן, אַרויפלאָזנדיק די פלאַמען אויפן פנים, אויפן באָרד, ווייל דאָס פייער רייניקט אַלץ. אָבער אַן ענגלישער אָפיציר באַמערקט אים. דער ענגלענדער האָט מסתמא אַן אַנדער השגה וועגן רעליגיעזער התלהבות. ער באַווייזט זיך אויך אויפן הייליקן קבר, און אין זיין כאַקי־אוניפאָרם איז ער פונקט אַזוי אויסטערליש, ווי דער אַרמענישער טענצער. ער נעמט אָן דעם מאָנאַך פאַרן קאָלנער, שטופּט אים ברוטאַל אַראָפּ פון די שטיגן און ביידע ווערן פאַרשוואונדן.

פלוצלונג פאַלט צו די נאַכט. כדי אויסצומיידן שרפות, וועלכע האָבן אַזוי דורותלאַנג חרוב געמאַכט דעם בנין, לעשן פאָליציאַנטן אויס די ליכט.

דאָ און דאָרט אין די פּרויען־לאָזשעס זעט מען בלויז עטלעכע געשטאַלטן, ווי בלאָנזשענדיקע פייערן. אַ זייער שווערער גערוך פון שלעכטן חלב און רויך פּילט אָן דעם קלויסטער.

און אין דער פינסטערניש, וואָס פאַלט איצט פונדאָסניי צו צו די אויגן, פלאַמט נאָר דער הייליקער קבר אַליין מיט אַלע זיינע ליכט, מיט אַלע זיינע לאָמפּן און לעמפּלעך. און אינדער־הייך, אונטערן קופּאָל, שפּיגלען זיך ווידער אָפּ די קרומע זון־שטראַלן, וואָס זענען מיט אַ רגע פריער פאַרטונקלט געוואָרן פון די פלאַמען.

אין דערזעלבער צייט וואַרפט זיך אויפן לאַנד אַריבער דאָס פייער צו בית־לחם, צו חברון, צו נצורת. מען יאָגט זיך מיט פערד און וועגן. ס׳גייט אַ קאָנקורענץ־קאַמף. ווער, אַ שטייגער, ס׳וועט דער ערשטער ברענגען דאָס פייער צו זיינע מיטגלויביקע. אין די צייטן, ווען די רוסן זענען דאָרט געווען, פלעגט אַ שיף אין יפוער האַפן אָפּוואַרטן מיט אומגעדולט דעם קוריער. ווי נאָר דאָס הייליקע פייער פלעגט אָנקומען אויפן דעק, פלעגט די שיף תיכף ומיד זיך אויפהייבן פון אַנקער און הענדום־פּענדום פליען קיין אָדעס, וואו טויזנטער מענטשן פלעגן אויף קליינע לאָמטערנעס אויפכאַפּן דאָס טייערע פייער און פאַרשפּרייטן עס ווייטער, פאַר אַלע אוקאָנעס פון רוסלאַנד.

די צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט. אָט האָב איך מיך ווידער פאַרלאָרן אויף די סודותפולע שטיגן. איך געפין מיך אונטן, צווישן דער גאַנצער מאַסע און צווישן אַלע פאַרלאָשענע ליכט. דער שטעקן מיטן אייזערנעם שפּיץ פון וועגווייזער, וואָס גייט פאַר מיר, מאַכט מיר אַ וועג. אַ שטאָק מיט אַ זילבערנעם הענטל, וואָס קלאַפּט זיכער איבער די פלאַטערקעס, אַ ראָק באַ־

פוצט מיט גאָלד און הימלבלויע הויזן — דאָס, זע איך, שאַפט כסדר נסים אויפן מזרח. ווידער שטיינערנע שטיגן, וואָס ליגן מכּופּהדיקער, ווי אויף אַ לייטער — און איך געפין מיך אונטערן פרייען הימל, אויפן דאַך פון קלויסטער, צווישן אַן אַנדער מאַסע, וואָס זעט אויס ביים ליכט, ווי אַן אומגעשטאַלטונג פון יענעם פאַרשאָטנטן עולם, וואָס געפינט זיך אונטן. די מאַסע זינגט דאָ אויך ריטמיש און ווילד, ווי דער אָטעם פון אַן אריענטאַלישן יום־טובדיקן עולם — יונגעלייט מיט פאַנצערס און מיט אויסגע־בויגענע שווערדן הייבן אָן צו טאַנצן אַ מלחמה־טאַנץ, קלאַפּן אין די פאַנצערס, דרייען מיטן געווער, בעת די גאַנצע מאַסע אַרום זיי פּאַטשט מיט די הענט אין טאַקט און באַגלייט מיט גרויס חדוה זייערע באַוועגונגען און שפּרינגערייען. וואָס פאַר אַ גלאַדיאַטאָר־שפּיל אויפן דאַך פון דער קריסטלעכער קדשי־קדשים! ס׳איז דערזעלבער געצנדינערישער יום־טוב פון פייער, וואָס פלעכט זיך געהיים אויס מיט קריסטוסעס אויפלעבונג און רופט אַרויס ביי די אָרטאָדאָקסן די התלהבות און דיזעלבע געשרייען, וועלכע האָבן געקלונגען אַמאָל אויפן יום־טוב פון דער זון. קיין שום זאַך גייט נישט פאַרלאָרן, אַלץ לעבט ווייטער אונטערערדיש, און גאָט שטאַרבט, כּדי צו געבן דער מענטשהייט עפּעס בעסערס, עפּעס טיפערס, אָבער כּדי צו פאַרערן דעם פאַרשטאָרבענעם גאָט, גראָבן די זין אויס פון דער ערד זיינע אַלטע אידעען, וואָס דער נייער איז געקומען צושטערן.

די צימבלען און געשרייען הילכן נאָך שטאַרקער. די פיר גלאַדיאַטאָרן טאַנצן נאָך מיט מער ברען זייער באַלעט. דער גלאַנציקער, בונטער עולם גיט זיי צו מער פייער. די הויכע מיצן פון די גריכישע מאָנאַכן שפּאַצירן אַרום צווישן טורבאַנען

און פעסקעס; מחנות ווייבער אין קאָלירטע קליידער שטעלן זיך אויס אַזוי ווי צעצווייגט לענג אויס דער וואַנט. פון הויכן שטיינערנעם באַלקאָן, וואָס ציט זיך אַרום דעם שכנותדיקן מינאַרעט, שטייען מוסולמענער און באַטראַכטן דעם קריסטלעכן יום־טוב. זיי געפעלט דאָס שפּיל, שיקן זיי פון דערווייטנס עטלעכע אויסרופן, כּדי נאָכמער אויפצומונטערן די טענצער. אַ שאַרפער גערויש פון גלעקלעך צעטראָגט זיך אין דער לופט. פונוואַנען קומען זיי די אומבאַמערקלעכע צוגן? דאָס זענען אַראַנזשאַדהענדלער, וואָס מסחרן מיט ראַזאָוון וואַסער און מיט איינפאַכן ריינעם וואַסער; זיי דרייען זיך אַרום צווישן עולם, כּדי אָפּצופרישן די באַגייסטערונג, קלאַפנדיק מיט זייערע מעשענע בעכערס קעגן איינאַנדער. און די קליינע פייערלעך, וואָס זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש פון דעם הייליקן קבר, טראָגן זיך איצט איבער די פּאַלעסטינער וועגן, צו די וויסטע מדינות, צווישן בלויע פעלזן, איבער אַ גיהנומדיקער טריקעניש..

ווי שפּעט איז עס? איך הייב נישט אָן צו וויסן. אַ שעה פון די טיפע דורות, אַ שעה פון די אַלטע זונען. און טאַקע, די גלאָק פון גאַסטהויז האָט גערופן צו אָוונטברויט, אָבער קיין שום גלאָק האָט אויף מיר נישט געקענט ווירקן, איך זאָל פאַרלאָזן דידאָזיקע אויסטערלישע דעכער. מיטן געדראַנג פון עולם בלאָנדזשע איך אַרום אין דעם לופט־לאַבירינט פון קופּאָלן, געוועלבן און טעראַסן. און טיף אין אַ פינסטערער הייל, וואו מען טראָגט אַריין דאָס הייליקע פייער, כּדי אָנצוצינדן אַ פּאָר ליכט, שטויס איך מיך אָן אויף שוואַרצע גלחים. איך הער, ווי עס ריידן דידאָזיקע שוואַרצע פּנימער, ברידער, מסתמא, פון בעל־נס, באַלטאַזאַר, וועלכע זעען אויס אַזוי צעשוואומען, ווי כשופמאַכערס.

אין דידאָזיקע הייליקע ערטער, וואו יעדער קריסטלעכער רעליגיעזער מנהג, יעדעס שטיקעלע קדושה האָט זיין באַשטימט ווינקעלע, אין דערדאָזיקער הויכער פאַרלוירענע קאַפּעלע מיט דער פינסטערער נישע איז דאָס אייגנטלעכע ווינקעלע פון דעם אַביסינישן קלויסטער. אָבער אין דעם איצטיקן מאָמענט פאַרלאָזן די אַביסינער זייערע ענגע ד׳ אמות און פייערן די מעסע אונטערן פרייען הימל, אויף אַ טעראַסע, וואָס דערהייבט זיך איבער דער קאַפּעלע פון דער הייליקער העלענע, וועלכע האָט געפונען דאָס האָלץ פון הייליקן צלם. דאָרט, צווישן דעם געדראַנג פון עולם, שוועבן נאָך אַרום גאָלדענע פאָנען, פונקט ווי זיי וואָלטן געהאָנגען אונטערן בלויען הימל, און אָן אַ זייט, אונטער אַ לייוונט, וואָס איז פון איין זייט צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט און פון דער צווייטער זייט — צו צוויי דרענגלעך, אַנטפּלעק איך דעם אַביסינישן גייסטלעכן. די שוואַרצע בערדיקע גייסטלעכע זענען געזעסן אין אַ האַלבן קרייז, אין אַטלאַסענע מלבושים מיט קאַפּושאָנען, באַפּוצט מיט זאָמבעס. זיי האָבן געזונגען די פּסאַלמען, וועלכע זענען לגמרי נישט ענלעך צו די, וואָס מען הערט אין אונדזערע קלויסטערס. אויף אַן אַלטן סאַמעטענעם פאָטעל איז צווישן זיי געזעסן זייער עפּיסקאָפּ, מיט אַ גראָב פלאַמענדיק ליכט אין איין האַנט און אין דער צווייטער — אַ צלם. ער האָט געהאַט אַ ווייסע, פיין-צוגעשוירענע באָרד. דאָס איז באַלטאַזאַר אַליין! פאַר דער פאַרזאַמלונג פון דידאָזיקע מאַגן איז געשטאַנען אַ טאַמבור, ענלעך צו די, וואָס פירן אָן דעם רונד-טאַנץ אין די פּראָוואַנס-געגנטן. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די גאַנצע מעסע וואָלט געפּראַוועט געוואָרן לכבוד דעמדאָזיקן טאַמבור, וואָס זיין גדולה הייבט זיך העכער, ווי אַ פּאַרצייטיקער מזבח, צווישן די גייסטלעכע מיט די גלאַנצעדיקע ליוורייען.

שטאַרק פאַרחדושט, האָב איך מיך דאָרט צוגעשטעלט, פונקט ווי אויפן מאַראָקישן פּלאַץ פאַר די שלאַנגען, אָדער ווי פאַר די אָרקעסטערס פון די נעגערישע מוזיקער, וועלכע האָבן אָוונטצייט, אויף אַ שיידוועג, קעגן דער לבנה, צונויפגערופן אַלע אונטערערדישע גייסטער... אָבער דער עפּיסקאָפּ האָט מיך דערזען לעבן מיין ערלעכן אָנפירער. ער האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט. פאַרלאָזט זיין פּאָטעל, האָט ער מיר אַ חאונק געטאָן און פאַרבעטן מיך אויף זיין אָרט. דאָ האָט ער מיר דערלאַנגט אַ ליכט אין דער האַנט און זיך אַוועקגעזעצט גאַנץ באַשיידן לעבן מיר אויף אַ שטול... (צי וועט ער מיר נאָך מכבד זיין מיטן צלם אויך?)

אין גאַליציע בין איך איינמאָל צו שמחת־תורה אַריינגע־פאַלן אין אַ בית־מדרש. און דעם טאָג נעמט מען אַרויס די ספר־תורה מיט די הילצערנע עץ־חיימס, באַצויגן מיט סאַמעטענע מענטעלעך און מיט זילבערנע עטרות. מיט שמחה און געזאַנג דרייט מען זיך אַרום מיט זיי אַרום דעם בעלעמער. אָך, ווי שיין און ווי פרייעלעך עס קלינגען די געזאַנגען פון יום־טוב שמחת־תורה! מען האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ יידן. און כדי מהנה צו זיין דעם גאַסט, האָט מיר דער שמש דערלאַנגט אַ תורה אין האַנט. נאָך איצט זע איך מיך מיט דער תורה אין די אָרעמס, ווי איך דריי מיך אַרום דער בימה, בעת דער גאַנצער עולם דריקט זיך אַרום מיר, זינגט און קושט די הייליקע פרענזלעך... היינט האָט מיר דאָס בילד אויסגעוויזן אַ ביסל אויסטערלישער—צו זיצן אויפן טראָן פון אַן אַביסינישן עפּיסקאָפּ, פאַר דעם הויכן טאַמבור, וואָס מיינע גייסטלעכע און איך האָבן פאַרערט.

אין דער באַגלייטונג פון די שוואַרצע גייסטלעכע, מיט אַ

גרויס ליכט אין דער האַנט, אונטער באַגילטע פאָנען, ביי אַ שימערירנדיקן ליכט מאַכן מיר אַ שפּאַציר אויף דער טעראַסע, צווישן געשרייען און הז״האַ, צווישן ריחות פון קטורת און ביי אַ קלינגעריי פון די דינערשע גלעקלעך. ווען די פּראָצעסיע האָט זיך געענדיקט, איז שוין געווען דריי אַזייגער. די אַביסינער און איך גייען צוריק הינטערן פאַרהאַנג און איך באַדאַנק זייער העפלעך זיין הויכקייט, איך גיב אים אָפּ דאָס ליכט און פאַרלאָז דעם הייליקן קבר, ווייל היינט איז שבת, און איידער דער ערשטער שטערן באַווייזט זיך אויפן הימל, וויל איך נאָך גיין זען, ווי די יידן קלאָגן ביים כותל־מערבי.

II.

כותל־מערבי

בײַ אַ צװײ טריט פֿון קריסטוס־קבֿר זענט איר בײַם אַלטן ייִדישן קװאַרטל. די שטילקײט און די קאָלירן פֿון װײַס און בלױ זעצט אײַך אין די אױגן אַרײַן. עס איז פּסח־צײַט, און לױטן מנהג האָט מען מיט בלױלעכן קאַלך אָפּגעװײַסט די צעהױקערטע, צעקרימטע און אױסטערלישע װענט פֿון די קלײנע הײַזלעך, װעלכע האָבן איבער זיך רעשטלעך פֿון אַן אַמאָליקן מױער און זענען באַצױגן מיט אַ שטײנערנעם דעק, ענלעך צו אַ קײַלעכ־דיק ייִדיש שטרײַמל. אין די שמאָלע געסלעך, באַשאָטן מיט קלײנע שטײנדלעך, דורכגעשניטן מיט שטיגן און מיט אױסבױ־גונגען, — װאָסער רױִקײט ס'הערשט אין זײ נאָך דעם ריטמישן קלױסטער־גערױש, װאָס קלינגט נאָך פֿון פֿרימאָרגן אָן אין מײַנע אױערן! װאָס פֿאַר אַ מנוחה עס ליגט אױסגעגאָסן אין דעם טײל אַלט־שטאָט, װאָס זעט אױס װי רעשטן פֿון די אַמאָליקע חורבֿות.

טיטוס, בר־כּוכבֿא, די נבֿיאים, מײַן קריסטלעכע געשיכטע׳ אַ װינקל פֿונעם קלױסטער, װאו איך האָב געלערנט דעם קאַטעכיזם, אַ גאַנצער מיש־מאַש פֿון זכרונות דערװעקן זיך אין מיר און װערן תּיכּף פֿאַרשװוּנדן. און ס'בלײַבט מיר מער נישט איבער װי דער תּענוג פֿון דער איצטיקער מינוט, און דאָס געפֿיל, אַז דאָ איז גאָרנישט פֿאַרבליבן פֿון דער לאַנגער קײט געשעענישן, װאָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט.

און פלוצלונג וואקסט פון מיטן גאַס אַרויס אַ וואונדער-לעכע געשטאַלט! פון קאָפּ ביז די פיס געקליידט אין פּיאָלעט-קאָליר, אין אַ סאַמעטענעם בגד, פון אָפּגעבלאַקירטן היאַצינט מיט אַ לאַנגער אָפּגעבלאַקירטער באָרד, מיט אַ געלן שטריימל, פונקט אַזוי בלאַס און אָפּגעבלאַקירט, ווי דער סאַמעט. און אָט באַווייזט זיך נאָך איינער, איינגעהילט אין גרינע מלבושים, פשוט אין אַ גרינקייט פון אַ פּאַפּוגיי. און נאָך צוויי אַנדערע: איינער אין אַ זיידענער קאַרשנפאַרביקער קאַפּאָטע, דער צווייטער – אין אַ סאַמעט-מאַלינאָווער, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי דאָס אַלטע ירושלים. אַך! ס'אַראַ אויסטערלישע געשטאַלטן, וואָס זענען געהילט אין אַלט-פרענקישע סאַמעטן, אין פּרוכתן. אַזעלכע מענטשן האָב איך קיינמאָל נישט באַגעגנט, אַפילו אויף די ווענעציאַנישע בילדער. אַך, ווי פיין, ווי דעליקאַט עס זעען אויס די מאַנסלייט! און די אָפּשפּיגלונג גלאַנצט, ווי אויף לעגענדאַרישע חתונות. יאָ, צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקן זיך פאַר מיר די יידן אין בילד פון אַ פאַרכּישופטער דערציילונג! צוקוקנדיק זיך צו דידאָזיקע יידן, דערמאָן איך מיך אין דעם שמאָלן געסל פון בעלז און אין דעם, וואָס איך האָב דאָרט און אין סאַדיגורע געהערט פון די זקנים, וועלכע פאַרלאָזן אין איין פרימאָרגן זייער אָרט און קומען שטאַרבן אויף ירושלימער ערד. צי האָבן זיי לכּבוד דעם טויט, אויף וועלכן זיי וואַרטן – אָנגעוואָרפן אויף זייערע סקעלעטן די פּרעכטיקע זיידנס און סאַמעט? און פון צווישן די גלאַנציקע, אויסטערליש-אָפּגעבלאַקירטע בגדים רוקט זיך פלוצלונג אַרויס אַ לאַנגער, שוואַרצער ייד אין אַ גאַליציאַנער קאַפּאָטע, און זעט אויס אַזוי טרויעריק, ווי דער מרה-שחורהדיקער פּוילישער נידע-ריקער ווינטער-הימל.

אין די בלוי־געפארבטע ווענט עפענען זיך די טירן, וואָס פירן אין שמאָלע קאָרידאָרן און שטיגן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ אויף קליינע הויפן. די הויפן זענען איינגעזונקען אין דער ערד, און אַז ס'טוט זיך אַמאָל אַן עפן אַ טויער פון אַ הויף, מיינט מען, אַז דאָ אַנטפּלעקט זיך באַלד אַן אונטערערדישער גאַנג.

און תּמיד באַקומט מען דעם איינדרוק פון אַ צונויפגעפּרעסטקייט, וועלכע מען באַגעגנט אומעטום אין יידישן לעבן. און נישט נאָר אין לעבן, נאָר אויך אין זייער טויט; פּונקט ווי אויף די אַלטע בית־עלמינס אין פּראָג, וואו די קברים זענען אָנגעלייגט איינער אויפן אַנדערן, און זיי שטופּן און דריקן זיך, גלייך ווי די פאַרשטאָרבענע ביי זייער לעבן...

אומעטום נעמט מען אייך אויף העפלעך, מען בעט אייך אַריין צו זיך און מען לאָזט אייך אַלץ פריי באַטראַכטן.

דער פּסחדיקער קאַלך פאַרדעקט אויף אַ רגע דעם עלנט פון הויז; אָבער דער צייטווייליקער גלאַנץ רייצט נאָכמער אויף די פאַרשטיקטע לופט, וואָס מען שפּירט אויפן נידעריקן דעק פון אַ שיף. אָט מיט דער לופט שטויס איך זיך תּמיד אָן אין אַלע יידישע געטאָס, פּונקט ווי יעדעס געטאָ וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע עמיגראַנטן־שיף. אָפּטמאָל באַגעגנט איר אין אַ פּוסטן הויפל אַ קליינעם מויער, איינגעגראָבן אין דער ערד. דאָס מוז זיין אַ בית־מדרשל, ווייל אויף אים שטייט אָנגעשריבן: „ממעמקים קראתיך ה'".

דידאָזיקע געטלעכע היילן זענען פול מיט שטויב און מיט שמוץ. אַנדערע זאָגן, אַז די מורא פאַר אַלע שיינע קונסט־ווערק און פאַר אַלע אָנגענעמע צערעמאָניעס איז אין דער פולער האַרמאָניע מיטן יידישן דת.

און דאָס איינציקע, וואָס האָט עפּעס אַ ווערט, דער סאַ־מעטענער, אויסגעשטיקטער פּרוכת, וואָס פאַרדעקט דעם אָרון־קודש, מאַכט נאָך אויף איך אַ מער טרויעריקן איינדרוק, ווען איר באַטראַכט אים לאַנג.

איך וויל מיך דערשלאָגן צום כותל־מערבי, האָב איך באַ־שלאָסן נאָכצוגיין דעם יידן אין די גאָלד־געלע מלבושים און דעם צווייטן אין זיין אַמאַראַנטן־פאַרביקער קליידונג. זיי גייען און מאַכן מיט די הענט, און איך מיין, אַז אין אַ שבת־טאָג, אין די בין־מנחה־למעריב־שעהן גייען אַלע יידן פון ירושלים צו דעם כותל־מערבי.

איך גיי זיי נאָך טריט ביי טריט, אָפּגערוקט פון זיי אויף אַ קליינעם שטח. וואָס קאָנען זיי איינער דעם צווייטן דערציילן? זיי גייען, שטעלן זיך אָפּ, מאַכן מיט די הענט, און גייען ווייַ־טער. אַ שמועס, וואָס מען הערט אים נישט, ס'איז עפּעס אַ סודותפולער טאָן פון אַ געוואַלדיקער וויכטיקייט! און איך טראַכט מיר גאַנץ נאַיוו, אַז עפּעס וואָלט מיר זיכער אויפגעקלערט גע־וואָרן פון דעם שטומען קוואַרטל, ווען איך וואָלט זיי נאָר געקאָנט פאַרשטיין. איך גיי זיי נאָך כסדר באַרג־אַראָפּ פון די קליינע געסלעך, בעת אַנדערע יידן, טונקעלע און העלע, שטייגן אַרויף. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט אַלע יידן לאָזן זיך צו דעם כותל־מערבי. די ביידע, וועלכע איך בין נאָכגעגאַנגען, זענען אַריין אין אַ שול, וואָס איז באַפּוצט מיט פרעסקן, וואו מען זעט לייבן, הירשן און לירעס, אָנגעהאָנגען אויף ווערבעס. אַ הונדערט נפשות פון אויסטערלישע יידן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין גאַס, שאָקלען זיך און שרייען אויפן שטייגער פון די גאַליציאַנער חסידים.

קיינמאָל וועט מיר נישט פאַרמיאוסט ווערן זיך צוצוקוקן, וויאַזוי יידן דאַווענען. אַך, ווי אינטערעסאַנט! איך פרעג אין אַ צעבראָכענער דייטשער שפּראַך, וואו געפינט זיך די קלאָג־וואַנד? אָבער קיינער פאַרשטייט מיך נישט, און אַלע פרעגן מיך איבער, און באַמיען זיך צו פאַרשטיין, וואָס איך קאָן דאָ פאַר־לאַנגען פון זיי.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע תפילות אין שולכל איבערגעריסן, פונקט ווי זיי וואָלטן אַלע אויף איין פאָדעם געהאָנגען. אָנשטאָט דעם אַלמעכטיקן גאָט, וועלכער האָט מיט אַ רגע פריער אַלעמען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט, בין איך איצט געוואָרן דער געגנ־שטאַנד פון אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט. מיט מיין אָנקומען האָב איך זיי פאַרשאַפט גרויס תענוג. זיי האָבן, קענטיק, גצוען אין מיר אַן אָנגענעמע פאַרוויילונג, וואָס מען דאַרף זי נישט אַוועקלאָזן אַזוי לייכט. דידאָזיקע זקנים האָבן נאָר אַ געשמאַק פאַר דער מינוט, וואָס לויפט פאַרביי, און פאַר דעם תענוג, וואָס מען קען פון איר שעפּן!

ס׳אַראַ פייער, ס׳אַראַ מונטערקייט, ס׳אַראַ דרייסטקייט! אָט אַזעלכער איז דער יידישער גייסט וועגן הימל־זאַכן און וועגן ערד־זאַכן, און תמיד איז ער גרייט, אָן שום פאַרענדערונגען, איבערצוגיין פון איינעם צום צווייטן.

און אָט בין איך אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז גלאַנצעדיקע אויגן, און ס׳דערוועקן זיך אין מיינע רעיונות יענע רוסישע בילדער, וואו מען זעט אַ שליטל, וואָס שטייט אין שניי, צווישן אַ גאַנצער מחנה וועלף, מיט גלאַנצעדיקע ציין און מיט אויגן ווי גלאָווניעס. יעדער איינער פון זיי איז זיך מישב מיטן צווייטן; מסתמא, האָט זיך יעדער זיין געדאַנק וועגן מיין בקשה, דער

תפילה־זאָך, וואָס איך האָב געהערט אינדערפרי, אין קלויסטער, אויף קריסטוסעס קבר, ווערט איבערגעקייט אַזויפיל מאָל, אַז ס'הויבט אָן פשוט צו עקלען! „די יידן זענען טרויעריק! די יידן זענען טרויעריק", אָבער ניין, ס'הייבט זיך כלל נישט אָן! מען דאַרף זיי זען אין זייער שול, אין זייער אָפגעשלאָסענער וועלט. זיי זענען לגמרי גלייכגילטיק צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר נישט ווייט פון זיי, אויף עטלעכע טריט, אין קלויסטער ביי קריסטוסעס קבר. דער טאָג פון הייליקן שבת, וואָס ווערט גע־פייערט אויף קריסטוסעס קבר ערב פסח, איז פאַר זיי ענלעך צו אַלע אַנדערע טעג און זיי האַלטן זיך ביי זייער געוויינלעכער שטימונג: דער באַגער צו לעבן, אויסגעמישט מיט אַ שטרענגער פרומקייט, איז שטאַרק בולט ביי די זקנים. זיי האַלטן כסדר אין איין שרייען אַרום מיר, און איך קאָן קיין איינציק וואָרט נישט פאַרשטיין פון זייער „זשאַרגאָן".

מערקווירדיק איז אָבער דאָס, וואָס דאָ, אין ירושלים, אין אַ שבת, בין־מנחה־למעריב, פאַלט קיין איינעם פון זיי נישט איין, אַז איך פאַרלאַנג איין זאַך: גיין צו דעם כותל מערבי, וואָס באַ־הערשט זייער גאַנץ וועזן און צוליב וואָס זיי אַלע זענען פון אַזוי ווייט געקומען אַהער.

וויאַזוי האָב איך מיך דערקראָגן צו דער „וואַנט"? אויף מיין ערן־וואָרט, איך ווייס נישט. קיינער האָט מיך דאָרט אַהין נישט אָוועקגעפירט. איך בין געגאַנגען, ווי אַ בלינדער, פון איין געסל ביז צום צווייטן. איך האָב זיך געפילט פאַרלוירן צווישןביידע שטיינערנע ווענט, מיט דער פאַרשטיקטער עפּושדיקער

לופט. מיטאַמאָל, ביי אַ געסל־אויסקרימונג, וואָס מאַכט דעם איינ־דרוק פון אַ בלינד געסל אָן אַן אויסגאַנג און וואָס מען באַגעגנט עס אַזוי אָפט אויפן אָריענט – האָב איך באַמערקט אַ גאַנצע שורה ווייבער, זיצנדיק מיט זייערע אַלטע קערבלעך. גלייכצייטיק האָב איך דערהערט אַ טומל און קולות, וועלכע האָבן מיר געגעבן צו פילן, אַז דאָסמאָל האָב איך מיך נישט פאַרבלאָנזשעט, אַז דידאָזיקע נישט גאָר ציכטיקע אַלעע פירט צו דער לעגענדאַ־רער „וואַנט", צו וועלכער מיליאָנען יידישע נשמות שטרעבן, און גאָר אין זייערע חלומות קאָנען זיי צו איר דערגרייכן.

אָט איז די וואַנט פון די הייסע תפילות און געוויין פונם פאָלק ישראל. אַ פאַרוויינטער עולם, אַ קליינער עולם, נידעריק אָנגעבויגן צו דער ערד, וואָס שאָקלט זיך, שרייט און יאָמערט ביי דער הויכער קלאָג־וואַנט. יעדער איינער קרעכצט אויף זיין שטייגער, נישט רעכענענדיק זיך מיטן צווייטן, וואָס שטייט נעבן אים. יעדער איינער אינטערעסירט זיך מיט זיך אַליין, מיט זיינע אייגענע צרות. דאָס בילד איבעראַשט מיך נישט. איך האָב זיך פריער דאָס בילד נישט אַזוי פאָרגעשטעלט, אָדער בעסער – איך האָב גאָר קיין באַשטימטן באַגריף נישט געהאַט איבער דער „וואַנט", ווען וועלכער איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט ביי מיין באַזוך אין די גאַליציאַנישע שטעטלעך. איצט, ווען איך קוק אָן דאָס בילד, פאַרשטיי איך, אַז אַזוי דאַרף עס אויסזען.

די מאַסע, וואָס שאָקלט זיך ביי די תפילות אין דער גרע־סטער אומאָרדנונג; דער שמאָלער דורכגאַנג, וואו ס'באַוועגט זיך דער עולם, צווישן דעם גרויסן „כותל־מערבי" און אַ צווייטער וואַנט, אַן אַראַבישער, געבויט פון שטיינדלעך און ליים, פונקט ווי יענע, דורך וועלכע איך בין אָקאָרשט דורכגעגאַנגען; דער

„כותל־מערבי“, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון גרויסע שטיי־נער, אַרויפגעלייגט אײנס אויפן צווייטן און וועלכע האַלטן זיך אַ דאַנק דער גלייכגעוויכט פון זייער שווערקייט; די גאַנציקע וואַנט, וואָס איז באַטאַפּט און אָפּגעבלאַקירט אין דער נידער, ווייל אין אַ משך פון לאַנגע דורות איז זי תמיד באַריירט גע־וואָרן פון שטערנס, מיילער און הענט; דידאָזיקע דיקע וואַנט, וואָס ווערט דורך קיין זאַך נישט באַלעבט, אַ חוץ דורך עטלעכע קרייטעכצער, וואָס וואַקסן אין אירע שפּאַלטן; דידאָזיקע פאַר־עקשנטע און נאַקעטע שטיינער־מאַסע, וועלכע האָט דורות־לאַנג אויסגעהאַלטן און איבערגעלעבט אַלע חורבנות פון אַלטן ירושלים, וואָס שטייט אויף ניין קלאַפטער איינגעפאַלענע חורבות — דאָס אַלץ איז אַ סימבאָל אי פון שוואַכקייט, אי פון קראַפט פון יידנטום. די יידישע טראַדיציע זאָגט, אַז דידאָזיקע שטיינער זענען נאָך אַ רעשט פון בית־המקדש, וואָס שלמה המלך האָט אויסגעבויט. די אַרכעאָלאָגן, מיין איך, האַלטן זיך ביי אַ גאַנץ אַנדער מיינונג. אָבער ווער אינטערעסירט די אַרכעאָלאָגיע? צי די וואַנט איז אויסגעבויט געוואָרן דורך יידישע הענט, אָדער זי האָט שוין לאַנג עקזיסטירט, ווען די יידן זענען אַריין אין לאַנד יהודה, — זיי, די זקנים, איז דאָס נישט וויכטיק. ביי זיי איז חשוב נישט בלויז דער בנין פון שלמה המלך, נאָר די אומבאַזיגטע האָפענונג פון פאָלק ישראל, אַז זייער חורבן וועט אויפגעריכט ווערן און אַז די ישועה וועט געוויס קומען.

אַריינגעקומען דאָרט אין דעם דורכגאַנג, צו דעם „כותל־מערבי“, האָב איך געזען, ווי ווייבער אין געבלימטע שאַלן, מיט טיכלעך אויף די קעפּ, האָבן שטילערהייט געקרעכצט. איך זע, ווי מיט זייערע אַלטע הענט גלעטן זיי אומאויפהערלעך די „וואַנט“

און כליפען-צו דערבײ. אַ יונג מײדל װײנט מיט ביטערע טרערן, אָנגעלענט אויף אַ שטײן איר מאַטן, װאַרעמען פּנים, פּונקט װי אויף אַ קישן. נײן, ס'איז אוממעגלעך, אַז אַזאַ שײן, יונג מײדל זאָל פאַרגיסן אירע טרערן און באַקלאָגן בלויז טויטע שטײנער און טויטע אידעען, און קלאָגן אויפן חורבן פון אַ טעמפּל פון צוריק מיט צװײ טויזנט יאָר! װאָס איז איר צער און װײטיק? פאַרװאָס איז זי אַזױ פאַרצװײפלט? איך פיל, אַז דידאָזיקע שטײנער קאָנען איר נאָר העלפן קרעכצן, אָבער אירע יסורים פאַרלײכטערן .קענען זײ נישט... קוקנדיק אויף די מאַמעס און אויף די שװעסטער, קלאָגן אויך די קלײנע קינדער.

און אַ ביסל װײטער שטײען ײדן אין קאָלירטע זײדענע און סאַמעטענע מלבושים, אויך אין שװאַרצע קאַפּאָטעס און אין טליתים, אײנגעבויגן איבער אַ תהילימל. זײ שטײען און שאָקלען זיך, בײגן זיך, הויבן זיך אויף, פאַרנעמען די פּאות אין אַ זײט, כּדי צו קאָנען נענטער מיטן פּנים אָנרירן די „װאַנט", אָנלענען דערויף זײערע שטערנס און זײערע הענט און זאָגן זײערע תּפילות האַרט בײ דער „װאַנט".

איך פיל שטאַרק דעם קאָנטראַסט צװישן דידאָזיקע אור-אַלטע שטײנער, װעלכע װעלן נאָך זײער לאַנג זיך האַלטן, און די זקנים, װאָס װעלן אַװדאי גאָר אינגיכן צומאַכן די אויגן אויף אײביק אין דעם עמק-יהושפט.

נו, איז װאָס? שוין-זשע זענען זײ נישט פאַראײביקט אויף זײער אופן? נאָך זײ קומען אַנדערע זקנים און בעטן; דערנאָך װעלן קומען װידער אַנדערע אויף זײער אָרט...

שוין עטלעכע רגעס, װי איך בין ממש אַנטציקט מיט אײנעם פון די אַברהמס, װאָס קרעכצט מער פון אַלע, אײנער פון די

טריסטלאַזע זקנים, וואָס ענלעך צו אים האָבן די גרעקן היינט אויפגעשטעלט ווי אַ ליאַלקע, כדי אים צו באַשפּייען נעבן קריסטטוסעס קבר אַלס זיין פאַררעטער, יהודה איש־קריות...

פּלוצלונג בלייבט דער זקן שטיין און הייבט זיך אָן צו קראַצן די פּלייצע, וואו ס׳בייסט אים. איינגעשטילט דאָס ביי־סעניש, ווערט ער תיכּף צוריק פאַרזונקען אין זיין טיפן טרויער, וועלכער קומט און גייט אַוועק לויט זיין פאַרלאַנג.

דער רייזנדער, וואָס פאַלט דאָרט אַריין, און איז לחלוטין אומבאַקאַנט מיט די געפילן פון דערדאָזיקער אויסטערלישער מאַסע, וועט לכתחילה נישט זען קיין שום אונטערשיד צווישן דער הויכער „וואַנט״ און אַנדערע ווענט, וואָס זענען פאַרבליבן פון די אַמאָליקע גראַנדיעזע בנינים פון די פעניציישע געגנטן, און די אַלע קלאָגערס וועט ער באַטראַכטן, ווי אַ פילפאַרביקן פאַנאַטישן המון, וועלכן מען באַגעגנט זייער אָפט אויפן אָריענט צווישן די מאַכמעדאַנער. ווייל פון אָריענט שטאַמען אַרויס די אַלע העויות, געשרייען, דאָס שאָקלען זיך און אַלע תפילה־זאַצן, הע̃לכע ווערן עקשנותדיק איבערגעחזרט מיטן זעלבן איינאַרטיקן ריטם. אָבער אין דעם שטעקט עפּעס מער, ווי אין דעם טאַנץ פון די מאַכמעדאַנישע דערווישן אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ אין מאַראָקאָ.

עפּעס העכערס, אַ פלאַם פון אַ פאַרלאַנג, וועלכער שטראַלט אין יעדן יידיש האַרץ, ווערט אויסגעהויכט דאָ פאַרן כותל־מערבי. דאָס האָב איך נאָך אַמאָל געפילט אין גאַליציע. אָך, אין זיינע פאַנטאַזיעס טראָגט יעדער מזרח־אייראָפּעישער ייד אַרום די ליבע צו ציון! קיינמאָל האָט נאָך דאָסדאָזיקע פאַרוואָגלטע פאָלק נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דער הייליקער שטאָט פון דוד־המלך.

לשנה הבאה בירושלים! נאָכן חרוב ווערן פון בית־המקדש ווערט דערדאָזיקער געשריי פון האָפנונג יעדעס יאָר אין דער פסח־נאַכט איבערגעחזרט אין אַלע עקן וועלט, וואו נאָר דער ייד איז פאַרוואָגלט געוואָרן. מעגלעך, אַז ביים מערב־ייד, אין די עמאַנציפירטע לענדער קלינגט עס אַ ביסל איראָניש, אָבער אין די רוסישע, פוילישע, רומענישע געטאָס — ס׳אַרא אויפריכטיקייט, ס׳ארא וואונדערלעכער כוח פון בטחון! אינם טרוקענעם תלמוד ווערט הערלעך געשילדערט ירושלים מיט אַלע פּאַלאַצן פון עבר און ניט אַלץ, וואָס אַ טרוימערישע נאַטור קאָן נאָר באַגרייפן פון שיינקייט.

צו דער הייליקער שטאָט ירושלים ציען זיך די אַלע אילוזיעס פון די נידעריקע הייזלעך, צונויפגעפרעסט ערגעץ אויף אַ ברעג פון אַ טייכל אין די קאַרפּאַטן־בערג, אָדער ערגעץ אין אַ טאָל פון פוילן. אַלעמאָל, אינדערפרי, ביים דאַווענען, דערהערט זיך דערדאָזיקער אייביקער רוף, מיט וועלכן דער ייד ווענדט זיך צום האַר פון דער וועלט: „בלאָז אין גרויסן שופר פאַר אונדזער באַפרייונג און הייב אויף די פאָן, כדי אויפצוזאַמלען אונדזערע ברידער, פאַרוואָגלטע אין אַלע עקן וועלט; מיט דיין רחמנות קום צוריק אין דיין שטאָט ציון און פיר דאָרט דיין ממשלה, ווי דו האָסט צוגעזאָגט. בוי זי תיכף אויס אויף אַ פעסטן יסוד. זיי געלויבט, וואָס דו וועסט צוריק אויסבויען ירושלים!"

און וויפל מאָל האָב איך צווישן די יידן פון אַזעלכע שטעטלעך מיט נייגיר געהערט דערציילן אַזעלכע טרויעריקע מעשיות, ווי אַזוי דער נס וועט געשען. משיח וועט קומען אויף אַ ווייסן פערד. פונקט ווי אַמאָל, וועט דער רויטער ים געשפּאָלטן ווערן פאַרן פאָלק ישראל. איבער די אָקעאַנען וועלן דורכגעצויגן

ווערן פאַפּירענע בריקן, שטאַרקער פון אייזן. די יידן וועלן דורך זיי אַריבער מיט דער לייכטקייט פון אַ שאָטן... און נאָך טויזנטער מערקווירדיקע פּרטים, וואָס פאַרקירצן די לאַנגע קאַלטע אָוונטן פון גלות.

אַ מערקווירדיקע געשיכטע איז מיט די דאָרטיקע זקנים. נאָכדעם ווי זיי האָבן אין אַ משך פון זעכציק יאָר געוועגדט זייערע רופן קיין ירושלים, די אַלטע רופן פון פאָלק־ישראלס אַחדות, באַשליסן זיי זיך אין אַ העלן פרימאָרגן צו פאַרלאָזן זייערע אייגענע, זייערע קרובים, די שטעטלעך, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט זייער לעבן, כדי צו מאַכן די פאַרפּישופּטע נסיעה. בּיי די אַלטע לייט, וועלכע שטייען שוין בּיי די לעצטע יאָרן זייערע, זעט מען גאַנץ אָפט אַ חשק אַוועקצוגיין, אָפּצוגאַרן דעם טויט, וואָס לויערט אויף זיי.

אָבער די זקנים, וואָס לאָזן זיך אויף אַזאַ אופן קיין ציון, זענען זיכער בּיי זיך, אַז שטאַרבן אין ארץ ישראל – איז אַ גאַראַנטיע פאַר אַן אייביק לעבן. הייליקע ספרים שרייבן: „ווער עס טרעט פיר איילן אויף דער הייליקער ערד פון די אָבות, ווערט באַפרייט פון אַלע זיינע חטאים. וואוינען אונטערן שאָטן פון ציונס ווענט, איז אַזוי גלייך ווי צו דערפילן די שטרענגע תרי״ג מצוות”. און אַ חוץ דעם אַלעם ווערט דורך דערדאָזיקער נסיעה אויסערגעווינלעך באַפרידיקט דאָס געפיל פון ריינער גאווה.

אַן אָרעמער שוסטער־יונג, וואָס האָט נישט קיין אַרבעט, אַ שניידער, וואָס גייט אַרום מיט פאַרלייגטע הענט, אָן אַ שטאָך מלאכה, אַלע די, וואָס פאַלן מיט דער עלטער אַלס לאַסט אויף דער געזעלשאַפט, ווערן פּלוצלונג גאַנצע בּריות און פאָרן קיין

ירושלים. היינט-מאָרגן טרעט ער אַריין אין דער הייליקער מלוכה און ווערט אַמבאַסאַדאָר פון זיין שטעטל. וואָס רייד איך? דער פאָרשטייער פון גאַנצן יידנטום פאַרן כסא הכבוד, וועלכער האָרכט זיך נישט צו אַזוי אין קיין שום אָרט צו די תפילות פון זיינע יידן, ווי דאָ, ביי דער „וואַנט", פון צעשטערטן בית-המקדש.

ביי אַן אומגעהויערן קאָנצערט פון לויב-געזאַנגען און ברכות פאַרלאָזן זיי פוילן, אונגאַרן, רומעניע, רוסלאַנד, מיט-נעמענדיק מיט זיך מער נישט ווי רייזע-הוצאות, דעם טלית און תפילין און עטלעכע ספרים.

און אין ירושלים? צי דאַרף דאָרט אַ פרומער מענש זיך זאָרגן, ווי אַזוי ער וועט דאָרט קאָנען לעבן? דאָס גאַנצע ביסל יידנטום פון דער וועלט, וואָס האַלט זיך אויף אין די גלות-לענדער, צי עקזיסטירן זיי נישט דאָרט בלויז דערויף, כדי זיך צו זאָרגן פאַר זיי? פאַר זיי, די דעלעגאַטן פון צעזייטן און צע-שפרייטן פאָלק, די הייליקע אַמבאַסאַדאָרן, די שלוחים, וועלכע פאַרווענדן זייערע לעצטע טעג בלויז אויף די תפילות ביים הר הבית...

אַך, ווען זיי וואָלטן דאָרט נישט געווען, דידאָזיקע זקנים, ווען זיי וואָלטן דאָרט נישט געקלאָגט ביי דעם כותל-מערבי, ווען יעדער בליק פונם אַלמעכטיקן, וואָס פאַלט אויף דער צעשטער-טער שטאָט, אויף דער שטאָט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון געצנדינער — ווען יעדער בליק וואָלט דאָ און דאָרט זיך נישט געקאָנט אָפרוען אויף אַ ייד, וואָלט נישט באַגעגנט קיין גרויע באָרד, קיין אַלטע קאַפּאָטע און אַלע אַנ-דערע זאַכן, וואָס געפעלן, לויט זייער באַגריף, דעם אויבערשטן! ווען דער אויבערשטער וואָלט איין איינציקן טאָג געקאָנט אַ זאָג

סאַן: „ס׳איז שוין נישט פאַרבליבן מער קיין איינציקער ייד אין מיין געליבטן ציון; זיי האָבן מיך פאַרלאָזט אויף אייביק!״ — שלעכט וואָלט דאַן געווען: וואָסערע פגעים, וואָסערע אומגליקן וואָלטן זיך דאַן אַרויפגעשאָטן אויפן פאָלק ישראל! אָבער די אַלטע קלאָגערס זענען דאָרט! און פונקט ווי דער מלאך, וואָס האָט אַמאָל אָפּגעהאַלטן ביי אַברהם אָבינו, בעת דער עקידה, דאָס מעסער, וועלכעס ער האָט שוין געהאַט אויפגעהייבן אויף יצחקס קאָפּ, אַזוי שטילן זיי איצט איין דעם גרימצאָרן פונם רבונו של עולם און האַלטן אָפּ זיין אָרעם, וואָס איז גרייט זיך אַראָפּצולאָזן אויפן פאַרגעסענעם פאָלק ישראל!

נו, אויב מען איז, אַלזוי, ביי יידן באַשטימט פאַר אַזאַ הויכער אויפגאַבע, ווי צו זיין שתדלנים ביים רבונו של עולם און צו שטילן זיין האַרץ, וואָס איז תמיד באַליידיקט — צי קאָן מען זיך דאַן אָפּגעבן מיט עפּעס אַ מלאכה, פאַרלירן כאָטש אַ טייל פון לעבן צוליב דער געמיינער דאגה פון געלט און פאַר-דינסט? אַז ווייבער קאָנען האַלטן קראָמען, פאַרקויפן ליכט, פאַרשידענע שטאָפן, קוילן, אַ קערצל תבואה, נו, מילא, דאָס לייגט זיך נאָך אויפן רעיון! צי גייט דען עמעצן אָן, וואָס ווײַ-בער טוען? אָבער די מאַנסלייט! דאָ דאַרפן די מאַנסלייט נאָר האַלטן אין איין קלאָגן, אין איין קרעכצן און פאַר דאָס איבע-ריקע זאָלן די יידן בני רחמנים דאגהן.

ס׳קאָן אַפילו אויסוויזן זייער קאָמיש, אָבער דאָך איז אַ פאַקט, אַז משה רבינוס פאָלק, וועלנדיק אויסדריקן זיין טיפע פּאָעז ע, האָט נישט געפונען קיין אַנדערע טיפן, ווי נאָר שלעפערס און זקנים, וואָס טראָגן אויף זיך דידאָזיקע משונהדיקע אָפּגעלאַקירטע סאַ-מעטענע מלבושים פון עפּעס אַ צרהדיקן טעאַטער.

און אַמשענסטן געפעלט מיר טאַקע דערדאָזיקער דלות.

וואָסער פראַכט און רייך דאָס מעכטיקע און רייכע פאָלק ישראל וואָלט נישט אַריינגעבראַכט קיין ירושלים, וואָלט עס אַלץ געווען באַנאַל. צי קען דען זיין עפּעס הערלעכער און מער צוגע־פּאַסט צום יידישן גורל, ווי דאָס רעפּרעזענטירן אין ציון מיט שלעפּערס און קבצנים? אינדערשטיל איז דאָס יידישע פאָלק אַזוי אין גאַנץ מזרח־אייראָפּע; אַזוי איז עס אין די פאַרחושכטע קוואַרטאַלן פון לאָנדאָן, פון ניו־יאָרק. און אַזוי זעט מען עס אויך דאָ. זיי וואָלטן אָפּגענאַרט דעם אויבערשטן, בשעת זיי וואָלטן אים וועלן איינריידן, אַז זיי קלערן בלויז פון אים, ווען זיי זענען רייך און האָבן ערפאָלג. ניין! ווען דאָס פאָלק ישראל איז פעט, קלערט עס נישט פון גאָט! אָבער עס איז תמיד נענטער צו אים, ווען עס איז אָרעם און באַליידיקט. דעלעגירנדיק צום „כותל־מערבי" אַ ביסל פון זייט נויט, שפּרייט עס אויס פאַר די אויגן פון רבונו של עולם אַ בילד פון זיין ביטערן מזל און דער־מאָנט אים אָן אויפהער וועגן זיינע הבטחות פון מאַכט און גליק, וואָס דאָס פאָלק האָט אַמאָל באַקומען.

איך פאַרשטיי נישט קיין איינציק וואָרט פון די אַלע תפילות, וואָס ווערן אויסגעגאָסן אַרום מיר יעדע רגע מיט מער פאַרבי־טערטקייט, וואָס נענטער ס'פאַלט צו דער אָוונט. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער זין איז פאָלגנדיקער: „צוויי טויזנט יאָר טריי־שאַפט, צוויי טויזנט יאָר ליבע, פון גלויבן, צוויי טויזנט יאָר רופן צו די שטיינער, וועלכע האָבן תמיד געענטפערט מיט אַ ברוטאַלער שטילשוויגעניש, צוויי טויזנט יאָר — דאָס איז דאָך עפּעס!"

„זע, אונדזער האַרץ האָט זיך גאָרנישט געענדערט! אָ, גאָט,

אונדזערע מחשבות טראָגן זיך תמיד צו דעם הר־הבית, וואו דוד המלך האָט דערזען דעם מלאך מיט דעם גלאַנציקן שווערד אין דער האַנט. מיר קרעכצן, וואָס מיר זענען דערווייטערט געוואָרן פון דיין הויז, וואו מיר האָבן דיך פאַרגעטערט. מיר בעטן צו דיר מיט תחנונים און געוויין, זאָלסט אונדז וואָס גיכער דאָ אַהערברענגען! אין נאָמען פון דיין חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש, אין נאָמען פון דיין אַנטרונענער שיינקייט שטייען מיר דאָ און וויינען!"...

און הערנדיק די תפילות און דעם געיאָמער, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער די אייביקע יידישע אומרואיקייט, זייער אומצופרידנקייט, זייער שטרעבן יעדעס מאָל צו עפּעס אַנדערש, זייער רוף צו בויען אַנדערע טעמפּלען, צו אידעאַלע געזעלשאַפֿטן, וואו די גאַנצע מענטשהייט זאָל אַרונטערפאַלן אונטער זייער הערשאַפֿט.

און ווייסנדיק וועגן דער מעכטיקער שטרעבונג פון פאָלק ישראל — צו באַהערשן די וועלט, קומט אויס קאָמיש זיך צוצוקוקן, ווי דידאָזיקע אידעען דריקן זיך אויס מיט אַזאַ אומבאַוואוסטזיניקן כוח דאָ, ביי דער „וואַנט", מיט די נישטיקע מוסטערן, וואָס געפינען זיך דאָ, פון צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק.

אַזאַ מין איינגעעקשנטע פאַרצווייפלונג — צי דריקט זיך אין איר נישט אויס דער שענסטער געשריי פון האָפנונג? אין גרונט זענען די איכהס אָנגעפילט מיט פרייד און מיט דעם טיפן גלויבן אין זיך אַליין, וואָס איז אַ סימן, אַז מען האַלט זיך פאַר אַן אויסדערוויילט פאָלק.

צי האָט דען אַמאָל איין שאַל פון שופרות נישט צעשטערט די ווענט פון יריחו? צי קאָנען אַזויפיל פאַרגאָטענע טרערן נישט אויסבויען די הייליקע שטאָט?

אָבער פאַר דער גרויסער פּאַקעטער וואַנט, וואו קיין שום זאַך פאַרהאַלט נישט דעם בליק, פאַרהאַלט נישט די ווערטער, באַפאַלט מיך אַ חלום, אַז דער בית־המקדש זאָל אַמאָל אויפגעבויט ווערן נאָך היינטיקן אָוונט, פאַר מיינע אויגן.

איך הייב אָן מיד צו ווערן פון די אַלע פרומע געוויינען, וועלכע פילן אָן מיט פאַרשידענע שפּראַכן, מיט פאַרשידנאַרטיקע רעיונות פון פרימאָרגן־אָן, זינט איך האָב באַזוכט די אַלערליי קלויסטערס און געבעט־הייזער — מיינע אויערן. די געשרייען פון די פּראַוואָסלאַוונע קריסטן, די פּויקן פון די אַביסינער, די געוויינען פון די יידן — דאָס אַלץ איז גענוג אויף היינט!

עטלעכע קלאָגערס מאכן־צו זייערע ספרים, רייסן זיך אָפּ פון עולם און גייען אַוועק צופרידן און גליקלעך מיט דעם, וואָס זיי האָבן דערפילט איינע פון די וויכטיקע פונקציעס פון פאָלק ישראל. די אַנדערע הייבן־אָן באַכמער צו יאָמערן, אפשר וועט דער שטערן, וואָס פאַרשפּעטיקט זיך אויפצוגיין אויפן הימל, אפשר וועט ער אָפּהאַלטן דידאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך פון זינען געבירט?... איך פּרואוו צוקומען צום צווייטן עק פון דעמדאָזיקן אומבאַקוועמען שמאָלן דורכגאַנג, מיטן פעסטן בטחון, אַז איך וועל געפינען אַ וועג, וועלכער וועט מיך אַרויספירן דאָרט אינדערהייך, צום הר הבית, דאָרט, וואו ס'האָט אַמאָל געגלאַנצט דער בית המקדש, וועגן וועלכן די יידן קרעכצן און בעטן דעם אויבערשטן, ער זאָל אים אויפבויען צוריק. מיט גרויס מי מאַך איך זיך אַ וועג צווישן די קלאָגערס. איך קום־צו צום עק פון דורכגאַנג. אָבער פאַרוואָס זאָל נישט זיין מעגלעך, אַז אַזאַ באַשיידענער וואונטש זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, דאָ, אויפן אָרט פון אייביקער פאַרוויסטונג? ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ

געסל־זאַק. איך האָב געמוזט גיין צוריק, און ווידער אדורכגיין דעם גאַנצן קלאָג־לאַגער. צולעצט גיי איך פאָרט אַרויס פון דעם אויס־טערלישן אָרט. איינער פון די יידן לייגט מיר פאָר אַ בוקעט פון צוויי זשאַסמינען מיט עטלעכע גראָז־שפּראָצעלעך, וואָס שטאַמען פון דעם כותל־מערבי. איך דערלאַנג אים עטלעכע סו. ער זאָגט זיך אָפּ צו נעמען. ס'איז שבת, און אום שבת טאָר אַ ייד נישט געבן און נישט נעמען קיין געלט. אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלען זיך די קבצנים אין דערמדאַזיקן טאָג אין געבערס און שענ־קען יעדן רייזנדער קליינע בוקעטן, ווי אויך אתרוגים.

מיט צוויי בלומען אין דער האַנט גיי איך דורך דעם גאַנצן צעשטערטן לאַבירינט, דורך וועלכן איך בין אַהער געקו־מען און פונוואַנען ס'טראָגן זיך נאָך אַלץ נישט קיין אָנגענעמע ריחות. אָבער דאָס טרויעריקע שטעגל שטעלט זיך מיר איצט אַנדערש פאָר, ווי מיט אַ ווײַלע צוריק. דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צו דער קלאָג־וואַנט, דער וועג פון נויט, וואָס פירט צו דער פאַרשטאָפּטער גאַס, צו דעם געסל־זאַק פון האָפנונג.

III.

אָמאַרס מעטשעט

אַ לאַנגער טונקעלער געוועלב, מאַיעסטעטיש ווי אַ פעלזן־בריק. אין דער פינסטערניש, וואָס באַפאַלט אים, פיל איך ווי רעכטס און לינקס אין דער וואַנט געפינען זיך נישן מיט שפאַלטן, וועלכע אַנטפלעקן גרויסע שטראַלן־פאַסן, קליינע פאַרשימלטע באַצוימונגען, אַ מיש־מאַש פון שטיקלעך, צוזאַמענגעוואָרפן מיטן גרינס פון די חורבות. ביים סוף – אַ ברייטער פרייער שטח, אַ באַגילטע אַטמאָספערע, איילבערט־ביימער און ציפריסן. אַרום איז טויט־שטיל. בלאָנדזשענדיקע בנינים, מצבות, פאָנטאַנען (מען קען גוט נישט דערקענען), אַ ברייטער ווייסער לייטער, וואָס שיילט זיך קלאָר אַרויס אין דעם אקאָרשט־צוגעפאַלענעם בין־השמשות. און איבער דעם אַלעם, אויפן זעלבן אָרט פון בית־המקדש, וואו דער שרעקלעכער יידישער גאָט האָט אַמאָל אָנגענומען די רויכער־דיקע בלוטן פון קרבנות, שטייט אַ קיאָסק פון טערקישע שטאָפן, פון דימענטן, פון גרינע ים־גראָזן, און אַ קליינער שימערירנדיקער פאַלאַץ, וואָס גלאַנצט ווי אַ בלויער פייגל. אַלץ באַטראַכט, שטעל איך מיך אָפּ אויף די צעפאַלענע שטיגן. איך בין אַ געפאַנגענער צווישן אַ גאַנצע מחנה אומבאַמערקלעכע גייסטער, און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער און זוך דעם געטלעכן געלעכטער.

דאָ שטייט מען נאָך און מען זאָגט תפילות. צווישן זיינע מאַרמאָרן און צווישן די מאָזאַיק־בלעטער, פאַרעאָטן מיט פאַר־

שידנפאַרביקע פייגעלעך, האָט דערדאָזיקער גלאַנצפולער אזור־פּאַלאַץ איינגעהיט דעם סאַקרא, דעם הייליקן שטיין, אויף וועלכן גאָט האָט אָפּגעהאַלטן אַברהם אָבינוס מעסער, וואָס איז אויפגעהייבן געוואָרן איבער יצחקן און וואו מאַכמעד איז נתפעל געוואָרן פאַרן געטלעכן טראָן.

דורך די אָפענע טירן, אונטער די לאָמפּן, באַמערק איך די פרומע ליכט. זיי בויגן זיך איין און הייבן זיך אויף מיט אַזעלכע באַוועגונגען, וואָס דערמאָנען מיר אין יענע יידן, ביי וועלכע איין רואיקע און פיינע באַוועגונג רופט תיכף אַרויס אַ צווייטע ווילדע תנועה. אָבער דידאָזיקע מוסולמאַנישע תפילה פאָדערט גאָרנישט פון גאָט. ס׳איז אַן איינפאַכע גאָט־באַגריסונג, ס׳איז נישט מער ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז גאָט האָט נישט אויפגעהערט צו זיין דאָ, און אַז דער מענטשלעכער געדאַנק שטייגט דאָ כסדר אַרויף דורכן ליכטיקן לייטער, וואָס איז פון יעקב אָבינוס צייטן אַנידערגעשטעלט געוואָרן צווישן הימל און דער ערד. אַך! איך בין גאָר אויף אַ האָר נישט מסופק געוועזן, אַז אויף דעם אָרט, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די עשרת־הדברות מיט זייערע דראָונגען און שטראָפן פון קצור־ימים — אַז אָט אויף דעם אָרט האָב איך איצט געהאַט די געלעגנהייט צו זען די שענסטע אויסדרוקן, וואָס עקזיסטירן אויפן אָריענט און אפשר אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען דער נאַיוועער תענוג פון לעבן. אומזיסט האָב איך אַלץ געחזרט: „דאָס איז דאָס אָרט, וואָס דוד המלך האָט אָפּגעקויפט ביי אַרנובען פאַר זעקס הונדערט גאָלד־שקלים, דער גרויסער טעאַטער פון דער יידישער טראַגעדיע, גאָטס פוס־בענקל"; אומזיסט האָב איך מיט זיך איינגעטענהט, אַז קריסטוסעס קול קלינגט נאָך צווישן דער פאַרצוימונג. די פראַכט, דער רייץ

מעקט אַלץ דאָ אויס! ס'אַראַ צוזאַמענבראָך מיטן עבר, ס'אַראַ
רואיקע באַגייסטערונג צו זאַכן, וואָס די תורה האָט פאַרוערט!
פונקט ווי דאָס לאַנגע מענטשלעכע לעבן, וואָס באַוועגט זיך
כסדר, באַרואיקט זיך אַמאָל, אַזוי איז אויך דאָסדאָזיקע אָרט
דערגאַנגען צו אַ רואיקער מדרגה. מען האָט נעזאָגט, אַז זייענ-
דיק פאַרמאַטערט צו אָטעמען מיט הימל-זאַכן, וואָס לאָזן זיך
נישט דערגרייכן, האָט מאַכמעד געראַטן און דערלויבט אַלע
פילגרימען, אַז זיי מעגן שעפּן פון אַלע לעבנס-תענוגים, וועלכע
זענען אַזוי לייכט, ווי די בלעטער פון די איילבערט-ביימער;
זיי מעגן זיך אָפּזאָגן פונם אָפּגעגנאַרטן געדאַנק, וועלכער באַ-
נוגנט זיך מיט קלייניקייטן, וואָס מען קען אָננעמען מיט דער
האַנט. ס'קלינגט מיר נאָך אין די אויערן דער געיאָמער ביים
כותל-מערבי, פאַר מיינע אויגן פלאַמען ווידער אויף פאַרוויינטע
אויגן, און רוקנס, וואָס זענען אויסגעבויגן פון דורות-לאַנגע
צרות; לאַנגע טרייסטלאָזע בערד, אויסגעדאַרטע הענט, וואָס ווילן
אָנכאַפּן דאָס גליק, אָבער שטויסן זיך, ליידער, אָן אויף גליטשי-
קע באַקעטע שטיינער. און דאָרט — אויף עטלעכע טריט איבער
דידאָזיקע פאַריאָמערטע זקנים, געפינט זיך דאָס געטלעכע אָרט,
דער גן-עדן, וואו קיינער פון זיי האָט זיך קיינמאָל נישט דער-
וועגט אַריינצוקומען! די מאַכמעדאַנער האָבן עס נישט דערלויבט.
און זיי אַליין האָבן אויך קיין חשק נישט דאָרט אַרויפצוקומען,
ווייל מיט דעם וואָלטן זיי מטמא געווען די קדשי-קדשים, וואו
נאָר דער כהן-גדול האָט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוקומען. גע-
צויגן פון אַזוי ווייט דורכן דראַנג צו ציון, קומען זיי צום כותל-
מערבי, פאַרבלייבן דאָרט אין זייער גרוב און קרעכצן. און וואָס
פאַרלאַנגען זיי, גאָט אין הימל? אַז דער שענסטער וויגקל פון

דער וועלט, יאָ, שיין, ווי אַ חלום, זאָל פאַרשוואונדן ווערן, ווי אַ חלום דורכן קלאַפּ פון אַ שרעקלעכן נס! האָרך זיך נישט צו צו דעם געיאָמער פון דיינע יידן! לאָז זיי קלאָגן און יאָמערן! דאָס איז זייער תכלית און דאָס איז זייער תענוג. אָבער בוי נישט אויף דעם בית־המקדש און דערלויב נישט זיך צוצורירן צו דעמדאָזיקן פאַרפּישופּטן ווינקל!

אין פאַרשטויבטן גראָז שפּאַציר איך מיך אַדורך אויף דער הויכער עספּלאַנאַדע. פון איין זייט זינקען פאַרשימלטע קופּאָלן, פאַרזשאַווערט מיטן געלן קרעץ פון אַלטן ירושלים. פון דער צווייטער זייט דערהייבט זיך די פעלזנוואַנט פון הר־הזיתים. און דאָרט ווידער גאַנצע שורות בערג. לויט זייער בלווילעכער שאַטירונג דערקענט מען פון גאַנץ ווייט, אַז דאָס ציען זיך די הרי־מואָב ביים ברעג פון ים־המלח און אין עמק הירדן. אָבער אויף דעם ברייטן שטח פאַרנעמט דער הימל אַ גרעסערן פּלאַץ אין אייערע רעיונות, ווי די ערד. איך זע, ווי לייטערס, באַלויכטענע לייטערס, לאָזן זיך אַראָפּ פון הימל, ווי מלאכים שטייגן אַרויף און אַראָפּ, ווי כרובים הייבן זיך אַרויף מיט פיינגעטאָקטע גופים. איך זע וואָלקנס, וואו גאָט האָט זיך באַוויזן מיט קולות און בליצן, שימערירנדיקע שווערדן, רעגנס פון מן, דונערן און קולות פון הייליקע טרומייטערס, דראָונגען און הבטחות, פייערלעכע שבועות, וועלכע זעגען הונדערטער מאָל נישט דערפילט געוואָרן. אָבער ביי היינטיקן טאָג איז די גאַנצע סביבה פּוסט און אָרעם, פאַרגעסן פון מענטשן און נאָכמער פון גאָט!

דער אָוונט איז צוגעפאַלן און מיט אַ לייכטער האַנט אויסגעמעקט די אַלע זאַכן, פּונקט ווי די צייט וואָלט געוואָלט אויסראָטן די עדות פון פאַרשידענע אידעען, וואָס האָבן דאָרט גע־

בליט. די ברייטע הייליקע באַצוימונג, וואָס איז איינגעשלאָסן צווישן די ווענט, איז ענלעך צו אַן אַלטן אָפּגעריבענעם פאַר־שריבענעם טאָוול, אין וועלכן מענטשן האָבן כסדר געקריצט, כדי דאָרט אויסצוקריצן עפּעס אַנדערש. וואו איז דער פינסטערער חדר, אין וועלכן ס׳געפינט זיך דער אָרון־קודש, די עשרת־הדברות דער חשן־ואפוד און דער אָרון מיטן מן? נישטאָ קיין שום זכר פון בית־המקדש און פון שלמה־המלכס פּאַלאַץ. נישטאָ קיין סימן פון אַנטאָניע, וואו דער אַפּאָסטאָל פּאַול איז געזעסן אַ געפאַנגע־נער און וואו די זעלנער פון רוים האָבן אָפּגעהיט יעדן שריט פון די הייליקע יידן, וועלכע זענען תמיד גרייט געווען צו אַן אויפשטאַנד. נישטאָ דאָס קאַפּיטאָליום, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך אַדריַנוס־קיסר, נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבאן און פון רב־עקיבאַן. בלויז דאָ און דאָרט, צווישן די איילבערט־ביימער בלאָנקעט אַרום די לבנה־רייץ איבער אַ לייכטן בנין, איבער די זיילן פון דוד־המלכס טריבונאַל, וואָס אַ קייט פאַר־בינדט זיי מיטן הימל, און איבער די לייכטע זיילן־דורכגאַנגען, וואָס לאָזן אַדורך אונטער זייערע געוועלבן אַ ביסל בלאַסלעכע ליכט. און נאָר די נאַכט לאָזט מיר נישט זען די קייט, אויף וועלכער דער מלאך גבריאל וועט ביים יום־הדין אַנהענגען זיין וואָג, און דעם פאָדים, וואָס איז דינער פון לעבן און שאַרפער פון אַ שווערד, וואו ס׳וועלן מוזן אַדורכגיין די צדקים, איידער זיי וועלן אַריינקומען אין גן־עדן...

דער שיינער מעטשעט שיקט איצט שימערירנדיקע גרינע און בלויע שטראַלן. לעבן מעטשעט פיל איך אַ ביסל דעם אנגע־נעמען ריח פון רויזן־וואַסער, וואָס סאַלאַדינס שוועסטער האָט אויף אַכציק קעמלען געבראַכט פון אַלעפּ, כדי אויסצורייניקן דאָס

אָרט, וואו די קרייצן־האַקערס האָבן אויסגעבויט אַ קלויסטער. די געשפּענסט־זײַלן און די גרויע איילבערט־ביימער ווערן לאַנגזאַם פאַרשוואונדן אינדערפינסטער, פּונקט ווי אַ פאַרבײַגייענדיקער שאָטן, וועלכן מען וועט שוין קיינמאָל מער נישט זען. די ציפּריסן האָבן גאַנץ רואיק געוואַרט אויף דער נאַכט, וואָס איז פיל ליכטיקער פון זייערע בלעטער. און דאַן ווייס איך אַליין נישט, ווי אַזוי, דורך וואָסער שרעקלעכן כּשוף איז געקומען צו מיר דערדראָזיקער געדאַנק: „צי איז עס געמאָלט, אַז אין געסל־זאַק, ביים כּותל־מערבֿי זאָל זיך נאָך לאָזן הערן אַזאַ נאַרישער קול, וואָס בעט צו גאָט, ער זאָל דאָס אַלץ חרובֿ מאַכן?” און איך אַליין בין געווען אַזאַ שוטה, אַז מיר זאָל גאָר עפּעס אַזוינס איינפאַלן. פאַרלאָזנדיק דעמדאָזיקן לבֿנה־גן־עדן, לאָז איך מיך ווידער אין דעם טרויעריקן לאַבירינט, וואָס פירט צו דער הײליקער וואַנט. אָבער מען זעט שוין קיינעם נישט אין טרערן־דורכגאַנג, איך בין דאָ אַדורכגעגאַנגען פון איין עק ביזן צווייטן. און איך האָב מיך שטאַרק געחדושט, פאַרוואָס ווײַנען נישט די שטיינער, ווי, אַ שטײגער, אַ וואַנט, וואָס ברענט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג אויף דער זון, לאָזט זי נאָכדעם אַרויס אַ ביסל היץ. ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע, די געטאָס פון בערלין, לאָנדאָן און ניו־יאָרק, דאָס יידנטום פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויף אייביק נישט צו באַלעסטיקן דעם אויבערשטן. און ערשט דאַן, אין יענער איינזאַמקייט, מאַכט אויף מיר די וואַנט אַ טרויעריקן איינדרוק. אומעטום, וואו ס'זײַנען דאָ יידן, ברענגען זיי מיט זיך דאָס וואַנדערניקע לעבן. זייער יאָמערדיקע פאַרצווייפלונג — דאָס איז נאָך אַלץ לעבן, זייערע וויי־געשרייען פאַרטרייבן די מרה־שחורה.

אָבער דידאָזיקע שטילקייט! די שטילקייט איז ענלעך צו טריבונאַלן, פון וועלכע די אָנקלאָגערס זענען אַוועק! און איך האָב לעבן זיך דערפילט דעם ריח פון פייגנבוים, וואָס זיינע װאָרצלען ליגן אין וואַנט. דעריבער איז דער כותל־מערבי דאָך נישט פאַרלאָזן! בלויז די מענטשן האָבן אים אויף אַ רגע פאַרלאָזן. אָבער דער אַלטער ביבלישער בוים האָט אינדערפינסטער אָן אויפהער געגאָסן פאַר אים זיין מחיהדיקן ריח, פּונקט ווי דער הייליקער נר־תמיד וואָלט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט ווייטער געצויגן די תפילות, וואָס די מענטשן האָבן אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט.

IV.

דער נביא פון בולוואַר

וואָס איז געשען אין דערדאָזיקער נאַכט? צי האָט דער אויבערשטער ווידער געוויזן עפּעס אַ נס? שווין־זשע איז עס מעגלעך, אַז אַלע יידן, אַלע אַלטע יידן, וועלכע איך האָב נעכטן געזען קלאָגן ביים כותל־מערבי, זאָל ער אין איין נאַכט האָבן פאַרוואַנדלט אין יונגעלייט, וואָס טראָגן, אויפן אַמעריקאַנישן שטייגער, כאַקי־העמדלעך, מיט קורצע הייזלעך אין לאַנגע וואָלענע זאָקן, מיט אַלפּן־שיך, מיט אַ סקאוט־טיכל אַרום האַלדז, מיט אַ ברייט־ראַנדיקן הוט און מיט אַ רעוואָלווער, אָדער אַ כמו־רעוואָלווער אַרום זייערע גאַרטלען? און די יונגע פרויען מיט זייערע קורצע קליידלעך, מיט נאַקעטע הענט און מיט מיצן אויף די קוטשמעס, לויטן מוסטער פון זשאַנאַ ד'אַרק, — צי איז עס די יידישע יוגנט?.. אָבער, אַז מען גיט אַ קוק אויף זייערע פּנימער, דערקענט מען באַלד. דידאָזיקע גרופּעס יונגעלייט און פרויען, וועלכע איך באַגעגן אומעטום אין די נייע קוואַרטאַלן פון הויכן ירושלים, זענען טאַקע יידן, אָבער יידן פון גאָר אַ נייעם מין, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען. מיט זייער אומגעריכטער קליידונג איבערראַשן זיי אפשר מער, ווי די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט וועלכע עס שווימלט און גריבלט אין די געסלעך פון אַלט־שטאָט. דאָס זענען די חלוצים, די פּיאָנערן, די לוויים פון נייעם ציון, וועלכע זענען געקומען

אין לאַנד פון זייערע אבות, ווידער אויפצובויען די אַלטע מלוכה פון דוד־המלך. איך באַגלייט זיי מיט די אויגן און טראַכט בעת מעשה פון יענע סיבות, וועלכע האָבן זיי געבראַכט אַהער.

אין יאָר 1895 פלעגט מען אין די קנייפּעס פון בולוואַר, וואו ס׳פלעגן אַריינקומען זשורנאַליסטן, באַגעגענען אַ מענטשן פון אַ יאָר פערציק. אַ שיינער סעמיטישער טיפּ: אויגן שוואַרצע, די באָרד צוגעשוירן אויפן שטייגער פון די אַמאָליקע אַסירישע מלכים. ער האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ היימלאָזער פון געטאָ. ער האָט זיך אָנגערופן הערצל, דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל, דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווינער „נייער פרייער פּרעסע״. ער איז געווען אַ בודאַפּעשטער ייד. אָבער צי איז מען אַ ייד בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט באַקומען אין די יונגע יאָרן אַ געוויסע בקיאות אין דער יידישער געשיכטע, צי דערפאַר ווייל מען האָט זיך אויסגעלערנט עטלעכע העברע־אישע ווערטער? צי איז מען אַ ייד דערפאַר, ווייל ערגעץ אין אַ ווינקל דמיון האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט עטלעכע נייגיריקע ערינערונגען פון אַ ווייטן פּסח־סדר, אָדער פון אַ פּורים־סעודה? די גימנאַזיע, די אוניווערסיטעט האָבן עס אַלץ אויסגעמעקט. און אויב ס׳איז נאָך עפּעס יאָ פאַרבליבן אַ שוואַכער ריח פון יידיש־קייט, איז עס לגמרי אויסגעמעקט געוואָרן צוליב די לאַנגע נסיעות אין אייראָפּע און די באַקאַנטשאַפט מיט פאַרשידענע געזעלשאַפטן. פון פּאַריז פלעגט ער צושיקן זיין זשורנאַל פּאָליטישע נאָטיצן און ליטעראַרישע איינדרוקן. אָדער ער פלעגט זיך גאָר צופּאַסן צום געשמאַק פון דער גאַס און פלעגט שרייבן לייכטע פּיעסן,

וועלכע מען פלעגט דערנאָך שפּילן אין בערלין אָדער אין ווין. אָוונט-צייט, צווישן פינף און זעקס אַ זייגער, האָט מען אים אין דער נעאָפּאָליטאַנישער קנייפּע געקענט אָנגעמען פאַר אַן עכטן פּאַריזער.

אָבער איינמאָל, אין אַ העלן פרימאָרגן, האָט ער פּלוצלונג איינגעפונען, אַז ער איז אַ ייד מיט לייב און זעל. די מעשה־דרייפוס האָט אין אים אויפגעוועקט דעם אַלטן פאַרגעסענעם אמת, אַז אַ ייד, ווי פרעמד ער זאָל נישט זיין צו די מנהגים פון זיינע אבות, איז ער דאָך תמיד אַן אַנדער מענטש צווישן די אומות, וואו ער מוז וואוינען; ער איז אַלעמאָל אַנדערש, ווי אַלע; ער איז אויסטערליש, פאַרדעכטיק, און קעגן אַזאַ איינעם דערוועקט זיך תמיד די אַלטע שנאה. צי דאַרף מען רעזיגנירן, אָפּגעמעקט ווערן, פאַרשוואונדן ווערן, זיין באַשיידן און קליין, אָדער קעמפן? זיך אונטערגעבן — דאָס איז נאַריש און פּחדנותדיק. זאָל מען ווידער פּראָטעסטירן, וואָסערע נוצן וועט עס דאָך ברענגען? די דורותלאַנגע דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז ס׳ברענגט קיין שום נוצן נישט. שוין לאַנג עקזיסטירט די יידן־פראַגע, און אין אַ משך פון צוויי טויזנט יאָר צייט קען מען זי נאָך אַלץ נישט פאַרענטפערן. די אויסנאַם־געזעצן, די רשעות קעגן יידן האָבן נאָר געהאַט די פּעולה, וואָס דאָס פאָלק ישראל איז תמיד פאַר־בליבן איזאָלירט, תמיד ענלעך צו זיך אַליין, הגם טיילמאָל קעגן זיין אייגענעם ווילן. און אַ דאַנק דעם אומגליקלעכן פאַטאַליזם, האָט דער גייסט פון טאָלעראַנץ און עמאַנסיפּאַציע תמיד געגעבן די פאַרקערטע רעזולטאַטן. אומעטום, וואו מען האָט דעם יידן געלאָזט פריי אַנטוויקלען זיין איינגעבאָרענעם טאַלאַנט, פלעגן זיינע דערפאָלגן גאַנץ אָפט אַרויסרופן גרויס קנאה און גרימצאָרן

אין די ליבעראלע הערצער, דארט, וואו מען האט גערעכנט, אז פאר אזעלכע זאכן איז שוין מער קיין ארט נישטא. וואס בלייבט פארט איבער צו טאן? וואסער מיטל זאל מען אויסגעפינען פאר דערדאזיקער דורותלאנגער קרענק, פון וועלכער ס'ליידן אן אן אויסנאם סיי די יידן, סיי די קריסטן? אזוי ווי צווישן די אומות העולם זענען די יידן א פרעמדער גוף, וואס שטערט דעם נאציאנאלן לעבן, און אזוי ווי זיי אליין פילן זיך דארט זייער שלעכט, וואלט געווען נאטירלעך, דאס בעסטע — אויף תמיד זיך אפצוזאגן פון דער מבזהדיקער גאסטפריינטלעכקייט פון די פעלקער, באפרייען זיי פון אן איבעריקער לאסט, און זוכן אין פאלעסטינע אדער ערגעץ אנדערש א שטיק ערד, וואו דאס צעזייטע פאלק ישראל זאל סוף-כל-סוף קענען געפינען זיין מקום מנוחה, זיין ווירדע, זיין גלייכגעוויכט, א היים, וואו ער זאל קענען פירן א נאטירלעך לעבן, ווי אלע אומות פון דער וועלט. ס'האט זיך דאך געהאנדלט וועגן דעם, אז מען זאל נאכאמאל ארויסרייסן די יידן פון מצרים, פון גלות, פונקט ווי משה-רבינו האט אמאל געטאן. אבער משה-רבינוס אונטערנעמונג בנוגע זיין בייער אויפגאבע האט מען געקענט פערגלייכן צו א גוטער אלטער אפערע, וואס דארף דינען פאר א מאדערנער לירישער דראמע. הערצל האט געהערט שפילן דיזעלבע מעלאדיע, אבער מיט מער פלייטן, הארפן, פידלען, בלאז-אינסטרומענטן, מיט נייע באפוצונגען און מיט אויסגעצייכנטע כארן. אליין שטארק באגייסטערט, וואס ס'טרעפט זיך זעלטן מיט א וואדעוויל-דיכטער,*) האט ער אנגעשריבן א בראשור אויף א הונדערט זייטן און דארט אויסגעדריקט

*) אין א יידיש הארץ איז מעגלעך, אז באגייסטערונג און איראניע זאלן זיך איינלעבן צוזאמען.

זיין מיינונג, ווי אַזוי עס באַדאַרף פאָרקומען די איבערוואַנדערונג פון זיין פאָלק.

די ראָל פון אַן אָנפירער פון פאָלק ישראל, די אַלטע ראָל פון משה־רבינו, האָט געזאָלט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון אַ יידישער געזעלשאַפט, פון מענטשן, וואָס זענען ערלעך און פעאיק צו גרויסע אונטערנעמונגען. זיי האָבן עס געדאַרפט זיין די פאָרשטייער פון יידישן פאָלק ביי אַנדערע פעלקער און אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי צו באַקומען אַ טעריטאָריע.

אַ צווייטע געזעלשאַפט, פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, וואָס האָט זיך געגרינדעט אויף אַקציעס, לויטן מוסטער פון ענגלאַנד, האָט געדאַרפט ליקווידירן די פאַרמעגנס פון די עמיג־ראַנטן אין די לענדער, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן, און פאַרן הויז, אָדער פאַרן פאַרמעגן, וואָס עמעץ האָט איבערגעלאָזט, האָט ער גע־דאַרפט באַקומען אַ ניי הויז, אַ ניי פאַרמעגן אין דעם נייעם לאַנד. אַזוי־אַרום האָט יעדער איינציקער געזאָלט באַקומען דאָס, וואָס ער האָט אין זיין גלות־לאַנד פאַרלאָזן. די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט, האָט מען געזאָלט פאַרזיכערן מיט אַרבעט. דידאָזיקע וועלן זיין די ערשטע אויף אַוועקצופאָרן. זיי זענען אַ גוטער מענטשן־מאַטעריאַל, דידאָזיקע אָרימע־לייט פון פאָלק ישראל, ווייל דער יסוד פון דער גרויסער אונטערנע־מונג איז פאַרצווייפלונג. זיי וועלן טאָן די ערשטע אַרבעט, זיי וועלן בויען די ערשטע הייזער, זיי וועלן גרינדן די ערשטע שטעט, זיי וועלן פאַרלייגן די ערשטע וועגן. די קאַפּיטאַליסטן וועלן אָנקומען שפּעטער. אין לאַנד פון גרויסן בטחון וועט זיי צוציען די אידעע פון אַ לייכטן לעבן.

וואָרום ס'איז דאָך באמת שווער זיך אַרויסצורייסן פון אַ לאַנד, וואו אַ חוץ אייערע צרות ווערט איר נאָך צוגעבונדן צו אייערע אַלטע ערינערונגען צו דער וויג און צו די מצבות. די וויגן, זעט איר, קען מען אַפילו יאָ מיטנעמען. אָבער די מצבות, צי דאַרף מען זיי נישט פאַרלאָזן, כדי צו עמיגרירן אין דער אָדער יענער מדינה, וואו מען נעמט העפלעכער אויף? מיט אַ צייט פריער ווערן צונויפגערופן פראַקטישע קאָנפערענצן, ס'ווערן אָפגעריכט תפילות, אויף וועלכע עס ווערט אויסגעאַרבעט דער גייסט און די נשמה פונם קינפטיקן עמיגראַנט פאַר דערדאָזיקער שווערער אונטערנעמונג; די נסיעה ווערט געמאַכט משפחהווייז און דורך פריינט, אונטער דער אָנפירונג פון פאַרטרוילעכע מענטשן, וואָס יעדע גרופע קלייבט זיך אויס. אַזויאַרום געפינט מען זיך בעת דער לאַנגער נסיעה צווישן באַקאַנטע מענטשן, און דאָס פאַריאָגט דעם אומעט. גרויסע גרופעס עמיגראַנטן באַקומען פון דער געזעלשאַפט אַ גאַנצן צוג און אַ שיף. ס'דאַרף מער נישט זיין ווי איין קלאַס, ווייל אַ נישט גלייכע באַהאַנדלונג אויף אַזאַ מין נסיעה ווירקט זייער שלעכט, און סוף-כל-סוף איז דאָך דידאָזיקע נסיעה נישט קיין לוסט-רייזע, און דעריבער דאַרף מען אָנווענדן אַלע כוחות, אַז די שטימונג זאָל זיין אַ גוטע. גייט מען אַראָפ פון דער שיף, באַקומט דער עמיגראַנט אַ פייערלעכן קבלת-פנים, אָבער געלאַסן, אָן ווילדער התפעלות. וואָרום ער האָט נאָך אַ סך שווערע מאָמענטן איבערצוקומען!

נאָכדעם קומט יעדערער אויף זיין אָרט, וואָס מען באַשטימט אים, און אַ פאַרגעסן לעבן פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק הייבט זיך ווידער אָן צווישן יידן, אויף דער יידישער ערד, אונטערן שוץ פון דער בייער יידישער פאָן. אַ פאָן, וואָס

וועט נישט האָבן די בלויע פּאַרב פון כהן־גדול, און דער כהן־גדול וועט נישט טראָגן דעם לייב פון שבט יהודה, אויסגעשטיקט אויף זיידנס, נישט דעם חשן־ואפוד, גישט די מנורה מיט זיבן רערן. קיין שום פּאַרצייטיקע עמבלעמען, גאָר אַ צייכן, אונטער וועלכן דאָס ניי־אויפגעלעבטע פאָלק וועט זיך וואַרפן אויפן זיג פון זייער נייעם היימלאַנד. דער צייכן — דאָס זעגען די זיבן גאָלדענע שטערנדלעך, וועלכע האָבן אין הערצלס געדאַנקען סימבאָליזירט די זיבן אַרבעטס־שעהן — מיט איין שעה ווייניקער, ווי אויף דער גאַנצער וועלט.

אין גרונט גענומען, זענען דאָס געווען אַלטע מעסיאַנישע געפילן, אָבער מען האָט געפונען אַ פּירוש, אַז דאָס זענען אַרגומענטן פון אַ געשעפטס־מענטש, פון אַ סאָציאָלאָג און פון אַ יוריסט. אויס מיט די אַלטע יידישע קלאָגמוטערס, אויס מיט די תחנונים צום אויבערשטן! דער גרויסער דראַנג צו דעם לאַנד פון די אָבות, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו טליען אין האַרץ פון פאָלק ישראל, האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ געשעפטלעכער קאָנצעלאַריע, פון אַן עמיגראַציע־אונטערנעמונג, פון אַ באַנק־אָפּעראַציע.

הערצל האָט פאַרוואַנדלט אין אַ פּאָזיטיווער פּראָגראַם דאָס, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ דראַנג פון דער נשמה און אַ סענטימענטאַלער חלום. פון דעם צוריקקער צו זיך אַהיים האָט ער געמאַכט אַ גרויסן ליאַרם. מען האָט אָנגעהייבן צו שרייבן איבער דעם אין די צייטונגען, מען האָט אָנגעהייבן צו האַלטן דרשות איבער דעם אויף די קאָנגרעסן. קורץ, אין אַ מיסטישן געדאַנק האָט ער איינגעהילט אַ רעאַלע ווירקלעכקייט, אַ לייכטן גאַלאָפּ, וועלכן מען קען על־פּי שכל פאַרווירקלעכן.

און אַ סך יידן, וועלכע האָבן זיך אין רוסלאַנד געוואָרפן אין פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, זענען נאָכדעם צו־געשטאַנען צו דעם נייעם גלויבן. אַגב, איז עס נישט געווען אַזוי געפערלעך און ס'האָט זיך געלאָזט גלויבן דעריין.

איך דערמאָן מיך, אַז אין יענער צייט בין איך אַרומגע־פאָרן איבער פוילן מיט אַזויפיל התלהבות, וואָס לאָזט זיך פּשוט נישט אויסדריקן. איך האָב דעמאָלט אַנדעקט דאָס מערקווירדיקע לעבן פון די גאַליציאַנער גאַטאָס. איינמאָל, אין אַ שבתדיקן אָוונט, ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט פונם שטעטעלע בעלץ, וואו איך האָב אין אַ בית־מדרש, בין מנחה־למעריב, פאַרבראַכט מיט אַ סך חסידים צוזאַמען מיט זייער רבין, אַ בעל־מופת, בין איך געבליבן שטעקן אין שניי צוליב עפּעס אַ מנובל אַ בחור. אַנשטאָט אַ קאַפּאָטע, ווי אַלע גייען דאָרט אָנגעטאָן, האָט ער געטראָגן אַן אָפּגעשאָסענע, איראָפּעישע מאַרינאַרקע. אין אַ צעקאַליעטשעטן פראַנצויזיש האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים אָנטאָן „דעם גרויסן כבוד און זיך אויסטענהן מיט אים". אַ רגע שפּעטער האָבן מיר זיך שוין ביידע געפונען אין אַ חדר פון מיין אכסניה, ביי דעם פלעמל פון אַ ליכט, וואָס איך האָב אָנגעצונדן.

— מסיע, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר, — שוין גאַנצע אַכט טעג, ווי איך נעם נישט אַראָפּ די אויגן פון אייך, ווייל מיר האָבן דאָ קיין אַנדער אַרבעט נישט, ווי נאָכצוקוקן די מענטשן, וואָס פאָרן דאָ אַדורך. און ווען מיר האָבן נישט קיין פרעמדע, קוקן מיר נאָך איינער דעם צווייטן. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט כאַפּן מיט אייך אַ שטיקל שמועס. זייט מיר מוחל,

וואָס איך האָב זיך נישט געקענט גיבר זיין. איר האָט דאָ פאַר־בראַכט אַ וואָך צייט צווישן צבועקעס און משוגעים. דערדאָזיקער בעל־מופת, אַרום וועלכן מען דרייט זיך אַרום אַ גאַנץ לעבן, איז אַ געמיינער עם־האָרץ. ער לעבט פון אונדזער דחקות, און קיינעם אַרט עס נישט. וואָלט ער כאָטש געווען אַ בן־תורה! אָבער דאָס איז דאָך אַ גראָבער יונג! ער האָט קיין שום ידיעה נישט אין דער תורה, אין תלמוד, אין קבלה, מיט וואָס ער נעמט זיך איבער אַזוי שטאַרק. וואָס־זשע דען? ער ווייזט נסים! מאַנכע גלויבן און אַנדערע מאַכן אָן אָנשטעל, אַז זיי גלויבן. דאָ זעט מען אָבער בלויז שטותעריי און שקרים. ס'איז מיר אַ חרפה און אַ בושה פאַר די יידן! אַלץ, וואָס איר האָט געזען, מסיע, האָט אין אייך געמוזט אַרויסרופן בלויז עקל...

ער איז משוגע געוואָרן, דער יונג! נישט יעדן טאָג גע־לינגט דאָך צו אַנטדעקן אַ נייע וועלט. דידאָזיקע התפעלות, דער ברען, דער אויסטערלישער מיסטיציזם, די תורה, דער תלמוד, דער זוהר, דער בעל־מופת מיט זיינע קרומע אויגן און מיט זיין נביאישער באָרד, די חסידישע פרומע שלש־סעודותן מיט זייערע זמירות, דער ריח פון בראָנפן, און אַז. וו. — צי וועט מיר דער־דאָזיקער שלאַק דאָס אַלץ קאַליע מאַכן?

— אויב איך פארשטיי אייך גוט, — האָב איך אים אַ זאָג געטאָן, — האַלט איר לחלוטין נישט פון בעלץ? טאָ אויב אַזוי, וואָס געפעלט אייך יאָ?

דאַן האָב איך אין דעמדאָזיקן פאַרוואָרפענעם חינקל צום ערשטן מאָל דערהערט דעם נאָמען פון דאָקטאָר הערצל, פאַר וועמען דער אָרעמער בחור האָט, מסתמא, געהאַט דיזעלבע בלינדע התפעלות, ווי די איבעריקע פון שטעטל פאַרן רבין, דעם בעל־

מופת. מיט דער היץ פון זיין ראַסע, וואָס האַלט פאַר אַ רעאַלע זאַך אַן אידעע, וועלכע שוועבט נאָך דערווייל אַרום אין דער לופטן, האָט ער זיך שוין געזען אויף דער ערד פון זיינע אָבות, ווי ער העלפט בויען די אוראַלטע מלוכה פון דוד־המלך. מיט גרויס חדוש האָב איך אים אויסגעהערט, ווייל די התפעלות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר דערדאָזיקער אידעע, האָט מיר עפּעס אויסגעזען מער אויסטערליש, ווי דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין בעלץ. דער מיסטישער רוף צום אייביקן ציון, צו אמונה אין משיחן, וועלכער וועט צונויפזאַמלען אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע יידן אין דעם ניי־אויפגעבויטן בית־המקדש, — דאָס אַלץ לייגט זיך יאָ אויפן שכל. דאָס איז פאַרבליבן אין די חלומות, ווי אַ גאַנץ אַלטע רגילות, ווי אַן אַלטער אויסדרוק פון ליבע, ווי אַ זיפץ פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט דערגרייכן. אָבער ווי קען מען ערנסט גלויבן, אַז אָן דער הילף פון גאָט, אָן דער הילף פון אויסערלעכע מיניסטאָרן און אָן דער הילף פון רייכע באַנקירן קען פאָרקומען דערדאָזיקער נס: מען זאָל אַוועקגעבן יידן פאַלעסטינע? ווי קען זיך עס גאָר לייגן אויפן רעיון, אַז אַבדול־האַמיד, דער ראש פון די מאַכמעדאַנער, וועט זיך וועלן אָפּזאָגן פון ירושלים, וואו עס שטייט אָמאַרס מעטשעט, דאָס הייליקסטע אָרט אין דער וועלט נאָך מעקא און מדינה? זאָל מען אַפילו אָננעמען, אַז מען וועט זיי באַצאָלן מיט די גרעסטע אוצרות אין דער וועלט. וויאַזוי קאָן מען אָבער גלויבן, אַז די קריסטלעכע פעלקער וועלן קוקן מיט צופרידענע אויגן, ווען זיי וועלן דערזען אַרום קריסטוסעס קבר אַ יידישע ערן־גוואַרדיע? ווי קען מען גלויבן, אַז די רוסישע רעגירונג וועט דערלאָזן אין פאַלעסטינע אַ טריומפירנדיק יידנטום, וואָס ס'וואָלט

צעהייסן — פאַרשטאַרקן די מאַכט און די גדלות פון די יידן, וואָס וואוינען אויף זיין טעריטאָריע? ווי קען מען גלויבן, אַז די יידן פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע, וועלכע זענען איינגעגעסטיקט אין דידאָזיקע לענדער, און וועלכע האָבן דאָרט מיטלען פאַר זייער עקזיסטענץ, זאָלן טאָן אַזאַ נאַרישקייט און פאָדערן אַ נייַ היימלאַנד?

און בעת די מענטשן פון בעלץ מיט זייער ווילדער התפעלות האָבן אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן אויסגעפונען די זיכערסטע וועגן צום גליק, קומט גאָר דער פאַרשיכורטער יונגערמאַן און פאַרשאַפט מיר יסורים מיט זיין באַגייסטערטער אמונה און כימערישע האָפענונגען, וועלכע לאָזן זיך פאַרווירקלעכן...

אָבער ס'איז גאָרנישט קיין אידעלע אַרבעט אָפּצוקילן יענעמס באַגייסטערונג. אין דער היילקער שטאָט בעלץ זענען אַפילו דאָ געווען בלאָטעס, גענוג שניי, גענוג אַנדערע מרה־שחורהדיקע זאַכן, כדי אַריינצושפּריצן דעם ווינטער אין דער נשמה פון דעמדאָזיקן יונגן בחור. איך האָב באַהאַלטן אין זיך מיינע רעיונות און אים האָב איך געלאָזט גיין מיט זיינע בטחון־אוצרות. ער האָט נאָך אַוודאי צוגעדריקט צום האַרצן עטלעכע אַלטע שמוציקע העברעישע זשורנאַלן, וואו מען האָט געקענט זען קורץ־געקליידטע יידן, וועלכע האָבן אין לאָנדאָן, צי אין אַמעריקע, אָדער אַנדערש וואו פאַרטיידיקט די גרויסע אידעע.

דער נייער יידישער נביא האָט זיך זייער שנעל אָנגעשטויסן אויף אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער אַלטער פּראָפעסיע פון פאָלק ישראל. די רבנים, וועלכע זענען די פירער פון המון אין מזרח־אייראָפּע, האָבן נישט אנער־

קענט דעמדאָזיקן משיח אין פּראַק, וועלכער האָט געלעבט ווי אַ
גוי און וואָס וויל ווערן דעם אַלמעכטיקנס פּאַרטרעטער, כּדי
פונדאַסניי אויפצובויען ירושלים. די גרויסע יידישע פינאַנסיסטן
זענען אויך טויב געווען צו זיין רוף. נישט דער באַראָן הירש,
וועלכער האָט געשטיצט די ארגענטינישע קאָלאָניסטן, און נישט
דער באַראָן עדמונט ראָטשילד, וועלכער האָט אויפגעהאַלטן מיט
זיין געלט די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס, האָבן נישט געוואָלט ענדערן
זייערע מעטאָדן און נאָכגיין דעם נייעם משה-רבינו. אַן אומבאַ-
קאַנטע גרופּע האָט אים געשאַפט אַ פּאָר מיליאָן, אָבער וואָסער
ווערט האָט עס געקענט האָבן אין אונדזערע שווערע צייטן, ווען
מען דאַרף פּאַרוואַנדלען אין לעבן אַזאַ גרויסן נס. צי האָט
דאָקטאָר הערצל געקענט רעכענען, אַז מיט אַזאַ צרהדיקן באַקשיש
וועט געלינגען אונטערצוקויפן דעם ראש פון די מאכמעדאַנער?
צוויי מאָל האָט ער געזען אַבדול-האמידן. צום ערשטן מאָל האָט
ער באַקומען פון אים דעם מעדזשידזשישן אָרדען און אַ בריליאַנ-
טענע שפּילקע. צום צווייטן מאָל האָט הערצל אים פּאָרגעלייגט
צו שאַפן אין קליין-אַזיע טעלעכע צעזייטע קאָלאָניעס, נאָר אָן
מלוכה-רעכט. די מפּלה איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע, און דער
ווינער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעהייבן אַרומצווזען, אַז די רעאַלע
פּאָליטיק, מיט וועלכער ער איז געווען אַזוי שטאָלץ, איז געווען
אַ ביסעלע צו שוואַך.

דער ענגלישער מיניסטער טשעמבערלען, וואָס אין זיינע
אָדערן פליסן אַ פּאָר טראָפּן יידיש בלוט, האָט זיך, צום גליק,
אין יענער צייט נעפונען אין אוגאַנדע. דאָס אויסזען פון יענע
פּאַרוויסטע מקומות האָבן אים דערמאָנט אין דאָקטאָר הערצל
וועלכן ער האָט גאַנץ צופעליק באַגעגנט אין לאָנדאָן און זיך

באַקענט מיט זיין גראַנדיעזן פּראָיעקט וועגן דער איבערוואַנדערונג פון פאָלק ישראל.

די ענגלישע רעגירונג האָט געמאָלדן, אַז ענגלאַנד וועט זיין שטאַרק צופרידן צו זען די יידן און אוגאַנדע. אָבער מערב־אַפריקע איז מסתמא נישט פּאַלעסטינע! אוגאַנדע איז נישט געווען ציון! האָט מען אָבער פאַר דערדאָזיקער גרויסער עמיגראַציע, וועלכע איז פאַרלויפיק געווען ווייט פון דער ווירקלעכקייט, צוערשט נישט געקענט שאַפן אַ פּראָוויזאָרישע היים, אַ סטאַציע, וואו דאָס אויסדערוויילטע פאָלק זאָל זיך צופּאַסן צו דער פריי־הייט און צו אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן? הערצל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דערדאָזיקער אידעע. אָבער ער איז געבליבן אַליין, אָן זיינע יידן!

איך האַלט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון וועגן דעם, אַז די באַגייסטערונג, וועלכע ער האָט אַרויסגערופן ביי די אינטעלעקטועלע געטאָ־לייט, האָבן געהאַלטן נישט פון אים און נישט פון זיינע אידעען, נאָר פון דעם באַ־גייסטערטן דראַנג, וואָס פאַרכאַפּט דאָס פאָלק ישראל, ווי נאָר מען ·דערמאָנט זיי וועגן ציון. פאַר די יידן פון פּוילן, רומעניע און רוסלאַנד איז ירושלים נישט קיין פּוסט וואָרט, און נישט דער סימבאָל פון אַ מלוכהלע, וואָס איז ערגעץ אויפגעשטעלט געוואָרן, נאָר די לעבעדיקסטע ווירקלעכקייט, דער דרינגלעכסטער באַגער. ווען ער האָט אויף איינעם פון די קאָנגרעסן, וועלכע זענען יערלעך צונויפגערופן געוואָרן אין באַזעל און לאָנדאָן פאָרגעלייגט די פּאַלעסטינע־באַגייסטערטע הערצער, אַז זיי זאָלן פאָרן קיין אוגאַנדע, איז געוואָרן אַ געשריי און אַ יללה! ער האָט פאַרראַטן ירושלים! אנשטאָט אַ ליכטיקע מלוכה, וואָס לייגט ער אונדז דאָ פאָר? אַ פינסטערע היים, אין אַ פאַרחושכטן לאַנד!

אך! דער נייער משה־רבינו, דער ייד מיט דער קנאַפּער שייכות צו יידישקייט, האָט געמוזט איבערלעבן שרעקלעכע מאָמענטן צווישן די קאָנגרעס־פאָרשטייער פון געטאָ, וועלכע ער האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערקענען נישט אין ווין און נישט אין פּאַריז. יעדער קאָנגרעס איז על־פּי־רוב אַ זאַמלונג פון טומל־דיקע פּלוידערייען. אָבער אַ יידישער קאָנגרעס! ס׳אַראַ געוויש! ס׳אַראַ פיבער! ס׳אַראַ ביסל הענט! ס׳אַראַ זשעסטן! ס׳אַראַ טופּערייַ, קרעכצעריי! ס׳אַראַ יללה! ס׳אַראַ פּילפּולים! מען דער־ציילט, אַז ביי זיין גסיסה האָט זיך דעם אומגליקלעכן נביא אויס־געדאכט, אַז ער ראַנגלט זיך מיט די ווילדע יידן, און, באַגאָסן מיט שוויס, האָט ער אין פאַרצווייפלונג געמאַכט מיט דער האַנט, עס זאָל ווערן שטיל. אָבער שטיל ווערט אַ ייד ערשט דאַן, ווען ער איז שוין טויט...

הערצל האָט געמוזט אָפּטרעטן, כדי צו באַרואיקן דעם־דאָזיקן אויפגערעגטן המון, וואָס וואַרפט כסדר מיט די הענט. ער האָט אים געגעבן אַ פייערלעכע שבועה: „זאָל מיר די האַנט אָפּגעדאַרט ווערן, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים!“

און דאָרט, אין אוגאַנדע, איז דערווייל געוואָרן אַ גרוי־סער ליאַרם. דאָס האַלבע טוץ ענגלענדער, וואָס וואוינען דאָרט, שטאַרק אויפגעבראַכט פון דער אידעע, אַז אינגיכן קומען צו זיי יידן, האָבן אָנגעהייבן צו שרייען און צו פּראָטעסטירן, און צו שיקן איין בקשה נאָך דער צווייטער. און ס׳האָט זיך געענדיקט מיט דעם, אַז די בריטישע מאַיעסטעטישע רעגירונג האָט תיכף ומיד צוריקגעצויגן איר פאָרשלאַג, וואָס האָט ביי קיינעם אין דער וועלט נישט אויסגענומען.

הערצל איז פון דערדאָזיקער מפּלה געשטאָרבן. ער איז

קוים פערציק יאָר אַלט געווען, אָבער נביאים קומען קיינמאָל נישט צו אַ טיפער זקנה. נאָך זיין טויט האָט מען זיך ווידער אָנגעהייבן צו פּילפּלען, און ווילדע דיסקוסיעס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אין די צייטונגען און אויף די קאָנגרעסן. די-יעניקע, וועלכע זענען געווען טריי דער אידעע, אַז דער ציוניזם דאַרף זיין אַן אַנטגילטיקע תשובה אויף דער יידישער פראַגע, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַלע נייע אונטערנעמונגען אין לאַנד פון זייערע אבות, כּל-זמן מען וועט דאָרט נישט באַקומען די גאַראַנטיעס פון אַלגעמיינעם רעכט. אַנדערש — האָבן זיי געטענהט — וועט קוים געלינגען, מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון פאָלק, איינצואָרדענען דאָרט נישט מער, ווי אַ פּאָר טויזנט אונטערגעשטיצטע קאָלאָניסטן. און דורך אַזאַ ריזיקאַלישן שריט שטעלט מען אין סכּנה די באַפרייונג פון גאַנצן פאָלק.

אַנדערע, ווידער, האָבן גאָר געהאַלטן, אַז די אידעע אויפצובויען אַ יידישע מלוכה אין ירושלים איז נישט מער ווי אַ חלום, וועלכן מען דאַרף פאַרגעסן. אין די פּאָליטישע ספערן האָט מען אויך דערפון געשמועסט, ווי פון אַ אידעע, וואָס קען קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן. און זאָל מען אפילו יאָ אָפּגעבן פּאַלעסטינע דעם פאָלק ישראל, וועט מען דאָך אַלץ נישט קענען אַריבערטראַנספּאָרטירן אַלע יידן, ווייל דער באָדן פון לאַנד איז אַ פּרוכטלאָזער און קען קיין גרויסן סכום מענטשן נישט דערנערן. און אַ חוץ אַלעמען, וועלן דאָך אַלע יידן נישט וועלן פאָרן אַהין, דעריבער דאַרף מען שטיצן די-יעניקע, וואָס וואָלטן יאָ געוואָלט פאָרן אַהין. מען דאַרף פאַרמערן די קאָלאָניעס, אויסבעסערן אַלע מינים איינריכטונגען, מען דאַרף ביסלעכווייז שאַפן אַרום ירושלים פונקטן פון יידישן לעבן, וואָס זייער השפּעה זאָל

פאָלק ווי אַ ליכט אויפן גייסט פון גאַנצן יידנטום. און אפשר שפּעטער, ווען אַ גרויסע צאָל עמיגראַנטן וועלן זיך שוין איינ־געסטיקן אויף דער ערד פון דוד־המלך און וועלן קענען אַרויס־ווייזן פאַר אַנדערע פעלקער דאָס, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, — אפשר וועט ערשט דעמאָלט זיין די ריכטיקע צייט צו פאָדערן, אין נאָמען פון גאַנצן יידישן פאָלק, דאָס לאַנד, וואָס ישראל האָט זיך כשר פאַרדינט.

דידאָזיקע מעסיקע מיינונגען האָבן אויסגענומען ביים פאָלק און דער פּראָיעקט פון אַ פּאַלעסטינער מלוכה האָט זיך ביסלעכ־ווייז אַזוי איינגעשרומפּן אין זיינע באַשיידענע פּראָפּאָרציעס, אַז מען האָט אים קוים דערקענט. נאָר איצט האָט ער אָנגעהייבן ווידער צו באַקומען דעם גלאַנץ פון זיינע ערשטע טעג. אָבער צי האָט הערצל ביי זיך אין האַרצן געטראַכט, ביי זיין גאַנצן גלויבן אין דעם אָפּטימיזם פון זיין ראַסע, אַז ביי גינס־טיקע באַדינגונגען וועלן אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן זיינע שטרע־בונגען? צי האָט ער נישט געטראַכט, אַז עס דאַרף אַראָפּפאַלן אַ נייער מבול, אַז עס דאַרף קומען אַ גאַנצע וועלט־איבערקערעניש, כדי זיינע חלומות זאָלן על פּי־נס פאַרווירקלעכט ווערן?

באַלד ווי די מלחמה האָט נאָר אויסגעבראָכן, האָבן ענג־לאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד אָנגעצייכנט זייערע פּאַרציעס אין דער קינפטיקער חלוקה פון טערקיי, דער אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דעם נצחון, אויף וועלכן זיי האָבן געהאָפט. וואָס וועט באַקומען פּאַלעסטינע? קיין שום חלוקי־דעות האָבן דאָ נישט געקענט זיין, אַז סיריע מוז סיי געאָגראַפיש און סיי היס־טאָריש אָנגעהערן צו פראַנקרייך. אָבער דער ענגלענדער האָט די פראַנצויזן נישט געוואָלט האָבן פאַר קיין שכנים אויפן מצריים־

פראָנט. די בריטישע רעגירונג האָט זיך נאָך אויך אַרומגעטראָגן מיט דער אידעע, צו שאַפן אונטער איר פּראָטעקטאָראַט אַ גרויסע אַראַבישע מלוכה, וועלכע וועט פאַראייניקן אינדיע מיטן מיטל־לענדישן ים. זי איז שוין אפילו אַריינגעטראָטן אין אונטערהאַנד־לונגען מיטן קעניג הוסיין, וועלכן זי האָט צוגעזאָגט דעם סו־ווערעניטעט איבער אַלע אַראַבישע לענדער. אָבער ס'איז געווען אַ צו קיצלדיקע פראַגע, און ענגלאַנד האָט נישט געקענט ברו־טאַליש אַוועקשטויסן פראַנקרייך פון אַ לאַנד, וואו אין איר רשות איז געלעגן די השגחה איבער די הייליקע מקומות נאָך פאַר דער צייט פון קאַרל דעם גרויסן. די בריטישע רעגירונג האָט איצט געוואָלט, אַז פּאַלעסטינע זאָל ווערן אָפּגעטיילט פון סיריע, אַז זי זאָל ווערן אַ נייטראַל לאַנד מיט אַ האַלב־פראַנצויזישער און האַלב־ענגלישער אַדמיניסטראַציע. דאָס איז געווען דער ערשטער טריט. דאַ זענען אָבער געקומען די ציוניסטן מיט זייערע פאָדע־רונגען און מיט אַן עצה טובה פאַר די ענגלענדער, ווי אַזוי אינגאַנצן פּטור צו ווערן פון אונדז.

שוין פון אַ לאַנגע צייט האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע, כדי אויסצונוצן זייערע רעכט אויפן לאַנד, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט עס געהאַלטן פאַר זיין אייגנס.

מיט דעם היציקן געדאַנק, אַז מען קען נאָך דעם באָדן פון זייערע אָבות פאַרוואַנדלען אין אַ אינטערנאַציאָנאַלער מלוכה, האָבן זיי אָנגעהייבן צו פאָדערן, מען זאָל עס מאַכן פאַר אַ יידיש לאַנד, וואָס זאָל שטיין אונטערן בריטישן פּראָטעקטאָראַט. דער קליינער הייפל מענטשן, וואָס איז משפיע אין לאָנדאָן אויף דער עפנטלעכער מיינונג, האָט זיך תיכף אָנגעכאַפּט פאַר דעמדאָזיקן פאָרשלאַג, ווייל דאָס איז די בעסטע עצה, וויאַזוי צו שטיין

אויסער יעדן חשד. אין די אויגן פון יידישן פאָלק האָט ענגלאַנד געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי זוכט נישט קיין שום נוצן, נאָר זי טרעט אַרויס קעגן אַ געוואַלטיקער עוולה, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. און דידאָזיקע שטעלונג אַליין האָט איר שוין געבראַכט גרויסע נוצן, ווייל זי איז גאָר נישט געווען דאַקעגן, צו באַקומען אויף איר צד די סימפּאַטיע און די פינאַנסן פון פאָלק ישראל!

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ה׳ באַלפור, דער אויסערן-מיניסטער איבערגעגעבן דעם לאָרד ראָטשילד אַ דעקלעראַציע, וועלכע אָנערקענט פּאַלעסטינע אַלס אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

אָבער די הויכגעשטעלטע יידן פון לאָנדאָן, ווי סער פיליפּ מאַגנוס, אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, י. כהן, פאָרזיצער פון דער יידישער קהילה, סער מאָנטעפיאָרע און נאָך אַנדערע, וועלכע האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין טריישאַפט צו זייער אדאָפּטירטן פאטערלאַנד, האָבן פראָטעסטירט קעגן דעם וואָרט „נאַציאָנאַל". מער איבערגעגעבן דער יידישער פראַגע, ווי די יידן אַליין, איז דער "Foreign office„ אַוועק נאָך ווייטער. נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרזיכערט די מיטווירקונג פון ווילסאָנען און די הילף (נישט אַזאַ באַגייסטערטע) פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, האָט ער זיך דעם 2 נאָוועמבער 1917 גע-ווענדט צום לאָרד ראָטשילד מיט אַ נייעם בריוו. און אָט איז דער אָפיציעלער טעקסט, געשריבן מיט אַ דיפּלאָמאַטישן לשון: „די ענגלישע רעגירונג באַטראַכט פאַר זייער גינסטיק די פראַגע פון איינאָרדנען אין פּאַלעסטינע אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק, און זי וועט אָנווענדן אירע בעסטע מיטלען, כדי לייכטער

צו מאַכן די פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער זאַך. עס פאַר־שטייט זיך, אַז קיין שום זאַך טאָר נישט געטאָן ווערן צום שאָדן פון די ציווילע און רעליגיעזע רעכט פון אַנדערע נישט־יידישע קהילות, וואָס געפינען זיך אין פאַלעסטינע, פון יענע רעכט און יענער פאָליטישער סיטואַציע, וואָס פון זיי געניסן אויך די יידן אין אַן אַנדער לאַנד".

אין צוויי יאָר אַרום האָבן די פאַרבונדעטע אין קאַן אָנגע־נומען די אידעע – איבערצוגעבן ענגלאַנד דעם מאַנדאַט איבער פאַלעסטינע. און אַזוי איז פראַנקרייך באַזייטיקט געוואָרן פון די הייליקע ערטער. די ענגלענדער האָבן געוואונען דידאָזיקע שווערע פאַרטיי. די יידן, ווידער, האָבן געמאָגט גלויבן, אַז זיי האָבן זי אויך געוואונען.

און פון דייטשלאַנד, רומעניע, פוילן און רוסלאַנד האָבן זיי זיך טויזנטערווייז אַ וואָרף געטאָן צו דעם שטורעם פון ירושלים.

V.

שטימען פון פּאַלעסטינע

זייער אָנקומען פאַרשאַפט קיינעם נישט קיין פאַרגעניגן, — נישט די מאַכמעדאַנער, נישט די קריסטן און נישט די אַלטע יידן פון כותל־מערבֿ.

די מאַכמעדאַנער זאָגן:

„אמת, אונדזער לאַנד איז וויסט, אָבער אָט קומט באַלפור באַווייזן וואונדער און מיט איין מאַך מיט דער פעדער האָט ער געוואָלט אויסמעקן זעקס הונדערט טויזנט אַראַבער, וואָס וואוינען דאָ אין לאַנד. מיר האָבן אויך ליב דאָס לאַנד, וואו מיר וואוינען שוין העכער דרייצן הונדערט יאָר! ירושלים איז פאַר אונדז איינע פון די פיר גן־עדן־שטעט: ירושלים, מעקאַ, מדינה און דמשק. פון אַלע עקן וועלט איז זי ד״ נאָענטסטע שטאָט צום הימל... די, וואָס וואוינען אין ירושלים, זענען מחותנים מיט גאָט און שטאַרבן אין ירושלים, הייסט שטאַרבן אין גן־עדן. די יידן, וואָס קומען אַהער, מיינען, אַז זיי קומען אויפן געזעצלעכסטן אופן צו זיך אַהיים.. זיי טענהן, אַז מען האָט זיי אַמאָל מיט געוואַלט פונדאַנען פאַרטריבן און אַ געוואַלט האָט נאָך קיינמאָל קיינעם קיין שום געזעצלעכע רעכט נישט געגעבן אויף עפעס. אָבער ווי אַזוי קומען זיי דאָ אַהער, אויב נישט מיטן כוח פון שווערד? דאָס לאַנד פון די כשדים און דער טייך פרת, דאָס איז זייער היימלאַנד. אַפילו אברהם אבינו האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן

אינם לאַנד כנען. אַ פּשוטע ראיה: ווען ער זוכט אַ כּלה פאַר זיין זון יצחק, שיקט ער זיין קנעכט קיין אור-כּשדים און די גאַנצע ביבל איז פול מיט מלחמות, כּדי צו באַזעצן דאָסדאָזיקע לאַנד. איצט האָבן מיר זיך דאָ אויפן זעלבן גרונט באַזעצט. פאַרוואָס זאָל אונדזער נצחון אונדז נישט געבן דיזעלבע רעכט, וואָס זיי? צי פאַלט אונדז גאָר איין אַמאָל, אַז מיר דאַרפן פאָדערן צוריק אַנדאַלוזיע (אין שפּאַניע), ווייל מיט אַכט דורות צוריק האָבן מיר דאָרט אַנטוויקלט די העכסטע ציוויליזאַציע? פאַרוואָס זאָל מען זיך באַמיען אָוועקצוגעבן צו אַ טויט פאָלק דאָס אָרט פון אַ לעבעדיקן פאָלק? צי האָבן דען די יידן פאַר-גאָסן זייער בלוט, כּדי צוריק צו געווינען זייער לאַנד? וואו זענען זייערע מערטירער און זייערע געפאַלענע? אין משך פון דער גאַנצער מלחמה האָבן מיר געקעמפט זייט ביי זייט מיט די פאַרבונדעטע; זיי האָבן אונדז געגעבן הבטחות אויף אַ גרויסער אַראַבישער מלוכה, און איצט, אַלס באַלוינונג, גיבן זיי אונדז איבער אין די הענט פון דידאָזיקע פרעמדע! אַט אַזאַ מין לאַגע האָט זיך פאַר אונדז איצט געשאַפן! ווערנדיק געצוואונגען אַריינצולאָזן דעם פרעמדן עמיגראַנט, לאָזנדיק זיך אָנוואַרפן זיין שפּראַך, וואָס דאַרף זיין די אָפיציעלע שפּראַך — דאָס הייסט דאַך זיך אָפּזאָגן לגמרי פון צו זיין אַ באַלעבאָס ביי זיך אינדערהיים. און ווען דידאָזיקע לייט וועלן זיך אָנלויפן אין אַ צאָל פון אַ דריי-פיר הונדערט טויזנט, מיט זייערע גרויסע קאַפּיטאַלן און מיט זייער קלוגשאַפט, ווי וועלן מיר דאַן אויסזען? אין אונדזער אייגן לאַנד וועלן מיר פאַרוואַנדלט ווערן אין זייערע שקלאַפן".

און די קריסטן טענהן:

„דורותלאַנג האָבן מיר געזען, ווי די טערקישע זעלנער

שטעלן אַרויס זייער גוואַרדיע ביי דער טיר פון הייליקן קריסטוס־קבר. צי האָבן מיר דען געמאַכט דעם לעצטן קרייץ־צוג בלויז דערויף, צו באַזעצן יידן אויפן אָרט פון די טערקן? אויב זיי וועלן זיך צוריקקערן אויף דער הייליקער ערד, באַגייסטערט מיטן זעלבן גייסט, וועלכער האָט פאַרמשפט קריסטוסן, ווער ווייסט, ווי ווייט זייער פאַנאַטיזם קאָן דערגיין. צי וועלן מיר זיין צושויער אין דעם ניי־אויפגעבויטן בית־המקדש, וויאַזוי די יידן וועלן מקריב זיין שעפסן און טויבן אויפן מזבח? ווייל ס'איז נאָך נישט געקומען דער משיח, וועלכער זאָל אָפּשאַפן די אַלטע מצוות? און פאַרקערט, ווידער, וועלן מיר זיך שטיצן אויף די רייד פון פרייע יידן, אַז גאָט האָט זיי אויפגעהערט צו אינטערעסירן, טאָ וואָס קאָנען מיר שוין דערוואַרטן פון אַ יידנטום אָן אַ גלויבן אין גאָט? די צוויי באַגריפן, ווי הומאַניטעט און גערעכטיקייט, וואָס זיי שטעלן אַרויס אַלס סימבאָלן פון ריינעם יידישן גייסט — דאָס זענען צוויי שרעקלעכע אָפּגעטער, און מיר ווייסן גאַנץ גוט די שרעקלעכע פאָלגן, וואָס דידאָזיקע צוויי ווערטער קאָנען גורם זיין. ווי ס'זאָל נישט זיין, צי גלויביקע, צי אומגלויביקע, נאָר מענטשן, וועלכע זענען שוין זינט צוויי טויזנט יאָר פאַרפאָלגט צווישן די קריסטלעכע פעלקער — צי וועט זיך זיי אַמאָל נישט פאַרוועלן, נאָכדעם, ווי זיי וועלן באַקומען די מאַכט, זיך צו רעוואַנשירן מיט די־יעניקע, וועלכע האָבן זיי אַזויפיל ליידן פאַרשאַפט? און אַז דער אייביקער וואַנדערער וועט זיך אומקערן צוריק פון זיין וואַנדערוועג קיין ירושלים, — וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן?"

אָבער פון אַלע פראָטעסטן קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע זענען די סאַמע חדושלעכע יענע פראָטעסטן, וואָס גייען אַרויס

פון דער קלאָג־וואַנד. נאָך נעכטן האָב איך זיך געשטעלט די שאלה: וואָסער שייכות האבן די ניי־אָנגעקומענע יידן, וועלכע איך באַגעגן אומעטום אין די קוואַרטאַלן פון ניי־ירושלים, מיט זייער שטאָלצן און גאַנץ אַנדערן אויסזען, מיט די־יעניקע פרומע שנאָרערס, וואָס קומען שטאַרבן אויף דער הייליקער ערד? איצט ווייס איך שוין: צו מיינע אויערן זענען דערגאַנגען די יללות פון אַלט־שטאָט.

איך האָב זיך דערפון דערוואוסט אין יענעם קוואַרטל, וואו ס'וואוינען די האָלענדישע יידן אין אַ גרויסן צרהדיקן הויף, מיט אַ ביסל אָפּגעצופטן גראָז, מיט פאַרשטויבטע אַקאַציע־ביימער. אַרום די נידעריקע הייזלעך הייבן זיך צעבראָכענע שטיגן מיט באַלקאָנען פון צעפוילטן האָלץ. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ חדר, אָפּגעטינקט מיט בלוילעכן קאַלך; דאָרט, אַרויסקוקנדיק דורך אַ פענסטער מיט אייזערנע קראַטעס — האָב איך געזען, ווי אַ בערגל, אָפּגעסמאַליעט פון דער זון און באַזייט מיט קברים, לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל יהושפט.

דאָ וואוינט דער רב זאָנענפעלד, איינער פון די זקנים, וועמענס אנשוויונגען זענען אין איין עלטער מיט דער שטאָט ירושלים.

דאָ, נעבן אים, איז מען גאַנץ ווייט פון די נייע נביאים אין פראַקן, וועמענס פאָטאָגראַפיעס מען באַגעגנט אומעטום אין די ציוניסטישע זשורנאַלן, וועלכע ווילן צופאַסן זייערע טונקעלע העברעישע סענטימענטן צו די פרעמדע אידעען פון דער מערב־ציוויליזאַציע! אין זיין טרויעריקער שוואַרצער קאַפּאָטע איז ער לאַנג און מאָגער. זיין פנים איז אַזוי בלאַס, אַז אויף זיינע באַקן איז שווער צו דערקענען, וואו זיין באָרד הייבט זיך אָן. ער האָט דעם מאַטן קאָליר פון אַ געשאָכטענעם יידישן קורטשאַק, וואָס

פאַרן קאָכן האָלט מען אים אַ לענגערע צייט אין געזאַלצענעם וואַסער. זיין שוואַכע שטים, נישט זי לעבט אויף און נישט זי וויברירט, אָבער זיין בליק האָט איינגעהאַלטן דעם באַגייסטערטן גלאַנץ פון זיין יוגנט, איך מיין דעם בליק פון אַלטע אַמאָליקע צייטן.

דאָס, וואָס ער האָט מיר דערציילט, גיב איך אייך דאָ איבער. אָבער ווי אַזוי זאָל איך אייך ווייזן דורכן שמאָלן פענ־סטער די אַלע מתים, די אַלע ווייסע פאַרטרויערטע מצבות, וואָס פרעסן זיך צונויף אין דער זוניקער שטילקייט, אויפן בערגל, אַנטקעגן אונדז, פונקט ווי זיי וואָלטן געקומען אויסהערן זיינע רייד?..

„מיר זענען דיינע קנעכט, אָ, דו אַלמעכטיקער גאָט! דאָס איז די אַלטע יידישע תורה, וועלכע וועט פאַרבלייבן אויף דור־דורות. ווען די יידן האָבן אויף זיך גענומען דידאָזיקע עבודות, איז שוין זייער גורל אויף תמיד באַשלאָסן געוואָרן. סיי דאָס גוטע און סיי דאָס שלעכטע קומט זיי נאָר פון גאָט. און אָט קומען משוגעים, וועלכע ווילן פאַרטרעטן דעם אויבערשטנס אָרט, און מיט זייערע אייגענע הענט אויפבויען ירושלים! זייער משיח איז באַלפור! אָבער דערדאָזיקער באַלפור, צי האָט ער פונדאַנען אַרויסגעטריבן די קריסטן און מאַכמעדאַנער? צי האָט ער אויפ־געבויט דעם בית־המקדש, צי האָט ער אויפגעשטעלט די קדשי קדשים, דעם מזבח אויפן באַרג מוריה? צי מיינט ער, אַז ער האָט עפּעס אויפגעטאָן מיט דעם, וואָס ער האָט דערלויבט די יידן צו קומען קיין פּאַלעסטינע? צי האָבן דען פרומע יידן גע־

וואַרט אויף זיין דערלויבעניש? ליידער! דער חורבן פון לאַנגע דורות הענגט תּמיד איבער דער הייליקער שטאָט. צו די אַלע צרות קומען נאָך צו נייע. נייע חטאים קומען־צו צו די אַלטע! אומעטום דידאָזיקע נייע יידן, וואָס זייערע פּנימער אַליין זענען אַ באַליידיקונג פאַרן אויבערשטן. דידאָזיקע יידן, אָפּגעגאָלט ווי חזירים, ברענגען מיט זיך מיט אַלע חטאים. זיי עפענען שולן, וואו מען רעדט וועגן אַלץ, אָבער דער נאָמען פון גאָט ווערט נישט דערמאָנט! אומעטום באַנוצן זיי די הייליקע שפּראַך פון די תּפילות און גאָר אינגיכן וועלן זיי אויך די אייזלען אויסלערנען ריידן העברעיש! די שטאָט ירושלים וואָלט נאָך ביז היינטיקן טאָג געשטאַנען, ווען דער שבת וואָלט נישט פאַרשוועכט געוואָרן. אָבער צי היטן זיי דעם שבת? צי קומען זיי אין די בתּי־מדרשים? צי קומען זיי קלאָגן ביים כּותל־מערבי? איצט ווילן זיי אַרויפלייגן אַן אָפּצאָל אויף די מצות, וואָס מיר עסן אום פּסח. אָבער דעמדאָזיקן אָפּצאָל וועלן מיר נישט צאָלן. אין זייערע הענט וועלן מיר אים נישט אַריינשטעקן. גאָט ברוך־הוא, וועלכער האָט אונדז אַרויסגעפירט פון מצרים, וועלכער האָט אונדז אַרויסגעפירט פון בבל, וועלכער האָט אונדז פאַרהיט פון עבודה־זרה, וועט אונדז שוין אַרויסראַטעווען אויך פון די גאָוהדיקע יידן, וועלכע האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין גאָטס הבטחות, און וועלכע קומען אַהער נישט מיטן תּלמוד און נישט מיט דער תּורה, נאָר מיט דער לערע פון קאַרל מאַרקס."

דעם זקנס באַקן זענען באַשפּריצט געוואָרן מיט אַ לייכטער רויטקייט. אין זיין בלייכן פּנים זענען נאָך פאַרבליבן עטלעכע טראָפּן בלוט, וואָס זיין כּעס האָט אַרויסגערופן. און אָנווייזנדיק מיר דורכן פענסטער מיט זיין לאַנגן בויגיקן פינגער אויף דער

הערלעכער לאַנדשאַפט פון עמק-יהושפט, וואו ס׳ליגן אונטער די מצבות די מתים פון לאַנגע, לאַנגע דורות, האָט ער געזאָגט:

„די יידן, וואָס ליגן דאָרט, האָבן זייער גאַנץ לעבן געוואַרט אויף משיחן. אויך מיר וואַרטן אויף אים, און וואַרטן וועלן אויך די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז. אָבער נישט יענע יידן, וואָס האָבן קיין בטחון נישט אין האַרץ, וועלן אויפבויען ירושלים!״.

אויף אַלע פראָטעסטן, וועלכע קומען-אָן קעגן דער באַלפור-דעקלאַראַציע פון אַרבע פינות העולם, ענטפערט דער וואַנדער-ייד מיט אַ גאווה נישט פון אַ באַזיגטן, נאָר מעשה באַלעבאָס, וועלכער קערט זיך אום צו זיך אינדערהיים, נאָך אַ משך פון אַ צוויי-טויזנט-יעריקער אָפוועזנהייט.

„וואָס איז אַזוינס פאַלעסטינע פאַר יעדן קלוגן מענטשן?

דאָס איז דאָס לאַנד פון פאָלק ישראל, וואו מיר האָבן געשאַפן אַלע קולטור-ווערטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג, און האָבן נאָך איצט אַ באַדייטונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. פון דער צייט אָן, וואָס מען האָט אונדז פון דאָרט פאַרטריבן, זענען מיר, ביי אַלע אונדזערע ווייען און ליידן, אין אַ משך פון אַלע צוואַנציק-יאָרהונדערטער, דאָרט געווען מיט דער נשמה. עס איז אַלץ איינס, ווי מיר וואָלטן נישט אויפגע-הערט דאָרט צו לעבן. מען פרעגט אונדז: וואו זענען אונדזערע מערטירער און וואו זענען די געפאַלענע? אָבער אונדזער שווערער גורל האָט גורם געווען, אַז אונדזער בלוט פאַרגיסן מיר פאַר

אַלע פעלקער אין דער וועלט! די אַראַבער מעגן טענהן, אַז זיי וואוינען שוין דאָ דרייצן הונדערט יאָר, אָבער דעם איינדרוק באַקומט מען, אַז זיי זענען ערשט נעכטן אַהערגעקומען. דאָס לאַנד איז נישט באַאַקערט און נישט באַזייט, און זייערע גייסטער זענען אַזוי אומפּרוכטבאַר, פּונקט ווי דער זאַמד און די פעלזן. אָט האָט איר דעם פּועל-יוצא פון זייער דורותלאַנגער אָקופּאַציע. וואָס האָבן זיי אַזוינס אויפגעטאָן פאַר פּאַלעסטינע? וואָס איז געוואָרן פון דעם ארץ חלב ודבש, פון וועלכן דער תנ״ך דער־ציילט? מען דאַרף פאַרמאָגן זייער אַ סך ליבע, כדי צו קענען אויסגעפינען אין לאַנד די שיינע אַמאָליקע שטריכן.

און דאָך האָט זיין טייער אַלט געזיכט איינגעהילט עפּעס ענלעכעס צו דער פאַרשוואונדענער שיינקייט אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים. אין די געגנטן פון עזה וואַקסט דער בעסטער גערשטן אין דער וועלט. פּאָמעראַנצן-ביימער, מאַנדל-ביימער, ווייַנשטאָקן וואַקסן כסדר אין טאָל פון שרון. ביי נצרת, אויף די פעלדער פון עמק יזרעאל, וואַקסט ביז היינטיקן טאָג תבואה מיט דער פולער שפע. פאַרוואָס ווערט נישט פון ירדן-טאָל אַ ניי מצרים? פאַרוואָס ווערן נישט די הייל-קוואַלן פון טבריה צוועקמעסיק אויסגענוצט? די יהודה-בערג, וועלכע האָבן אַזאַ רויען און צעשטערטן אויסזען — צי האָבן זיי אַמאָל נישט אויס־געזען אַזוי ווי עס זעט היינט אויס די בערג-קייט פון לבנון? די שפורן פון אַ גאַנצער ריי פעלדער-טעראַסן, אַרום די פעלזן, אַנטדעקט מען איצט אויף יעדן שריט און טריט. מיר וועלן ווי־דער אַרויפציען דידאָזיקע טעראַסן און ווידער פאַרפלאַנצן אויף זיי גערטנער. נאָר די קראַפט פון אונזער ליבע צום לאַנד איז בכוח אויפצולעבן די פאַרוואָרלאָזטע ערד, און אַריינלייגן אין די

זומפן און זאַמדן אַזויפיל כחות, אַזעלכע אוצרות, וואָס קיין אַנדערע, אַחוץ אונדז, וועלן עס קיינמאָל נישט טאָן. עס געפינען זיך אין דער וועלט מער פרוכטבאַרע און געזינטערע געגנטן, אָבער פאַר אונדז, יידן, עקזעסטירט נישט קיין רייכערס און געזינטער לאַנד. דאָ האָט פאַר אונדז די אַרבעט אַזאַ מין צוציונגסקראַפט, וועלכע קאָן נישט זיין ערגעץ אַנדערש. דורכדעם, וואָס מיר מאַכן אויפלעבן דאָסדאָזיקע לאַנד, באַלעבן מיר גלייכצייטיק אויך אונדזער גייסט, אונדזערע נשמות. צווישן די קריסטלעכע נאַציעס האָבן מיר תמיד זיך באַמיט צוצופאַסן, און דאַדורך האָבן מיר אויפגעהערט צו זיין אמתע יידן. מיר זענען געוואָרן פאַרהאַסט ביי די אַנדערע אומות און אומטריי צו זיך אַליין. אין אונדזערע רוסישע געטאָס זענען מיר געווען לעבעדיקע מתים, געבונדן מיט אָפּגעלעבטע מנהגים און חומרות, וועלכע האָבן נאָר אַמאָל געקענט האָבן עפּעס אַ גרונט, אָבער בשום אופן נישט היינט. זאָגנפעלדס צייטן זענען שוין לאַנג אַריבער; דאָס האָט ער און נאָך אַזעלכע, ווי ער, אונדז געדריקט מיט חומרות, פאַרוואַנדלענדיק אונדז אין אַ נעבעכדיק פאָלק, פּונקט ווי יענע בטלנים, וואָס בלאָנקען אַרום אין ירושלים, אין אַלט-שטאָט. זאָלן זיך די אַראַבער און די קריסטן באַרואיקן! מיר קומען נישט אַהער מיט דער כוונה אויפצולעבן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם. ווער פון אונדז טראַכט דען צו פאַרשווערן קריסטוסעס קבר, אָדער צעשטערן אָמאַרס טעמפּל, כדי אויף זיין אָרט אויפצובויען דאָס בית-המקדש?... אונדזער אויפגאַבע איז אַ גאַנץ אַנדערע! דער גייסט פון פאָלק ישראל קען זיין תקון נישט זוכן ערגיץ אַנדערש, נאָר דאָ, אויף דער פּאַלעסטינישער ערד, אין צענטער פון יידישן פאָלק. דאָ וועלן מיר אפשר

געפינען דעם גייסט, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן אין גלות, און אויב עס וועט אונדז געלינגען, וועלן מיר ווערן אַן אומה פון ערד-אַרבעטער און שאַפפלעגער, אַזוי ווי אונדזערע אָבות זענען אַמאָל געווען".

VI.

די אַלטע ליבהאָבער פון ציון

די יידן, חלוצים, זענען נישט די ערשטע, וועלכע זענען געקומען קיין פּאַלעסטינע, כדי צו באַגייען די ערד-אַרבעט, וואָס איז שוין אָפּגעשטעלט געוואָרן כמעט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. מיט אַ יאָר פערציק צוריק, נאָך דער רציחה איבערן קיסר אַלעקסאַנדער II, זענען עטלעכע יידישע משפחות פון רוסלאַנד אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמען און זיך באַזעצט דאָ אין לאַנד פון אייביקער האָפענונג. דאָס זענען געווען שטאָטישע איינוואוינער, אינטעליגענטן און קליינע סוחרים, ביי וועלכע ס'האָט זיך דער-וועקט דער ראָמאַנטישער חשק צו פירן אויף דער ערד פון זייערע אָבות דאָסזעלבע לעבן, וואָס די אַמאָליקע יידן האָבן געפירט. זיי האָבן זיך אָנגערופן „חובבי ציון", ד. ה. ליבהאָבערס פון ציון, אָדער ביל"ו: ראשי-תיבות פון די ווערטער „בית יעקב לכו ונלכה".

די ערשטע אָנגעקומענע האָבן געגרינדעט „ראשון לציון"; אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אין „פתח תקוה" אויפן זומפּיקן שטח, אין צעשטערטע הייזלעך, וועלכע זענען מיט אַ צייט צוריק אויפ-געבויט געוואָרן דורך בולגאַרישע יידן, וואָס זענען דערנאָך אַנטלאָפן צוליב דער מאַלאַריע.

אַנדערע האָבן געקויפט אַ שטח פון דריי הונדערט העקטאַר, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „ראשון לציון".

אויפן פלאַץ פון „ראשון לציון“ איז וואַסער געווען אַ יקר-המציאות. אומעטום זענען געלעגן שטיינער, און אויף צו גראָבן ברונעמס איז קיין געלט נישט געווען.

נאָך אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אין גליל, געגרינדעט דאָרט „ראש פינה“, צווישן צפת און דעם ירדן, ווי אויך „זכרון-יעקב“ ביים הר-הכרמל: אָבער אַנדערע האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט דאָ און דאָרט אָן מיטלען און אָן אַ דאַך. און אומעטום האָבן זיך אויסגעגאָסן דיזעלבע פלאָגן אויף די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן צופיל געשטעלט אויף די זכרונות פון תנ"ך.

עך! פאַלעסטינע איז שוין נישט געווען פאַר זיי דאָס גוטע לאַנד, דאָס לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג, דאָס לאַנד פון ווייצן און פון וויינען, ווי פאַרצייטנס; זי איז שוין נישט געווען דאָסזעלבע לאַנד, וועגן וועלכן מען האָט געקאָנט חלומען, זיצנדיק ביים אויוון אין בערדיטשעוו, צי אין קיעוו, צי ערגעץ גאָר אין אַ קעלער, וואו מען האָט זיך פאַרגראָבן צוליבן פחד פאַר אַ פאָגראָם...

צי איז דאָס לאַנד אַמאָל געווען אַזעלכעס?

אַ יידישע לעגענדע דערציילט, אַז ווען גאָט האָט אויפן שפּיץ נובו-באַרג באַוויזן משה רבינו דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, וואָס ליגט אויף יענער זייט ירדן, און משה רבינו האָט דערזען די אַש-גרויע בערג מיט דער אַרומיקער וויסטעניש, אָן אַביימל, אָן אַ גרעזל, און דער ירדן-טאָל איז שווער געלעגן מיט זיינע זאַמדן און מיט די האַרטע צעשפּאָלטענע בלאָטעס, וואָס די צוריקגייענדיקע וואַסערן פון ים-המלח האָבן דאָ איבערגעלאָזט,— האָט דער נביא, וועלכער האָט פריער געדאַרפט פאַרברענגען

פערציק יאָר אין אַ מדבר, אויסגערופן מיט גרויס יאוש: „וואו פירסטו אונדז, אָ, גאָט?"

און כדי אים צו באַרואיקן, האָט דער אויבערשטער אים אָנגעוויזן אויף יריחו, וואָס שטייט ביים הוילן באַרג מיט אירע שפּריצנדיקע קוואַלן און אומבאַוועגלעכע פּאַלמען־ביימער. דער־דאָזיקער אָאַזיס איז אפשר דעמאָלט געווען גרינער, זעפטיקער און פרישער, ווי היינט.

אָבער אויף דעם אַלטן פּאַסטוך פון פאָלק ישראל, וואָס האָט נאָך געזען אין זיינע דמיונות די רייכע נילוס־פעלדער, האָט דידאָזיקע אָרעמע גרינע אינדזל קיין שום רושם נישט גע־קאָנט מאַכן.

דער תנ"ך זאָגט, אַז ער איז נאָך דעמזעלבן טאָג געשטאָרבן אויפן נובו־באַרג. און דאָס איז אים געקומען אַלס עונש פון גאָט פאַר זיינעם אַן אַלטן חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען מיט פערציק יאָר צוריק אין מדבר־צין, ווען זיין גלויבן האָט זיך אָנגעהייבן צו וואַקלען ביי דעם אומרואיקן געמורמל פון זיין פאָלק. אָבער איך בין גענייגט צו קלערן, אַז דערזעענדיק דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נייעם מדבר, האָט זיך משה רבינו שטאַרק גענומען צום האַרצן און געשטאָרבן פון עגמת־נפש.

שומרון און גליל, וועלכע משה־רבינו האָט פון באַרג נובו קוים אַרויסגעזען — זיי וואָלטן אים אפשר אַ ביסל יאָ געטרייסט. צווישן שטיינער און פּרוכטלאָזן באָדן ליגן דאָרטן פעלדער און לאָנקעס, מחיהדיקע ווינקעלעך, איינגעהילט אין אַן אידי־לישן רייץ, וואו חיה און מענטש טרינקען פון דעמזעלבן

וואַסער און פרישן זיך אָפּ אין דעמזעלבן שאָטן. אָבער אין אַלגעמיין איז די נאַטור אָרעם און פאַרלאָזט פון מענטשן.

די ערשטע „חובבי ציון" האָבן זיך באַזעצט אין די ערגסטע געגנטן. דאָס גאַנצע געלט זייערס האָבן זיי פאַרווענדט אויפן ערד-איינקויף. וואו זאָל מען איצט נעמען פריש געלט צו קולטיווירן דידאָזיקע ערד, צו באַוואַסערן זי? און וואו נעמט מען אויך געלט צום לעבן?

די קאָלאָניסטן פון „זכרון יעקב", למשל, זענען געווען געצוואונגען אַלץ צו פאַרקויפן, אַפילו די ספרי-תורות!

דער פיבער האָט געוועלטיקט און איינגעשלונגען יענע שוואַכע לייט, וועלכע האָבן נישט געקענט זיך ראַנגלען מיט דעם נישט געוויינטן קלימאַט.

די לאַגע איז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל. אַ סך פון זיי זענען אַוועקגעשטאָרבן, אַ סך זענען זיך צעלאָפן און די אומגליקלעכע, וועלכע זענען יאָ פאַרבליבן, וואָלטן זיכער אויך אומגעקומען.

אָבער דאָ איז זיי געשען אַ נס, פונקט ווי אין די פערסישע מעשהלעך, וואָס הייבן זיך אָן זייער שלעכט, נאָר אַקוראַט דעמאָלט, ווען מען האַלט שוין ביים סאַמע אָפּגרונט, קומט אַ מלאך און ברענגט די ישועה.

וואו איר גייט און וואו איר שטייט, וועט איר תמיד הערן אין פאַלעסטינע ריידן פון „באַראָן".

פון דעם איינציקן באַראָן אין דער וועלט; פון דעם איינציקן באַראָן, וואָס עקזיסטירט פאַר-יידן: דער באַראָן עדמאָנד ראָטשילד.

דאָס איז ער דער לעבעדיקסטער נס, דער מלאך הגואל, וועלכער האָט זיך דערבאַרעמט אויף די ווייטע עלנדע און האָט זיי אַרויסגעראַטעוועט אַקוראַט דעמאָלט, ווען זיין האָבן געהאַלטן ביים אונטערגיין אין תהום פון נויט.

דאָס איצטיקע „ראשון לציון" האָט געהאַלטן ביים חרוב ווערן, אָבער ער האָט עס גענומען אונטער זיין שוץ.

נאָך „ראשון לציון" איז אַוועק „ראש־פינה", דערנאָך „פתח־תקוה" און שפעטער כמעט אַלע אַנדערע קאָלאָניעס האָבן מער אָדער ווייניקער גענאָסן פון דער הילף.

אָט די אַלע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך אָן חיונה געדריקט אויפן זאַמד, אָט די אַלע שיינע האָפענונגען, וואָס האָבן געזונקען אַלץ טיפער און טיפער, האָבן גענומען ריידן צום באַראָנס האַרץ.

ער האָט אַוועקגעשיקט אַהין געלט, נאָכדעם נאָך געלט, כדי צו באַוואַסערן די זאַמדן, אויסצוטריקענען די זומפּן, אויסצוגראָבן ברונעמס, אַדורכצולייגן וועגן, פלאַנצןביימער און וויינגערטנער, און אויפבויען אַלע מינים געביידעס, ווייִן־קעלערס, הייזער.

ער האָט געהייסן אונטערקויפן מיט באַקשיש די טערקן, וועלכע האָבן נישט געלאָזט קיין זאַך בויען, זאָל עס אַפילו זיין אַ שטאַל, אָדער אַ שפייכלער; פאַרקערט, אַלע בנינים, וואָס זענען שוין אויסגעבויט געוואָרן, האָבן זיי געהייסן צעשטערן. ער האָט באַצאָלט אַלע פּאַדאַטקעס, געצאָלט אַגראָנאָמען, געצאָלט שומרים, רבנים, לערער, דאָקטוירים, אַפּטייקערס און באַזאָרגט אַלץ, אין וואָס עס נויטיקט זיך אַ פאָלק, וואָס האָט קיין דערפאַרונג נישט אין ערד־אַרבעט.

ער האָט אַראָפּגעשיקט אַדמיניסטראַטאָרן פון פּאַריז, וועלכע האָבן מיט אַלע אָנגעפירט, און זיי האָבן פאַרזאָרגט די קאָלאָניסטן מיט אַלץ נויטיקע מכשירים; מען האָט געדעקט זייערע דעפיציטן און די היזקות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער נאַטור, אָדער דורך דער נישט־פּראַקטישקייט פון די קאָלאָניסטן.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן אויף די וויסטע און זאַמדיקע ערטער אויפגעבליט עקאַליפּטוס־ביימער, וויין־גערטנער, פּאָמעראַנצן־פּלאַנטאַציעס, וועלכע זענען אַ תענוג פאַרן אויג און וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער שיינקייט אין דער אַרומיקער וויסטעניש.

מיט דער הילף פון באַראָן האָט צווישן די גרינע גערטנער געלעבט אַ קליינע בורזשואַזיע, פּונקט ווי די שנאָרערס פון כותל־מערבי האָבן געלעבט פון דער צדקה פון פאָלק ישראל.

זייערע פעלדער האָבן באַאַרבעט אַראַבער, אָדער תימנער יידן, וועלכע זענען געווען צוגעוווינט צו שווערע פעלד־אַרבעט.

און די אַלע קאָלאָניסטן זענען געווען צופרידן מיט זייער ווייטן בעל־נדבן, וועלכער האָט זיי באַלוינט פאַרן פירן אַן עצלנותדיק לעבן אין לאַנד פון זייערע אָבות.

שמועסט מען מיט זיי, האָבן זיי זיך ליב צו פאַרגלייכן צו די אַמאָליקע יידן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און געאַרבעט.

שוין אַ יאָר צוואַנציק, ווי די אַלע קאָלאָניעס, וואָס האָבן געלעבט אונטער דעם באַראָן ראָטשילדס אַפּוטרופּסות, פירן איצט אַ זעלבשטענדיק לעבן. אָבער היינט, פּונקט ווי נעכטן, בלייבט פאַר זיי דער באַראָן דער מלאך־הגואל, צו וועלכן אַלע אויגן

זענען געווענדט, אַלע הענט זענען אויסגעצויגן אין אַ שווערן מאָמענט, אין אַן עת־צרה, ווען ס'איז אַ שוואַכער אָפּזאַץ אויף פּאָמעראַנצן, ווען די וויינטרויבן זענען נישט אַזוי גוט אויסגע־קוועטשט, ווען דער ווייַן ווערט קאַליע פון היץ, אָדער ווען מען דאַרף, אַ שטייגער, פאַרוואַנדלען ציטרינען־פּלאַנטאַציעס און פּאַ־מעראַנצן־פּלאַנטאַציעס.

קוים אַ דריטל פון זייערע קינדער פלעגן פאַרבלייבן אויף זייערע ערטער, די איבעריקע פלעגן פאָרן קיין אויסלאַנד זוכן זייער גליק ערגיץ אַנדערש.

ביי אַזאַ לאַגע ווייסט מען נישט, וואָס מער צו באַוואונ־דערן: צי די שטאַנדהאַפטיקייט פון באַראָן ראָטשילד, וואָס וויל שאַפן אַ נייע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַסע אין פּאַלעסטינע, צי די שוואַכקייט פון פאָלק־ישראל, וואָס קען נישט ענדערן זיין אַלטע נשמה און זיך פאַרוואַנדלען אין פויערים.

VII.
די חלוצים

בײַ די נײַע פּיאָנערן פון פאָלק ישראל זענען די אַלטע קאָלאָניסטן פֿאַרהאַסט. די באַרזשועץ–זאָגן זיי–זענען דעם באַראָנס קנעכט, פּונקט ווי די אַלטע קלאָגמוטערס פון כותל-מערבי זענען גאָטס קנעכט! אָבער זיי אַליין ווילן נישט וויסן פון אַ פּויערים-לעבן, געבויגן אונטערן יאָך פון דער אַרבעט, ווי מען זעט עס אין די אייראָפּעישע לענדער.

די יונגע חלוצים טענהן: נישט דאָ דאַרפן אײַנגעפירט ווערן די פאַרעלטערטע פאָרמען פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע; זאָלן נאָר די מענטשן, וואָס האָבן ליב גלײַכקייט און גערעכטיקייט, קומען אויף דער ערד פון זייערע אָבות, וועט פון ציון ווידער אַרויסשפּראָצן פאַר דער וועלט אַ ליכטיקע תורה! ווידער וועט דאָס פאָלק ישראל פאַרווירקלעכן אין עקאָנאָמישן און אין סאָציאַלן לעבן דאָס, וואָס עס האָט שוין פאַרווירקלעכט אַמאָל אויף דער געעליכער טעריטאָריע.

אַלע צרות, וואָס פאַלן אויף דער וועלט – שטאַמען פון די אַלטע רוימישע געזעצן, לויט וועלכע דאָס ערד-אייגנטום געהער-אָן צו אַ יחיד לצמיתות, דערדאָזיקער פּרינציפּ מוז פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדער פּרינציפּ, וואָס איז אַפילו אויך אַן אַלטער. אָבער דערדאָזיקער פּרינציפּ לאָזט זיך זייער גוט צופּאַסן צום הײַנטיקן מאָדערנעם לעבן און ער איז, אגב, ריין יידיש.

ס'שטייט געשריבן אין ספר „ויקרא": „די ערד קאָן נישט פאַר־קויפט ווערן אויף אייביק, ווייל די ערד איז מיינע, זאָגט דער אויבערשטער".

דער אויבערשטער! אָבער די חלוצים פון נייעם ציון האָבן אויפגעהערט צו גלויבן דערין. דער „אויבערשטער" הייסט ביי זיי איצט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, און לויט זייער נייער ביבל טייטשן זיי אויס דעם אַלטן פסוק גאַנץ אַנדערש: „די ערד קאָן נישט פאַרקויפט ווערן לצמיתות, ווייל די ערד איז מיינע — זאָגט דאָס פאָלק ישראל".

דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָס נערט זיך מיט סומע, וועלכע ווערן אריינגעטראָגן פון אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט, קויפט־אָפּ איין שטיק לאַנד נאָך דעם צווייטן, אין הייליקן לאַנד פון זייערע אבות. און ווען עס קומט אַן עמיגראַנט, ווערט אים די ערד נישט פאַרקויפט, נאָר אָפּגעגעבן צייטווייליק.

אויב דער ניי־אָנגעקומענער פאַרמאָגט געגוג הילפס־מיטלען, ווערט מיט אים געשלאָסן אַ לאַנג טערמיניקער אָפּמאַך, לויט וועלכן ער איז זיך מתחייב אַליין, מיט זיין משפחה, צו באַאַר־בעטן די ערד, אָן דער הילף פון פרעמדע אַרבעטער. ס'איז אים אויך דערלויבט אריינצוטרעטן אַלס שותף אין איינער פון די קאָלאָניעס, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אָדער אין אַזאַ קאָלאָניע, וואו יעדע משפחה באַ־אַרבעט איר חלק און אַלע משפחות צוזאַמען פאַרייניקן זיך, כדי געמיינזאַם איינצוקויפן מאַשינעס, זריעה, שאָף און אַלע אַנדערע זאַכן.

אויב, ווידער, דער עמיגראַנט האָט נישט קיין געלט־מיטלען, דינגט ער זיך אָן אַלס אַרבעטער אין אַ פערמע פון נאַציאָנאַל־

פאָנד, וואו ער באַקומט, אַ חוץ זיין שכירות, אויך אַ געוויסן טייל פון ריוח. ער קאָן אויך אַריינטרעטן אין איינער פון די אַרבעטער-גרופּן, וועלכע זענען מיליטעריש אָרגאַניזירט אין אַרבעטער-באַטאַליאָנען: בוי-אַרבעטער, ערד-אַרבעטער, אייזנבאַן-אַרבעטער, וועלכע ווערן איבערגעשיקט אומעטום, וואו מען נויטיקט זיך אין זיי. און ווען אייגער פון זיי האָט אָנגעזאַמלט אַ פּאָר גראָשן, קאָן ער זיך שוין אַליין איינאָרדנען אויף אַ שטיקל ערד.

יעדער קאָלאָניסט איז נישט מער ווי אַ פּערמער פון פאָלק ישראל. דאָס יידישע פאָלק אַליין איז דער באַלעבאָס פון דער גאַנצער ערד. דאָס פאָלק פאַרדינט דעם מערווערט, וואָס די ערד געווינט דורך דער אַרבעט פון אירע פּערמעס. אויב ס׳איז מעגלעך העכערט מען דעם אַרענדע-פּרייז, כדי איינצוקויפן נייע ערד. און אויב אַ טייל ערד ווערט שלעכט באַאַרבעט, קאָן מען עס אָפּנעמען צוריק, נאָכדעם, ווי ס׳פאַרענדיקט זיך דער קאָנטראַקט.

דער קאָלאָניסט, ווידער, האָט דערפון די פּעולה, וואָס ער דאַרף נישט אַריינלייגן קיין געלט אויף איינצושאַפן ערד. מיטן געלט קען ער בעסער אַוועקשטעלן די לאַנד-ווירטשאַפט אויף אַ העכערער מדרגה. און דער טאָג-אַרבעטער, וועלכער איז אַ שותף צום ריוח, איז אויך נישט אָנגעוויזן דערויף, צו דינען זיין גאַנץ לעבן ביי יענעם. און פונקט ווי אַמאָל, מיטן אַלטן תנ״ך, האָט דער יידישער קנעכט נישט געקאָנט בלייבן מער ווי זיבן יאָר פאַרשקלאַפט, אַזוי ווערט דאָ אויך דער פּראָלעטאַריער באַפרייט.

אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס פאָלק ישראל, לויט זייער מיינונג, באַפרייט פון די צוויי גרעסטע וועלט-פּלאָגן: קאַפּיטאַליזם און אַרבעטס-לוין.

צווישן יפו און ירושלים, צווישן חיפה און טבריא האָב איך באַזוכט די קאָלאָניעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורכן נאַציאָנאַל-פאָנד, און אויף די וועגן האָב איך באַגעגנט אַרבעטער-באַטאַליאָנען. די אַלע מענטשן פּראַצעווען שרעקלעך. זיי גראָבן קאַנאַלן, זיי טריקענען אויס זומפּן און באַוואַסערן די טרוקענע ערטער; זיי פלאַנצן וועלדער, מאַכן שאָסייען און נאָכדעם, אָוונט-צייט, קומען זיי זיך צונויף אין זייערע פּאַלאַטקעס, אָדער אין הילצערנע באַראַקן און שמועסן אָן אַ סוף איבער פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פראַגן. אָדער זיי גייען גאָר אויף אַ פאַרזאַמלונג, אויף אַ קאָנצערט אָדער סתּם אין אַ קינאָ.

איך קאָן אויף זיי קיין שלעכטס נישט ריידן און איך מוז מודה זיין, אַז זייער לעבן איז זייער אַ שווער לעבן. אָבער זיי האָבן אַלע אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אומגליקלעכע מענטשן, ווייל די מערהייט איז נישט צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט. איר וועט נישט געפינען אַזאַ איינעם פון זיי, וועלכער זאָל אייך איינפאַך זאָגן: „אינדערהיים בין איך געווען אַ היטל-מאַכער, אָדער איך בין געווען אַ שטעפּער“. תּמיד וועט איר באַקומען די תּשובה: „אינדערהיים בין איך געווען אַ סטודענט, אַ געלערנטער“. איר בעט זיי נאָר, זיי זאָלן אייך ווייזן זייערע דיפּלאָמען,—און איר וועט באַקומען אַ תּשובה, אַז מען האָט זיי פאַרלוירן, אָדער מען האָט זיי צוגעגנבעט אין זייער וואַנדערוועג.

לויט זייערע פאַרגרעבטע פּנימער, בין איך נוטה צו קלערן, אַז דער זכּרון האָט זיי פאַרראַטן. אָבער זאָל זיין, וואָס עס וויל! צי זיי האָבן באַזוכט אין דער אַמאָליקער היים אַן אוניווערזיטעט, צי זיי זענען אַמאָל געווען שוסטער אָדער שניידער — אַלע זענען אַוודאי דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז מיט זייערע אינטעלעק-

טועלע פעאיקייטן שטייען זיי העכער פאַר אַלע אַנדערע, אַז זיי טוען עפּעס אויסערגעוויינלעכס, איבערגעבנדיק זיך צו פעלד־אַרבעט.

דערדאָזיקער גייסטיקער פאַנאַטיזם, וואָס ערגעץ אַנדערש ברענגט ער גרויס נוצן דעם יידישן פאָלק, איז זיך אָבער דאָ אין לאַנד טועה, ווייל דאָ פאָדערט זיך קודם־כל מוסקול־ענערגיע׳

איך מוז מיך מודה זיין, אַז איך האָב לחלוטין נישט פון אַזאַ מין פאַסטוך, וואָס היט די סטאַדע מיט טאָלסטאָיס אַ בוך אין דער האַנט, פון אַן אַרבעטער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ ווערק פון אַ ווינער פּאָעט, אָדער פון אַ מיידל, וואָס גייט בעסער האַקן שטיינער אויף די וועגן, איידער צו באַשעפטיקן זיך מיט הויז־באַלעבאַטישקייט — גלויבנדיק, אַז אַזוי־אַרום וועט זי אויפבויען ארץ־ישראל!

די גייע עולים, וואָס טראַנספּאָרטירן מיט זיך איבער קיין ארץ־ישראל קינאָמאַטאָגראַפן, קלאַווירן, פאַרזאַמלונגען, ליטעראַרישע אָוונטן, פונקט ווי די אַמאָליקע יידן פלעגן איבערפירן דעם ארון־קודש — אַזעלכע קאָנען נישט דערוועקן קיין אמונה אין זייערע אַרבעטס־פעאיקייטן. צי האָבן זיי אַליין דאָזעלביגע געפיל? אפשר זעען זיי טאַקע אויס צוליב דעם אַזוי פאַרמרה־שחורהט און שטרענג?

נישט ביי די מאַנסלייט און נישט ביי די פרויען פון די נייע חלוצים האָב איך קיינמאָל נישט באַמערקט אַ שמייכל אויף די ליפּן. אָבער ווי קען מען זיין פריילעך, ווען מען טראָגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק, אַז מען איז אַ פאָלק נישט גלייך מיט אַלע אַנדערע, און אַז די גאַנצע וועלט האַלט אין איין קוקן אויף אייך!

די אַלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע עקספּערימענטן, מיט וועלכע זיי זענען אַזוי שטאָלץ, דעקן אויף דעם שלייער פון אַן אינטענסיווער ווירקלעכקייט. ווי זיי וועלן זיך נישט איינאָרדנען: צי אויף אַ סאָציאַליסטישן, צי אויף אַ קאָמוניסטישן, צי אויף אַ קאָאָפּעראַטיוון, אָדער גאָר אויף אַ אינדיווידועלן אופן — סיי־ווי־סיי וועט די ווירטשאַפט נישט קאָנען אויסהאַלטן אַלעמען. אויב ס'וועט נישט קומען קיין נייע הילף פון דרויסן. און אַזוי ווי די אַלטע קלאָגמוטערס פון כותל־מערבי, אַזוי לעבן זיי אויך פון די אויפגעזאַמלטע נדבות פון גאַנצן יידישן פאָלק. יעדער איינער פון די דאָזיקע חלוצים איז אַ לוקסוס־זאַך פאַרן פאָלק ישראל...

אָך, ווי ווייט מען איז פון הערצלס פאַנטאַסטישן ראָמאַן! אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט, אַרומגעכאַפּט מיט אַ הייליקער התלהבות, פאַרקויפן זייערע פאַרמעגנס, ליקווידירן זייערע געשעפטן, רעאַליזירן זייערע קאַפּיטאַלן, כדי צו געפינען אין פּאַלעסטינע דעם עקוויוואַלענט פון דעם, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך! דער שטראָם, וועלכער האָט געדאַרפט אַרומכאַפּן דאָס יידישע פאָלק און אַוועקטראָגן זיי, די יידן, אין לאַנד יהודה, — דער דאָזיקער שטראָם איז נאָך נישט געקומען.

קיין ייד פון דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע, קיין איינציקער פון די יידן, וואָס די מעגלעכקייט פון אַסימילאַציע וואַרפט זיי כלומרשט אַריין אין אַ פיבער, האָט נאָך נישט פאַרלאָזן זיין לאַנד, כדי צו געווינען ירושלים. קומען קומט מען נאָר פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע, וואו די יידן האָבן נישט, וואָס צו פאַרלירן. אַפילו אין רוסלאַנד איז שוין איצט דער ענטוזיאַזם אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פאַר דער מלחמה איז רוסלאַנד באמת געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואו יידן האָבן

שרעקלעך געליטן. אָבער נאָך דער איבערקערעניש — צו וואָס זאָלן זיי פאָרן קיין ארץ־ישראל, אז זיי האָבן איצט די פולע רעכט אין אַ רייכן לאַנד.

זיי האָט אַפילו אָפּגעגליקט בײַ זיך אינדערהיים, וואָרום זיי האָבן דאָ אונטער דער האַנט דאָס געביט, צו וועלכן זיי זענען אַזוי פּאַסיק: די רעוואָלוציע, צום בײַשפּיל, און באַזונדערס די רעוואָלוציע, וואָס ווערט געמאַכט דורך זיי און פאַר זיי. צו וואָס זאָלן זיי גיין מאַכן עקספּערימענטן אין אַ וויסט לאַנד, בעת זיי קענען אויסאיבן זייער זשעני אין אַ רייך לאַנד, באַ־זעצט מיט הונדערט מיליאָן איינוואוינער? און אַ סך פון זיי, וועלכע זענען שוין געשטאַנען מיט איין פוס אין פּאַלעסטינע, קוקן איצט אויף איר, ווי אויף אַ וויסטן ווינקל, וואו קורצזיכ־טיקע מענטשן באַמיען זיך צו שאַפן אַ באַשרענקטן נאַציאָנאַליזם. אַזוי זאָגט טראָצקי, וועלכער איז אַ ייד.

און געלט פליסט נישט צו אויף נייע קאָלאָניזאַציע אין אַזאַ מאָס, ווי מען האָט פריער גערעכנט. שלוחים פאָרן אַרום איבער דער גאַנצער וועלט, כדי צו דערוועקן בײַם פאָלק ישראל די געהעריקע באַגייסטערונג פון פרייגיביקייט. אָבער דאָס יידישע פאָלק איז נישט קיין גרויסער געבער. עס צעפלאַמט זיך, אָבער באַלד קילט עס אָפּ: די היץ האַלט נישט בײַ יידן לאַנג. דאָס פאָלק איז רייך און גלייכצייטיק אָרעם: עס איז אַ פאָלק פון רחמנות, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז עס נישט קיין נדבן פון טיר צו טיר, פון שטוב צו שטוב העלפט מען זיך גאַנץ גערן, אָבער וויל מען אונטערשטיצן אַ ווייטע אידעע — זענען די בייטלען און די הערצער פאַרמאַכט.

די טיפע באַציאָנאַלע באגייסטערונג שטייגט קיינמאָל נישט איבער די גרענעצן פון זייער קאַרגשאַפט.

אויף אויפצובויען אַ יידישע היים אין פּאַלעסטינע גיט אַ פראַנצויזישער ייד דורכשניטלעך יעדעס יאָר לערך אַכצן סאַנטים. אַן איטאַליענישער ייד לערך פופציק סאַנטים, אַן ענגלישער עפּעס ווייניקער ווי צוויי פראַנק. איך ווייס נישט פון דער ציפער אין אַמעריקע. אָבער די סומע, וואָס מען זאַמלט דאָרט צונויף, איז אַזוי קליין, אַז מען דאַרף נישט בויען קיין אילוזיעס אויף איר. און אויב ס'האַנדלט זיך וועגן פיר מיליאָנען יידן, וואָס וואוינען אין אַמעריקע — ווערט די סומע, וואָס אַ ייד גיט דאָרט (דורכשניטלעך) נאָך קלענער. איך האַלט, אַז הייסן זיך גרייטן אין וועג אַריין די יידן פון דער גאַנצער וועלט, איז נישט מער ווי טומל צוליב גאָרנישט.

אַפילו די גרעסטע ציוניסטן זענען זיך מודה, אַז זיי זענען אַנטטוישט; אָבער זיי קאָנען זיך נישט אונטערגעבן און זיי זאָגן, אַז די הערצער ביי אַלע יידן פון דער וועלט זענען נאָך נישט אָנגעצונדן מיט ריינער ליבע צו ציון. זיי ווילן דעמדאָזיקן דורכפאַל פון דער הייליקער אונטערנעמונג נישט דערקלערן מיט דער גלייכגילטיקייט פון פאָלק ישראל, באָר זיי וואַרפן אַרויף דעם גאַנצן חטא אויפן חשבון פון די ענגלענדער, אויף זייער צווייי דייטיקער ראָליע, וואָס זיי שפּילן.

וויפל מאָל האָב איך אַליין געהערט ריידן וועגן דעם: „ס'איז אמת, אונדזערע רייכע ברידער פון אייראָפּע און אַמעריקע ווילן נישט אַוועקוואַרפן זייערע געשעפטן און זייער קאָמפאָרט, כּדי צו פאָרן קיין ירושלים. מען דאַרף אָפּוואַרטן; און אָפּנהערציק גערעדט, האָבן מיר אויף זיי קיינמאָל קיין גרויסע האָפע-

זונגען נישט געלייגט, אָבער דערפאַר, האָבן מיר, גאָט צו דאַנקען, אַזויפיל קבצנים, אַז מיר וועלן קענען באַזעצן אַ לאַנד פיר מאָל אַזוי גרויס, ווי פּאַלעסטינע!"

די יידן זאָגן, אַז אויב זייערע עמיגראַנטן קאָנען נישט קומען אין גרויסע פּאַרטיעס מיטאַמאָל, צו באַזעצן ארץ-ישראל, איז שולדיק דערין דער ענגלענדער.

דער ענגלענדער האָט אונדז געזאָגט (אַזוי טענהן די יידן): „אָט איז אייער פאָטערלאַנד, אָט איז אייער נאַציאָנאַלע היים. פּעקלט אייך אַריבער אַהין און איר זענט אין אייער אייגענעם לאַנד". און ווען מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין, איז אָנשטאָט אויפצועפענען פאַר אונדז ברייט די טויערן פונם לאַנד, פאַרמאַכן זיי אונדז די טיר סאַמע פאַר דער נאָז, און לאָזן נאָר אַריין אַזויפיל יידן, וויפל ס'איז נויטיק, כדי צו פאַרשלייערן דעם אמת. אַ טויזנט יידן אַ חודש איז איבער און איבער!

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מספר איז צו קנאַפּ, אויב מען וויל דאָרט עפּעס אויפטאָן! אָבער דאָס קלעקט אויך גאַנץ גענוג אויף צו רייצן די אַראַבישע פּאַרטיי-לייט און געבן אַ גוטן תירוץ די ענגלענדער — צו אָקופּירן אויף שטענדיק דאָס לאַנד, וואו בלוט וואָלט זיך געגאָסן, ווען מען זעצט דאָרט נישט אַריין קיין ענגלישע פּאָליציי...

צי ווייסט איר די מעשה מיט יענעם יידן? אַ ייד קומט אין אַן אַכסניא, פרעגט אים די באַלעבאָסטע:

— וואָס ווילט איר?

— עך! — מאַכט יענער, — אַ קאָטלעט מיט קאַרטאָפל.

— אָבער איך האָב דאָך נישט קיין קאָטלעטן...

— אַלזוי, גיט אַ פיינקוכן!

— וואָס פאַר אַ פּיינקוכן? איך האָב דאָך נישט קיין אייער?
— טאָ גיט אַ הערינג. מיט אַ ציבעלע און מיט טיי קאָן מען אויך נישט שטאַרבן פון הונגער.
— אַ מאָדנער ייד! אַלץ וואָלט ער געוואָלט!..

אָט דיזעלבע מעשה איז מיט פּאַלעסטינע. וואָס איז ווערט די נאַציאָנאַלע היים, וואָס דער ענגלענדער האָט אונדז געשאָנקען? אָן אויסגעבלאָזענע איי! מיט די צוויי אויפגעפּאָרטע ווערטער "Home national" (נאַציאָנאַלע היים) האָבן זיי אַזוי אויפגעבלאָזן אונדזערע פאַנטאַזיעס, אַז מען לעבט אינגאַנצן אין דער צוקונפט. דאָס וואָרט נאַציאָנאַל האָט באַפרישט אונדזערע אייביקע אילוזיעס: ס'האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז עס גיט אונדז אַ פאַטערלאַנד, און דאָס וואָרט היים איז אויסגעטראַכט געוואָרן, כדי צו באַרואיקן די אַראַבישע שכנים.

מען האָט צו זיי געזאָגט:

„אַ היים איז דאָך נישט קיין מלוכה, מה רעש, וואָס אַרט אייך, אַז יידן בויען אַ היים אין פּאַלעסטינע?"

איצט פאַרשטייען מיר, אַז דער ענגלענדער האָט אונדז אָפּגענאַרט. אונטערן תירוץ, אַז זיי נעמען זיך אָן פאַר דער עוולה, וואָס איז אונדז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָבן זיי זיך דאָ גאָר באַזעצט, כדי צו שיצן אינדיע און מצרים. אָבער מיר, וואָס וועט פון אונדז ווערן? צי איז נישט אַ נאַרישקייט אַריינצולייגן מי און געלט אין אַ לאַנד, וואָס קאָן נישט זיין אונדזערס, צי איז נישט אַ נאַרישקייט — אָנצושטרענגען אַלע כוחות, כדי צו פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ גאָרטן פאַר פרעמדע און צו שאַפן אַ סטראַטעגישן שוץ פאַר די ענגלענדער?..

צי איז שולדיק די אַלגעמיין־יידישע גלייכגילטיקייט צו ארץ־ישראל, צי די מורא, אַז זייער געלט גייט לאיבוד און זיי ווע̄לן קיינמאָל גישט אָנזען קיין יידישע מלוכה, נאָר דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין געלט. די דרייסיק טויזנט יידן, וואָס האָבן נאָך באַלפורס דעקלאַראַציע זיך אַריבערגעפעקלט קיין פאַלעסטינע, לעבן דאָרט אין דחקות. יעדע נייע שיף, וואָס קומט מיט איר ביסל עמיגראַנטן, ברענגט שאָדן די־יעניקע, וואָס וואוינען שוין דאָרט. עס איז אַ סכנה, אַז דאָס שוואַכע עקאָנאָמישע גלייכגעוויכט, וואָס עקזיס־טירט דאָרט, זאָל צעשטערט ווערן. אַמאָל, אין די ערשטע טעג פון זייער באַגייסטערונג, פלעגט מען זיך באַגעגענען מיט דער־דאָזיקער שאלה:

„צי האָט איר שוין אַרבעט?“

ביי היינטיקן טאָג, אַז מען באַגעגנט זיך, פרעגט מען מיט אַ שפּאַסיק־טרויעריקן טאָן:

„צי האָט איר שוין אַ וויזע?“

אַ וויזע אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז גינסטיקער פונם לאַנד יהודה און וואו יידן קאָנען זיך בעסער איינאָרדנען. אַ טייל זענען שוין אָפּגעפאָרן, און די, וועלכע זענען פאַרבליבן — וויפל וועל איך פון זיי געפינען אין אַ צען יאָר אַרום?

VIII.

בן־יהודה

אין ירושלים האָבן די יידן ממש באַוויזן וואונדער! אומעטום, אין די גאַסן, אין די שולן, אויף די וועגן, אין די קאָלאָניעס, אין די ביוראָס און אין די געשעפטן הערט מען נישט קיין אַנדער שפּראַך, ווי העברעיש, און דאָס איז טאַקע אַן אמת וואונדער, ווייל שוין צוויי טויזנט יאָר ווי די אַלטע ביבלישע שפּראַך איז טויט, ווי די איינגעשלאָפענע מתים אונטער די שטיינער פונם עמק־יהושפט.

ס'איז געווען אַ שפּראַך פון תּפילות און פון הייליקע ספרים. נאָך אין די פריסטע קינדעריאָרן לערנט זיך יעדער יידיש יינגל עברי, אָבער דעם רבין פאַלט גאָר קיינמאָל נישט איין דער געדאַנק צו פאַרטייטשן פאַר זיינע תּלמידים דעם זין פון די ווערטער, וואָס יענע שטאַמלען דאָרט אַרויס. צו וואָס פאַרלירן אומזיסט צייט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן? וויכטיק איז דאָך נאָר דאָס, אַז אַ קינד זאָל קענען אַ קאַפּיטל חומש אויף אויסנווייניק! אָבער דער רבי אַליין, וועלכער האָט געקענט די גאַנצע תּורה אויף אויסנווייניק, ווייסט עפּעטער אַליין אויך נישט, דעם טייטש פון חומש.

און תּמיד, אין יעדער שעה פון טאָג, פאַרבייגייענדיק פאַר אַ בית־מדרש, אָדער אַזוי עפּעס אַ שטוב, קענט איר הערן קלינגען די קולות פון תּפילות און פון אומציילּיקע ברכות, אין

וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך קיינמאָל נישט שיידן מיט די אַלטע העברעישע ווערטער, וואָס קיינער פאַרשטייט זיי נישט.

מיט אַ צייט צוריק האָב איך געזען אין ירושלים דעם מענטשן, וועלכער האָט דער ערשטער אַרויסגעפירט די דאָזיקע טויטע שפּראַך פון דער ביכער-וועלט און פאַרוואַנדלט זי אין אַ לעבעדיקער אומגאַנגס-שפּראַך.

לויט זיין רוסישן פּאַספּאָרט האָט ער געהייסן אליעזר לאַזאַרעוויטש עליאַנאָוו. אָבער אין יידיש האָט ער זיך גערופן בן-יהודה, ד. ה. דער זון פון לאַנד יהודה.

און אָט איז זיין לעבנס-געשיכטע.

ס'איז איינס פון די וואונדערלעכע יידישע לעבנס, פון יענע לעבנס, וואָס אַ גרויסער חלק פון זיי וואָלט אַזוי ווי אָנגעהערט צו די פאַרשוואונדענע דורות.

ס'איז אַ וואונדער, וואָס קען געשאַפן ווערן נאָר דורך ענטוזיאַזם. אָט די מענטשן פאַרווירקלעכן דורך טויזנטער גלגולים סוף-כל-סוף דאָס, וואָס מען האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט פאַר אוממעגלעך.

זיינע קינדעריאָרן זענען אַדורכגעלאָפן אין איינעם פון די ליטווישע געטאָס, און ביז זיין פופצן-יעריקער עלטער האָט ער געלעבט אַזוי, ווי די געלערנטע תלמודיסטן האָבן געלעבט מיט פערציק יאָר צוריק אין די קליינע יידישע אוניווערזיטעטן, וועלכע מען רופט ישיבות.

שטעלט אייך נאָר פאָר אַ קליין פאַרלוירן שטעטל, אַ הויז

מיט אַ שטרויענעם דאַך, און דאָרט אינעווייניק זיצן אַרום אַ רבי, וואָס האָט אַ נאָמען אין כּרך, אַ צוואַנציק יונגעלייט אין קאַפּאָטעס, אין קיילעכדיקע היטעלעך, מיט לאַנגע פּאות, וואָס פאַלן זיי אַראָפּ איבער די פּנימער. מען זיצט אָפּ אַ גאַנצן טאָג און מען פּילפּולט זיך אַרום אַ פּסוק פון תּלמוד.

על־פּי רוב איז דער אינהאַלט זייער אַ קלאָרער, אָבער שוין־זשע עקזיסטירט אַ קלאָרער פּסוק פאַר אַ יידישן מוח? ר׳ הלל האָט, למשל, אַזוי געזאָגט: „וואָס דיר איז נישט ליב, זאָלסטו עס נישט טאָן דיין חבר“. דאַכט זיך, אַז ס׳איז אַ גאַנץ קלאָרער פּסוק. דאָ אָבער דרינגט מען אַרויס, אַז ר׳ הלל האָט געמיינט עפּעס אַנדערש.

וואָרום, צוריק גערעדט, ווען ער, ר׳ הלל, זאָל האָבן געמיינט טאַקע דאָס, טו צו וואָס איז זיין גאַנצע גאונות? און ישעיה הנביא, צי דען האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזעלכע זאַכן, וואָס איך מיט אייך, אַ שטייגער, קענען כּהרף עין משיג זיין? וואָרום צי האָט דען גאָט גלאַט אַזוי געלאָזט פליסן אין זיינע אברים אַלע קוואַלן פון הימל און ערד, כּדי אַרויסצולאָזן פון זיינע ליפּן אַ שטראָם פון ריינעם וואַסער?

דידאָזיקע רבנים זענען געווען בכּוח צו פאַרטונקלען די קלאָרסטע געדאַנקען. זיי פלעגן זיך תּמיד פאַרפּלאָנטערן און אויסגעפינען צענערליי פאַרשידענע פּירושים אויף איין פּסוק, וואָס האָט באַשיינפּערלעך נישט געהאַט מער ווי איין פּשט.

זיי פלעגן זיך באַנוצן מיט פּוסקים, וועלכע האָבן דורותלאַנג געבראָכן דעם קאָפּ איבער דיזעלבע זאַצן, זיי פלעגן אָנוואַרפן פּירושים איינעם אויפן אַנדערן, אַליין צוגעבן אַ שפּאָר ביסל אייגענע סברות מיט נייע אויסטייטשונגען, און די כּוונה

איז בלויז געווען די, אַז דער טייטש זאָל זיך אונטערשיידן פון די אַלע פריערדיקע.

אין משך פון לערנען האָט יעדער איינציקער תּלמיד געקענט אָפּשטעלן דעם רבין, אַרויסרוקן זיינס אַ פּשטל און אָנווייזן אויף אַ לאָגישן טעות.

אין אַזאַ מאָמענט פלעגט ווערן אַ געדרענגעניש אַרום דעם תּלמיד מיטן רבין און דורך געפילדער און רעש פלעגט מען ווען אַרויסבאַקומען אַ טראָפּעלע לאָגיק. אָן אַ סוף פלעגן פליען שאלות און תּשובות פון מויל צו מויל, און דאָס פינקאַנטיקע קליינע חדרל, באַשפּרייט מיט פייכטן שטרוי, פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אָרט פון געפילדער און ויכּוחים.

אָט אַזוי האָט מען דורות־לאַנג געזוכט ליכט אינדערפינסטער און די זון אין אַ רעגן־וועטער. און וואָס מיר הונגער און ווער מיר קעלט! ווער האָט דערפון געקלערט אונטער דעם שטרויענעם דאַך, וואו דער שניי, וואָס איז אָנגעפאַלן פאַר דער נאַכט, פלעגט צוגיין אונטער דער ווינטערדיקער זון, אַדורכרינען דורכן סופּיט און מיט קאַלטע טראָפּנס אַראָפּקאַפּען אויף דערדאָזיקער ווילד־משוגענער באַגייסטערונג.

אין דידאָזיקע ישיבה־שטעטלעך האָט עקזיסטירט אַן אַלטער מנהג, לויט וועלכן יעדער ייד האָט געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב — צו געבן עסן ישיבה־בחורים. יעדער ישיבה־בחור פלעגט אויף אַזאַ אופן באַקומען ביי איין פּערזאָן אַ מיטאָג אויף אַ וואָך, אויף אַ חודש און אפילו אויף דריי חדשים, אָדער יעדן טאָג אַ מיטאָג ביי פאַרשידענע באַלעבאַטים. דאָס האָט געהייסן „עסן טעג", אָדער גאָר פּשוט אַ ט אָ ג. אָבער דער טאָג איז מער נישט באַשטאַנען, ווי אין אַ מיטאָג. און אויף דעם טרוקע־

נעם אָוונט־ברויט פֿלעגן די ישיבה־בחורים אַליין מיט גרויס מי און מאַטערניש פֿאַרדינען.

איינמאָל אין דער וואָך פֿלעגן די ישיבה־בחורים באַגינען פֿאַרלאָזן די ישיבה און זיך אַוועקלאָזן שנאָרען אין די אַרומיקע שטעטלעך.

יעדער איינער פֿון זיי פֿלעגט האָבן זיין סביבה, זיין שנאָ־רעריי־מלוכה, און אין אַ וואָסער פֿרייטיקדיקן טאָג פֿלעגט ער זי אַדורכשפּאַנען אין דער לענג און אין דער ברייט.

פֿון אַזאַ שפּאַציר פֿלעגט דער ישיבה־בחור מיטברענגען אַ פּאָר גראָשן, כּדי זיך איינצוקויפֿן ברויט אויף וועטשערע. היות אָבער ער זאָל אין די ערשטע טעג נישט עסן צופֿיל ברויט און נאָכדעם ווייניק, פֿלעגט ער מיט קרייט אָנצייכענען אויפֿן ברויט זיבן פּאַסן — לויט דער צאָל טעג פֿון דער וואָך.

פּסח־צייט פֿלעגט דערדאָזיקער עולם צעשוואומען ווערן אויף דריי וואָכן. צוליב וואָס? כּדי ווידער צו שנאָרען. אייביק צו שנאָרען. וואָרום מען האָט זיך געוואָלט איינשאַפֿן אַ פּאָר העמדער, שוכוואַרג, אַ קאַפּאָטע און ספֿרים.

דער ישיבה־עולם פֿלעגט זיך אַוועקלאָזן איבער די קליינע בתי־מדרשימלעך, וואו ס'קומען ווייניק יידן און וואו דאָס גאַנצע מעבל באַשטייט פֿון עטלעכע צעבראָכענע בענק, אַ כּיור, אַ צינענעם הענג־לייכטער און אַן אַלטן אָרון־קודש אין וואַנט.

די יונגעלייט פֿלעגן אַרבעטן ביי מצות, פֿלעגן זיך אָנדינגען פֿאַר בעלי־תּפֿילות, פֿאַר משוררים. זיי פֿלעגן האַלטן דרשות, און די ישובניקעס, געוואַלדיק צעחושט פֿון זייערע גלאַטע צינגלעך, פֿלעגן אַריינפֿאַלן אין גרויס התפּעלות.

נאָכדעם פלעגן זיי זיך אומקערן צוריק אונטער זייער שטרויענעם דאַך, און די ויכוחים מיט די פּילפּולים פלעגן זיך אָנהייבן פונדאָסניי.

דידאָזיקע ישיבה־בחורים מיטן רבין זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן געקאָנט העברעיש אין דעם יידישן געטאָ. אָבער אַלע פּירושים און ויכוחים איבער דער תורה זענען געפירט געוואָרן אין יידיש, ווייל מען האָט עס געהאַלטן פאַר אַן עבירה צו באַנוצן די הייליקע שפּראַך אַפילו ביים לערנען.

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל, ווען מען האָט אינם געטאָ באַמערקט, אַז די יונגעלייט, אַמאָליקע עלוים פון דער ישיבה, האָבן זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער אַלטער העברעישער שפּראַך, אָנגעהייבן זיך צו גריבלען אין איר גראַמאַטיק און אַרויסצוגעפינען אירע שיינקייטן. סוף־כל־סוף איז עס דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן זיך אָנגעהייבן צו באַנוצן מיט איר ביים שרייבן סאַמע געוויינלעכע און וואָכעדיקע זאַכן.

און אָט האָט זיך גאָר אויסגעפונען אַ ייד מענדעלזאָן, וועלכער האָט איבערגעזעצט אין דייטש דעם גאַנצן חומש. האָט דען אַזאַ מין עבודה נישט טיף צעקאַלעטשעט און מבזה געווען די תורה, אָוועקנעמענדיק ביי איר דעם קלאַנג, וואָס גאָט האָט איר אַריינגעגעבן! ווי גרויס דאַרף אָבער זיין דער חטא, ווען מען באַנוצט לבטלה ווערטער, וואָס גאָט אַליין האָט זיי געברויכט און מען לייגט זיי אַריין אין די יידישע מיילער, כדי אים צו דינען!

דאָס אַלטע געטאָ האָט זיך אויפגערודערט און אָנגערופן דידאָזיקע יונגעלייט אפּיקורסים. אונטער דעמדאָזיקן וואָרט האָבן זיי פאַרייניקט אַלץ: צעלאָזנקייט, רשעות און עבירות.

און דאָס האָט געהאַט אַ גרונט. דידאָזיקע אומדיסקרעטע נייגע־ריקייט, דידאָזיקע אומדערהעטטע חוצפה בנוגע צו די אומבאַ־גרייפלעכע ווערטער, איז געווען דער ערשטער ציטער, דער ערשטער באַגער צו פרעמדן וויסן, אַ פאַרנעפּלט געפיל זיך אָפּצושאָקלען פון די פאַרעלטערטע דיסציפּלינען און פון דעם טראַדיציאָנעלן למוד, מיט וועלכע די תורה איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן!

און דער חשק צו דערדאָזיקער שפּראַך, וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר געשלאָפן און די ליבע צו נייע געדאַנקען — דאָס אַלץ האָט עפּעס אַזוי פּלוצלונג און צופעליק אויסגעפונען זיינע מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך פאַרייניקט, ווי אמתע פאַרבינדעטע. עטלעכע קליינע זשורנאַלן אין לשון־קודש, וועלכע מען האָט פאַרשטעקט אונטער די קאַפּאָטעס, האָבן זיך, פונקט ווי סם צעשפּרייט איבער אַלע ווייטע קהלות.

און איינמאָל, מען געדענקט שוין אפילו נישט ווען, האָט „מסתרי פּריז", דער ערשטער איבערגעזעצטער ראָמאַן אין העב־רעיש, אַריינגעבראַכט אין דעם שטאָלצן יידישן לעבן דעם פיבערלעכן רייץ פון דער מערב־ציוויליזאַציע.

איינמאָל, אין אַ שבתדיקן טאָג, האָט אליעזר, אַ מאָגער, קליין, בלאַס מענטשל, מיט סימנים פון שווינדזוכט, געדרשנט אין בית־המדרש פאַר אַ סך יידן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט אַרום דער בימה, אין פאַרפעצטע קאַפּאָטעס און שטריימלעך, מיט בערד און פאות.

מיטאַמאָל איז צום ישיבה־בחור, דעם עלוי, צוגעגאַנגען אַ

פרעמדער ייד נישט אין אַ קאַפאָטע, נאָר קורץ געקליידט, אַ מאָסקווער סוחר, וועלכער איז אַראָפּגעקומען אַהין צוליב זיינע געשעפטן. ער איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון בן־יהודהס גלאַנצ־פולער דרשה און איצט האָט ער פאָרגעלייגט דעם בעל־דרשן, ער זאָל אַוועק מיט אים. ער וועט אים מקרב זיין, אַריינגעמען אים צו זיך אין הויז און געבן אים לערנען אויף זיין אייגענעם חשבון.

דערדאָזיקער ייד איז געווען איינער פון יענע משכילים, וואָס האָבן געזען אין דער מערב־קולטור דעם העכסטן פונקט פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ביי זיי איז געווען פאַררעכנט פאַר דער גרעסטער מצוה — אַרויסצורייסן פון געטאָ אַ באַגאַבטן יינגל, כדי נאָכדעם אים צו געבן אַ רוסישע בילדונג.

אין מאָסקווע איז אליעזר אָנגעקומען אין גימנאַזיע. אין אָוונט פלעגט ער געבן העברעישע לעקציעס דעם סוחרס עלטערער טאָכטער, דבורה, וועלכע איז געווען מיט אים כמעט אין איין עלטער.

ס׳זענען אַריבער דריי, אָדער פיר חדשים. אין איין שיינעם פרימאָרגן (אין פרילינג 1877) איז דער סוחר געקומען אַהיים, מיט דער בשורה, אַז די רוסן גייען מלחמה האַלטן מיט די טערקן, כדי צו באַפרייען די בולגאַרן. די גאַנצע משפּחה איז געווען געשטימט פאַר טערקיי. ווי פאַרחדושט זענען אָבער אַלע געוואָרן, ווען אליעזר האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רוסן. „זיי האָבן רעכט — האָט ער אויסגערופן — וואָס זיי גייען באַפרייען זייערע „ברידער פון איין בלוט״. אַ זאַך, וואָס מיר, יידן, טראַכטן, ליידער, קיינמאָל נישט וועגן דעם, דערום זענען מיר די שוואַכסטע און תמיד צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט״. אַלע האָבן פון אים חוזק געמאַכט, חוץ דבורה.

פון יענער צייט אָן האָבן די איבעריקע קינדער פון שטוב אַזוי אים פאַרביטערט דאָס לעבן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון זיי. דעמדאָזיקן סוד האָט ער פאַרטרויט נאָר זיין טייערער דבורהן. זי האָט אים געגעבן עטלעכע רובל פון איר אָפּגעשפּאָרט געלט, און אין דער רגע, ווען ער האָט אויף אייביק פאַרלאָזט זייער הויז, האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין קאָפּ, און געשענקט אים איר ברכה אויפן וועג: „זיין מצליח, אליעזר. ווען דו וועסט מיך רופן, וועל איך קומען צו דיר."

און אָט טראָגט ער זיך איבער די גרויסע טראַקטן, גייענדיק אָפטמאָל צופוס. ער שטעלט זיך אָפּ אין וואַרשע, אין לעמבערג, אין בערלין, כדי צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן דורך העברעישע לעקציעס.

אַ גאַנץ יאָר האָט געדויערט ביז וואַנען ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריז. בעת זיין לאַנגער נסיעה האָט זיך אים איינמאָל, ליגנדיק אין אַ שייער, פאָרגעשטעלט אין דמיון, אַז ער איז באַשטימט צו אַ הויכער שליחות. דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך אין אים דערוועקט מיט דעמזעלבן כוח, ווי עס דערוועקט זיך אָפטמאָל די גרעסטע אידעע אין יענע יידישע מוחות, וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט משיח-חלומות. זיין שליחות איז: אויפצולעבן די אַלטע העברעישע ווערטער, דאָס הייסט פאַרוואַנדלען העברעיש אין אַ לעבעדיקער אומגאַנגס-שפּראַך. קודם אָבער מוז מען צוזאַמען מיט דער קאַפּאָטע און שטריימל אַוועקשליידערן דאָס שרעקלעכע יידיש, דעם צולאַטעטן זשאַרגאָן, וועלכער איז צוזאַמענגעזעצט פון פאַרשידענע שטיקלעך, אַ שקלאַפן-שפּראַך, און ערשט דעמאָלט וועט ער זיך נעמען רעכט פאַר דער אַלטער

שפּראַך, פאַר דעם לשון פון די מלכים, נביאים און שופטים, כּדי צו באַפעסטיקן די אחדות פון פאָלק־ישראל!..

אַלץ האָט אים אויסגעוויזן קלאָר און פשוט. די שטרוי פון שייער האָבן אים צוגעוואָרפן שימערירנדיקע שטראַלן.

און אַלס צייכן פון דעם, אַז ער האָט זיך פעסט באַשלאָסן און אַז ער האָט דערשפּירט אין זיך אַ ניי לעבן מיט פרישע כּוחות, האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן בן־יהודה, דער זון פון יהודה.

אין פּאַריז בלייבט בן־יהודה אָן אַ פּרוטה. אָבער אין זיין לעבן פאַלט פּלוצלונג עפּעס אַריין אַ סודותפולער פּאָליאַק, וועלכער האָט עמיגרירט אין 48־טן יאָר פון פּאָריקן יאָרהונדערט, און האָט געחלומט פון פּוילנס אויפלעבונג, ווי בן־יהודה פון זיין פּאַלעסטינע. ביידע פאַנטאַזיאָרן האָבן באַלד געשלאָסן חברשאַפט. צוזאַמען האָבן זיי געחלומט און צוזאַמען געליטן דחקות און נויט. אָבער דער שאַרפזיניקער פּאָליאַק האָט אויסגעצייכנט געקענט פּאַריז, אַזוי, אַז ער פלעגט תּמיד געפינען עמעצן, וועלכער פלעגט אים פאַרבעטן צו זיך אין הויז. און, ווידער, אַז ס׳פעלט אַמאָל אויס אַ מיטאָג, איז דאָך אויך נישט קיין גרויס אומגליק! דערפאַר אָבער קען מען דאָך לייכט געפינען אַן אַנדער שפּייז, אַ גייסטיקע שפּייז אין אַ זאַל פון אַ הויכשולע, אָדער אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו מען קאָן זיך אָנזעטיקן מיט ויכּוחים וועגן גאַמבעטאַן.

זייער אַ שווער לעבן פאַר אַ שווינדזיכטיקן מענטשן! בן־יהודה איז קראַנק געוואָרן. ער האָט זיך געגוויטיקט אין אַ מילדערן קלימאַט, און צוליב דעם האָט ער תּיכף געמוזט פאַרלאָזן פּאַריז. אָבער וואו נעמט מען געלט אויף הוצאות־הדרך? וועגן

אַזעלכע זאַכן האָט זיך דער פּאָליאַק שוין געזאָרגט! אין איין זיינעם פּרימאָרגן האָבן זיך ביידע גוטע פריינט אויפגעהייבן און זענען אַוועקגעפאָרן קיין אַלזשיר.

אַלזשיר, טוניס, קאַרטאַגען! אינדערהייך אויפן היגל, וואו די דאָנע האָט אַמאָל איינגעאָרדנט די פעניציער פון צור, האָט דער זון פון יהודה געקענט אָן אַן אויפהער חלומען וועגן דער גרויסער גייסטרייכער אונטערנעמונג פון זיינע אָבות־סעמיטן.

אין אַלזשיר האָט בן־יהודה אָנגעהייבן צו טראַכטן פון פּאַלעסטינע, וואו דער רעדאַקטאָר פון קליינעם העברעישן וואָכן־זשורנאַל „חבצלת" האָט אים צוגעזאָגט אַ שטעלע מיט אַ גע־האַלט פון צוואַנציק פראַנק אַ חודש.

וואָס זאָל ער, אַזוי, טאָן? צי זאָל ער זיך פאַרנעמען מיט זוכן געלט־מיטלען? אָדער זאָל ער הערן דעם קול, וואָס רופט אים קיין פּאַלעסטינע, דאָס לאַנד, וואָס האָט אַזוי געצויגן זיין האַרץ? דער פּאָליאַק האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דער נויט, וואָס האָט זיי דאָרט אין פּאַלעסטינע, אָפּגעוואַרט. ער האָט בן־יהודהן צוגערעדט, אַז צוערשט זאָל מען זיך אַוועקלאָזן קיין ווין, כדי זיך דאָרט שואל־עצה צו זיין מיט איינעם אַ יידן, וועלכן בן־יהודה האָט שטאַרק ליב געהאַט, הגם ער האָט אים אין לעבן קיינמאָל נישט אָנגעזען. דאָס איז געווען סמאָלענסקין, דער געטאָ־ראָמאַנטיקער.

ווי עס טוט מיר באַנג, וואָס איך קען נישט קיין העברעיש! איך האָב מער נישט געלייענט ווי שטיקלעך, עטלעכע בלעטלעך, איבערגעזעצט פון סמאָלענסקינס באַרימטן ראָמאַן „התועה בדרכי

החיים". זיי זענען אין מיינע רעיונות פארבליבן, פונקט ווי די ראשע ליכט־שטראַלן, וואָס רעמבראַנדט האָט פאַרבייגייענדיק אָנגע־וואָרפן אין שאָטן פון אַ בית־מדרש.

ס'אַראַ ליכט אין יידישן לעבן! און אַז מען ענדיקט דאָס לעצטע בלעטל, אַך, ווי עס טוט באַנג, וואָס מען בלייבט אַזוי ווי העננען אין דער לופטן און מען קען נישט מער נאָכפאָלגן דעם העלד, וועלכן ער פירט פון איין פאַסירונג צו דער צוויי־טער, אויף דעם געטאָ־וועג פון דחקות און פון אומפאַרדעכטלעכער גדולה!

ער אַליין, סמאָלענסקין, איז געווען אַן אַלטער אפיקורס, און תמיד דערציילט ער אַלץ זיין געשיכטע פון אַ יונגן משכיל, וועלכער האָט געליטן פון אַ גרויסן איבערברוך אינם אַלטן יידישן לבען.

ער אַנטלויפט פון געטאָ צוליב דעם פאַנאַטיזם, וועלכער טוט אים אָן געברענטע צרות ער לאָזט זיך אַוועק איבער איי־ראָפּע, אָבער מערב־אייראָפּע אַנטטוישט אים: דאָרט זעט ער איין, אַז דער ייד קען נאָר געפינען דעם אמת אין יידישקייט און אין משיח־אידעאַלן, אָבער ווער איז ער, דערדאָזיקער משיח?

די אַלטע בית־מדרש־יידן זעען זייער משיח אין דער געשטאַלט פון אַ געטלעכער פערזענלעכקייט, איינגעהילט אין אַ לעגענדע, אָבער איינמאָל, אין אַ העלן טאָג, וועט ער זיך פאָרט באַווייזן, אויף אַ ווייסן פערד און וועט אַוועקפירן צו זיך אין לאַנד אַריין דאָס פאָלק ישראל און געבן אים יושר און גערעכטיקייט.

בן־יהודה האָט געפונען סמאָלענסקינען אין אַן אָרעמען צימערל, וואו ער האָט אויף אַ פרעס, מיט זיינע אייגענע הענט,

געדרוקט דעם „השחר" — דעם מאָרגענשטערן, וועלכער האָט באַרואיקט אַלע פאַרדאַגהטע און איינגעפלאַנצט אין זייערע הערצער די בעסטע האָפענונגען. בן־יהודה נעמט אים אַרום און פאַרטרויט אים זיין פּלאַן וועגן פאָרן קיין פּאַלעסטינע. „דו ביזט אַ שוטה!" — האָט סמאָלענסקין אויסגערופן. — ס'איז אַ לאַנד, וואו מען ווערט פאַרצערט פון די פּרומאַקעס און פון די פּייזע פאַנאַטיקער!" און ער לייגט אים פאָר מיטצואַרבעטן מיט אים אין זיין „השחר".

אָט דאָס האָט דער פּאָליאַק נאָר אויסגעקוקט. מיטאַמאָל עפנט זיך אַ טיר און דבורה באַווייזט זיך אויף דער שוועל! דבורה איז קורץ נאָך זיין אַוועקפאָרן אויך אַנטלאָפן פון איר פאָטערס הויז און אַצינד איז זי מוכן ומזומן מיטצוגיין מיט בן־יהודהן אין סאַמע עק וועלט, ד. ה. קיין ירושלים! ער טוט איר דאָרט אָן תיכף אויפן אָרט דאָס קדושין־פינגערל און אַלע זאַלבעדריט — בן־יהודה, דבורה און דער פּאָליאַק, וועלכער קאָן זיך נישט שיידן מיט זיין חבר — לאָזן זיך אין וועג אַריין.

באַלד געפינען זיי זיך שוין אויף אַ שיף, וואָס טראָגט זיך איבערן דונײַ, אויפן וועג קיין ציון.

צווישן בעלגראַד און אָרסאָווע האָבן די אייזערנע טויערן אויפן דונאַי געזען אַ סך מענטשן פאַרבייפאָרן, אָבער צי האָבן זיי אַמאָל אָנגעזען אַזעלכע אויסטערלישע נפשות? דער דאָזיקער ראָמאַנטישער אָרט ביים טייך דונאַי איז פון דער נאַטור אַליין מסוגל צו באַגייסטערן דעם מענטשן אויף גרויסע מעשים. דאָרט האָט בן־יהודה פייערלעך דערקלערט זיין פרוי, אַז מהיום־והלאה וועט ער צו איר אויף קיין אַנדער שפּראַך נישט ריידן, סיידן נאָר אויף העברעיש.

הגם דבורה האָט מער נישט בעקענט ווי אַ טייל ווערטער, וואָס ער האָט איר אַמאָל אויסגעלערנט, דאָך האָבן זיי אויסגעדריקט זייערע געדאַנקען אין דעמדאָזיקן אוראַלטן לשון, וואָס איז שוין געלעגן פאַרזונקען אינם תהום פון ווייטע דורות. אין דער גאַנצער וועלט זענען זיי אפשר געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך שטענדיק צוזאַמענגערעדט אויף דער הייליקער שפּראַך...

די שיף איז אריין אין שוואַרצן ים. צוואנציק טעג האָט געדויערט די נסיעה אויפן ים און צוועלף שעה דער וועג מיט אייזלען. דורך פאַרוויסטע בערג, וואָס זענען פאַרבונדן מיט טויזנטער רייצנדיקע זכרונות, איז געלעגן זייער וועג.

און אָט האָט, צווישן וואָלקנס שטויב, וואָס דער ווינט האָט אויפגעהייבן אינדערהייך, זיך פּלוצלונג פאַר זייערע אויגן באַוויזן אין איר גאַנצער פּראַכט די שטאָט פון אייביקע האָפענונגען. די שטאָט מיט די גרויסע געקאַרבטע ווענט, אויפגעפּרעסט אויף דער שטיינערנער פלאַכקייט, וואָט מאַכן דעם איינדרוק פון אַן עלנדער קרוין.

אין יענער צייט האָבן אין ירושלים געוואוינט לערך צוואנציק טויזנט יידן, צונויפגעפּרעסט אויף אַ שמאָלן שטח צווישן דער פאָרשטאָט, דעם מוסולמענישן באַזאַר און דעם גאָרטן פון אַרמענישן קלויסטער. און אַ וואָסער יידישע באַפעלקערונג! אַזאַ מין באַפעלקערונג וועט איר אפשר אין דער גאַנצער וועלט נישט געפינען. אַ באַפעלקערונג, וואָס איז צוזאַמענגעשטוקעוועט על־פּי־רוב פון זקנים, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן וועלט: פון רוסלאַנד, פון רומעניע און פון

פוילן. זיי וואַרטן דאָ אויף זייערע לעצטע שעהן, כדי אַוועקצו־לייגן זייערע ביינער אין עמק־יהושפט.

פאַרן אַוועקפאָרן האָט מען דידאָזיקע עולים ממש פאַרגע־טערט, מען האָט זיי באַגלייט מיט די רוישיקסטע אָוואַציעס, און אַלץ צוגעוואונטשן זיי אַ גליקלעכע נסיעה.

אָנקומענדיק אויפן אָרט, האָבן זיי דאָרט געטראָפן דעם שטענדיקן קיבוץ, איינגעטיילט אין קליינע קיבוצימלעך, לויט די לענדער, פון וואַנען מען איז אַראָפּגעקומען אַהער.

אין איין אָרט האָבן זיך געפונען אונגאַרישע יידן, דייטשע, רוסישע, פוילישע, רומענישע, עסטרייכישע, קאַווקאַזער און בוכאַרער; אין אַ צווייטן אָרט — אַמסטערדאַמער, טוניסער, מאַ־ראָקאַנישע, עגיפּטישע, יעמענישע (תימנער), סאַלאָניקער, סמירנער און באַגדאַדער. די אַלע קליינע געטאָס האָבן זיך גרופּירט אין צוויי גרויסע משפחות: צפון־יידן און דרום־יידן.

די צפון־יידן, די אַשכנזים זענען שאַרפזיניק, איבערגע־שפּיצט, זענען בקי אין ש"ס ופוסקים; זיי אַלע זענען אויסער־געוויינלעכע פאַנאַטיקער, לייגן נישט קיין שום אַכט אויף זייער אויסערלעך אויסזען אוןריידן נאָר יידיש־דייטש. די דרום־יידן, די ספרדים (פרענקען) קענען קנאַפּער לערנען, זענען ווייניקער אינטעלעקטועל, לייגן אָבער גרויס אַכט אויף זייערע קליידער און אויף דער מאָדע. דער פאַנאַטיזם איז ביי זיי נישט קיין ווילדער און זיי ריידן אַ שפּאַניש יידיש, וואָס די אַרויסגעטריבענע יידן פון איזאַבעלעס צייטן האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון שפּאַניע.

אַשכנזים און ספרדים האָבן נישט געלעבט צוזאַמען. זיי פלעגן נישט דאַווענען אין איין שול און פלעגן זיך נישט משדך זיין מיט איינאַנדער. זיי פלעגן אַפילו נישט עסן ביי איינאַנדער,

ווייל ס׳איז ביי זיי געווען אַ חלוקי־דעות אין דער שחיטה פון קורטשאַקעס. . .

באַלד ווי דער עמיגראַנט פלעגט נאָר אָנקומען, פלעגט ער תיכּף אַוועקלויפן אין זיין קוואַרטאַל, וואו ער פלעגט זיך באַגע־גענען מיט זיינע קרובים און פריינט. מיט איין וואָרט, ער פלעגט אַריינפאַלן אין דערזעלבער סביבה, וואָס ער האָט פאַרלאָזט אינדערהיים.

אָבער די אַלטע בּויט, די אייביקע דחקות איז זיי נאָכגע־גאַנגען טריט ביי טריט. דאָך איז זיי זייער אָנגענעם געווען צו טרעפן אונטער אַ פרעמדן הימל דיזעלבע מנהגים און דיזעלבע מענטשן, בשעת מען איז געווען זיכער, אַז מען וועט זיי שוין קיינמאָל מער נישט זען אין לעבן.

און מערקווירדיק איז דאָס, וואָס די זקנים, וועלכע קומען אַהער שטאַרבן, ווערן על־פּי־נס פלוצלונג יונגער.

צי איז די ירושלימער לופט אַזעלכע, וואָס דערוועקט אין מענטשן פּאַטריאַרכאַלישע כּוחות? אָדער מען דאַרף אפשר גלויבן, אַז די לאַנגע תפילות פאַרהיטן דאָס לעבן? כּדי נושא־חן צו זיין ביים אויבערשטן, וועלכער האָט פיינט אַן אַלמן, האָבן אַ סך זקנים, ביי די לעצטע יאָרן זייערע, חתונה מיט פערצן אָדער פופצניעריקע מיידלעך. און געלויבט איז דער אויבערשטער! זיי לאָזן איבער נאָך זיך אַ געדעכעניש.

כּדי אויסצוהאַלטן דעם גאַנצן עולם, געפינט זיך דאָרט אַ זעלטענע אינסטיטוציע, באַזונדערס אין ירושלים, וועלכע עקזיס־טירט שוין נישט פון נעכטן.

ווען דער מלך קורש האָט דערלויבט די יידן זיך אומצו־קערן פון בבל קיין ארץ־ישראל, איז פאָרגעקומען פונקט דאָס

אייגענע, וואָס מען זעט עס אויף היינט. זייער קנאַפּ יידן האָבן זיך באַנוצט מיטן חסד, וואָס מען האָט זיי געשאָנקען. נישט תמיד בלייבט דער גלות אָן נוצן. אויף די ברעגעס פון פרת האָבן די געפאַנגענע יידן נישט פאַרלוירן קיין סך צייט און האָבן באַלד גענומען קלאָגן אונטער די ערבות.

אָבער אַ סך פון די פאַרשיקטע האָבן דערנאָך נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע געשעפטן און זיך אומקערן קיין ירושלים. עס האָבן זיך אומגעקערט נאָר אַזעלכע, וועלכע האָבן געמאַכט שלעכטע געשעפטן. אָבער די רייכע יידן פון בבל פלעגן זיי יאָר נאָך יאָר צושיקן אַ געוויסע סומע געלט, וואָס זיי פלעגן פאַרטיילן צווישן זיך. דאָס האָט זיך אָנגערופן „חלוקה" און דער מנהג איז אַזוי שוין פאַרבליבן.

אין אַלע יידישע קהילות פון אייראָפּע ווערן געזאַמלט נדבות אויף אויסצוהאַלטן די פרומע לייט, וואָס קומען אָפּ זייערע לעצטע טעג אין ירושלים. אין די גלות-לענדער האָט יעדער ייד ביי זיך אַ פּושקע אין שטוב, און ביי יעדן גליקלעכן, אָדער אומגליקלעכן פאַל ווערט דאָרט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע פאַר די קלאָגמוטערס ביי דעם כותל-מערבי.

און איינמאָל אין יאָר קומען אָן שלוחים פון ארץ-ישראל, וועלכע ליידיקן אויס די טייערע פּושקעס און ברענגען דערפאַר אין די גלות-לענדער אַ ביסל ארץ-ישראל-ערד און אַ פאָדעם, מיט וועלכן מ'האָט אַרומגעוויקלט דעם קבר פון דער מוטער רחל. אַמאָל, ווידער, פלעגן זיי סתם צוזאָגן אַ שטאָט אין דעם נייעם בית-המקדש...

אויב די קבצנים פון ירושלים האָבן נישט געקאָנט לעבן

פון דידאָזיקע נדבות, האָט זיי אָבער אָט די הילף אויך נישט געלאָזט שטאַרבן.

אָך, ווי קנאַפּ ס'איז אויסגעקומען אויף איינעמס אַ חלק! ווארום די נסיעה ביז צו דער הייליקער שטאָט איז געווען זייער אַ לאַנגע און די אויפגעזאַמלטע געלטער זענען זיך צעקראָכן אויף די ווייטע וועגן...

אין רוסלאַנד, למשל, איז אַ סך צדקה-געלט אויפגעזאַמלט געוואָרן דורכן בערדיטשעווער רבי, און נאָכדעם האָבן די סומעס זיך אַריבערגעפּעקלט צום סאַדיגורער. אָבער די צוויי פּערזענ-לעכקייטן, די צוויי רביים האָבן זיך יעדערער זיין הויף, מיט אַ הונדערט חסדים ביים טיש, און אַמאָל, ביי אַ שבתדיקער סעודה, אויך אַ דריי הונדערט נפשות. צי איז דאָס נישט גאַנץ נאַטירלעך, אַז עפּעס זאָל פאַרבלייבן צווישן זייערע פינגער? איז עס אפשר נישט געווען דער רצון פון דעם אויבערשטן אַליין?.. און מיינט איר אפשר, אַז זייערע משמשים זענען גבירים אדירים? און מיינט איר אפשר, אַז די שלוחים האָבן געלעבט די גאַנצע צייט פון ווינט?

און לסוף, אַז דאָס געלט איז שוין יאָ אָנגעקומען אין דער הייליקער שטאָט ציון, צי איז דען געמאָלט, אַז עס זאָל פאַר-טיילט ווערן צווישן אַלעמען גלייך? אַפילו די בעטלער מוזן געטיילט ווערן אויף פאַרשידענע ראַנגען: איידעלערע נעמערס און סתם שנאָרער. צי קען דאָס אייניקל פון אַ הייליקן רבין ווערן באַהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי דער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שניי-דער אָדער אַ שוסטער אין אַ שטעטל?..

צום גליק, האָט מען אין ירושלים שוין פון לאַנג אָן גע-וואוסט, ווי אַזוי צו לעבן מיט גאָרנישט. אחוץ שבת, פלעגן

אין דער געטלעכער שטאָט זייער ווייניק מענטשן עסן צו זעט. ווען אַלע וואָלטן האָבן די נאַרישע טבע זיך אָנצועסן צו זעט, וואָס וואָלט דאַן פּאַסירט? דעמאָלט וואָלט דער אויבערשטער שוין לאַנג אָפּגעמעקט דאָס ירושלים־געטאָ! אָבער דידאָזיקע קבצנים שטיצן איינער דעם צווייטן. יעדערער ווייסט פון יענעמס דלות, פּונקט ווי פון זיין אייגענעם. מען באָרגט זיך אויס אַ ביסל קוילן, אַ ביסל אייל, צוקער און געלט, אויב מען האָט עס נאָר. ביי די אַלע קבצנים איז די נדבה געווען אַ מוז־זאַך. מען פלעגט תמיד מוזן געבן, ווען מען פלעגט אייך אויסשטרעקן די האַנט. און מיינט נישט, אַז מען האָט געדאַרפט געבן אַ ברכה! אָבער גיי גיב, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו געבן! איז דען פאַראַן ערגעץ אין דער וועלט אַזאַ אויסטערלישער מנהג: געלט פון אָרעמע לייט פאַר אָרעמע לייט? און זאָל מען נישט זאָגן, אַז אין גאָטס שטאָט העלפט נישט איין ייד דעם צווייטן! ס׳איז אַן איינפאַל! מ׳גיט קליינע פּיר־קאַנטיקע בלעכלעך, וואָס האָבן דעם ווערט פון אַ צענטל גראָשן, אָבער מען גיט.

און אָט ביי אַזאַ מין דלות האַלט מען לויטער אין איין פאַסטן. מען קען זאָגן, אַז אין ירושלים איז יעדער טאָג אַ טרויער־טאָג. באַזונדערס פרילינג־צייט און נאָכמער זומער! ווייל אין דידאָזיקע צייטן פון יאָר האָבן זיך אַלע מינים אומגליקן אויף אויף דער הייליקער שטאָט אַראָפּגעשאָטן און צום אנדענק פון די אַמאָליקע קאַטאַסטראָפעס איז די שענסטע צייט פון יאָר — די טרויערדיקסטע צייט.

צווישן פסח און שבועות פאַלט אויס אַ האַלבער טרויער צום אנדענק פון ר׳ עקיבאס פיר און צוואנציק טויזנט תלמידים, וואָס זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן דורך די רוימער.

נאָך שבעה עשר בתמוז פאַלט אויס ווידער אַ טרויער פון דריי וואָכן — ביז תשעה־באָב. און דאַן איז דער תענית צוליבן חרוב־געוואָרענעם בית־המקדש.

אַ חודש פאַר ראש־השנה ברעכט אויס אַ נייע טרויער־עקספּלאָזיע, וועלכער ווערט כסדר פאַרגרעסערט, וואָס נענטער צו יום־כפור. אין מיטן נאַכט לאָזן זיך הערן די קולות פון שופר און דער שמש וועקט אַלעמען פון שלאָף און שרייט: „שטייט אויף, יידעלעך, שטייט אויף לעבודת הבורא"!

אין שטעקשיך, מיט לאַמטערנעס אין די הענט, לאָזן זיך אַרויס די קראַנקע זקנים איבער די קליינע געסלעך, וואו די אַראַבישע קינדער האָבן אָנגעוואָרפן צושטויסן גלאָז. ביים כותל־מערבי אָדער אין די בתי־מדרשים הערט מען זייער געיאָמער: „אזכרה אלהים ואהמיה בראותי כל עיר על תלה בנויה, ועיר האלהים משפלת עד שאול תחתיה..."

מען הערט זיך אויף צו וואַשן, מען שערט זיך נישט, מען ליינט אָפּ די חתונות און מען פאַסט כסדר, וואָס יעדער ייד פון געטאָ קען עס זיך לייכט דערלויבן.

פונקט ווי טיטוסעס אַרמיי וואָלט נאָך אַלץ באַלאַגערט די שטאָט. פונקט ווי אין אַלץ, וואָס ליגט אויסער די נויענט פון שטאָט, וואָלטן זיי אויסגעפונען אונטערגעלייגטע נעצן, פאַרראַט און סכנה. פאַר דידאָזיקע יידן האָט ירושלים געהייסן דער כותל־מערבי, צוזאַמען מיטן ברייטן טרויעריקן פעלד, אויף דער צווייטער זייט קדרון, וואָס באַדעקט אַ טייל פון זיין באַרג מיט מצבות. דאָ זאָגן זיי זייערע תכילות דאָס גאַנצע לעבן און נאָכדעם מאַכן זיי דאָ צו די אויגן אויף אייביק.

ס'איז געווען אַ בלינדער זקן, וואָס האָט זיך כמעט יעדן

טאָג געלאָזט פירן דורך זיין זון ווייט אין פעלד אַריין און גייענדיק מיט די אַלטע פיס, פלעגט ער חזרן:

„מיין קינד, נאָך פיר טריט אויף דער ערד פון די אבות הייסט נאָכמער נושא־חן זיין ביי דעם אויבערשטן!..״

אָבער אַלע האָבן געהאַלטן אים פאַר אַ משוגענעם.

אין שטאָט גופא פלעגט מען קיינמאָל נישט פאַרלאָזן די טויערן און קוואַרטאַלן פון די בתי־מדרשים און די הייזלעך, וואָס זענען אָפגעקאַלכט מיט בלויען קאַלך. וואָס האָבן זיי דען געקענט טאָן אין יענע אומרייניגע קוואַרטאַלן? וואָס האָבן זיי דאָרט געקענט זען? קיין אנגענעמע זאַכן אַוודאי נישט! די מאַכמעדאַנער, וועלכע פלעגן איינדערהייך, אויפן הייליקן איגל, טרעטן אַ גאַנצן טאָג מיט די פיס די ערד פון קדשי־קדשים, און פאַראומרייניקן מיט זייערע תפילות דאָס אָרט, וואו דוד־המלך האָט געבראַכט קרבנות? אָדער די קריסטן, וועלכע האָבן גע־מאַכט פאַר אַ גאָט דעם גרעסטן יידישן פאַררעטער?

פון צייט צו צייט פלעגט אַמאָל דורכפאָרן דורך ארץ־ישראל אַ יידישער גביר און פילאַנטראָפּ. דער דאָרטיקער פאַנאַ־טיזם און די אָרעמקייט פלעגן אָניאָגן אַ פחד אויף אַ פילבאַר האַרץ.

מיט דער גאווה פון אַ מערב־ייד, וואָס דאַוונט נישט, אָדער וואָס דאַוונט ווייניק, אָבער וואָס וואַשט זיך און עסט זויבער, רויטלט ער זיך, ווען ער דערזעט דידאָזיקע יידעלעך, וואָס לעבן אין אַזאַ שפּולדיקער פרומקייט, ווי איוב אין מיסט. ער שטעלט זיך די פראַגע, ווי אַזוי וואָלט מען געקאָנט געבן דידאָזיקע בטלנים און קלאָגמוטערס עפּעס אַזאַ מין פאַך, אַז זיי זאָלן קענען ווערן מיט לייטן צוגלייך.

עפנט איינער פון זיי אַ שולע, דער צווייטער לאָזט זיך אָפּקאָסטן אַ סך געלט, ברענגט אַראָפּ פון ענגלאַנד וועב־מאַשינען און פון דייטשלאַנד אַ וועב־מייסטער, כדי אויסצולערנען זיי די אַרבעט.

אַן אַנדערער, ווידער, פירט אַריין וואַסער־לייטונג אין שטאָט פון די הינטערשטאָטישע קוואַלן, אָדער בויט אויס נייע קוואַרטאַלן, און נאָך אַן אַנדערער באַמיט זיך צו באַזייטיקן די פרעמדקייט צווישן די אשכנזים און די ספרדים. שענקט ער יעדעס מאָל פינף פונט שטערלינג אויף אַזאַ שידוך, וואָס ווערט געשלאָסן צווישן דיביידע פאַרפרעמדטע צדדים.

אָבער נישט געקוקט אויף די פינף חומשים פון דער תורה, האָבן זיך דאָך די אשכנזים און די ספרדים נישט דערנענט צווישן איינאַנדער. לאָזן די וועב־מאַשינען ליגן צעשאָטן אין שטויב, קי נער וועט צוליב דעם נישט פאַרלאָזן דאָס געטאָ און גיין וואוינען אויסערהאַלב דער שטאָט.

און עפנט מען אַ נייע שולע, הערט מען באַלד דעם שופר בלאָזן. מען פאַרשעלט דעם דירעקטאָר און די לערערס און די עלטערן, וואָס שיקן די קינדער לערנען. און פאַר דער שולע שטעלט מען אַוועק טהרה־מכשירים און אַ טויטן אָרון.

און אויף דידאָזיקע אַלטע חורבות איז געקומען בן־יהודה מיט זיין נייער משוגעת. דידאָזיקע לייט, וועלכע האָבן זיך טויט־פיינט געהאַט צוליב עפּעס אַן ענדערונג אין דעם נוסח פון שחיטה, און וואָס יידיש־דייטש, אָדער שפּאַניאָליש איז ביי זיי געוועזן געוואַלדיק טייער אַלס דיאַלעקט פון זייער עבר — אַט

די לייט האָט ער עס געוואָלט אויסלערנען די אַלט־נייע שפראַך, און זיי פאַרייניקן אין אַ פיל העכערן באַגריף וועגן משיח־אידעאַל. וואָס פאַר אַן אויפרעגונג און וואָס פאַר אַ מהומה האָט זיך דאָרט אויפגעהייבן, ווען מען האָט דערזען, ווי דאָסדאָזיקע שוואַכע יידל רעדט אומעטום און צו יעדן אייניקן באַזונדער נאָר אויף העברעיש?

מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „דער משוגענער", און קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן אין די גאַסן.

אין זיין שול האָט זיך תמיד געפונען אַ פלאַטער־קאָפּ, וואָס האָט מיט אַ שופר פאַרזאַמלט אַרום זיך אַ סך יידן און פאַר זיי אין די אויגן געגומען שיטן פעך און שוועבל אויפן אַפיקורס, וואָס פאַרשוועכט דורך זיינע פלוידערייען די ווערטער פון דער הייליקער שפראַך.

פלעגט ער זיך פאַרשטעקן אונטער זיין טלית און נעמען זאָגן תפילות מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט די העויות פון די פרומאַקעס. ער פלעגט אַפילו אַרויסגיין אויפן גאַס, באַדעקט דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרץ־ווייסן שאַרף, לויטן שניט פון די פרומאַקעס.

אָבער אַז מען וואוינט לאַנג מיט אַ פּאָליאַק, אַ קאַטאָליק, אַז מען האָט אין פּאַריז מיט גרויס באַגייסטערונג אויסגעהערט גאַמבעטאַן, זשול פערי און קלעמאַנסאָ קען מען שוין אין קיין גרויסע זאַכן נישט גלויבן. בן־יהודה האָט נאָר געגלויבט אינם נס פון ווערטער, וועלכע וועלן איבעראַנדערשן דאָס יידישע פאָלק.

אַרויסגעטריבן פון איין שול, פלעגט ער אַוועקגיין אין אַ צווייטער. אַרויסגעשטויסן פון די אשכנזים, איז ער אַוועק צו די ספרדים.

סוף־כל־סוף האָט ער איינמאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן איבערגעלאָזט טלית און תפילין און אויפגעהערט אינגאַנצן צו קומען — נישט צו די און נישט צו יענע.

אין שטוב איז די נויט געווען אַ שרעקלעכע. צוואַנציק פראַנק אַ חודש צום לעבן! אפילו אין ירושלים, וואו מען האָט דעמאָלט געקאָנט באַקומען אַ הינדל פאַר צען סו, איז אַזאַ סומע געווען צו ווייניק!

די פיינע דבורה, וועלכע איז, נעבעך, געווען צוגעוויינט צו די באַקוועמלעכקייטן פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע אין מאָסקווע, איז איצט פאַרזונקען געוואָרן אין ערגסטן דלות פון יידישן לעבן.

מיט דעם פאָליאַק, ווידער, האָט פּאַסירט אַ מאָדנע געשיכטע. תיכף נאָך זיין אָנקומען קיין פאַלעסטינע, האָט ער זיך באַזעצט אין אַ האָטעל לעבן מגדל־דוד. אָבער וואָס איז מיט אים געשען? האָט ער זיך פאַרליבט אין דבורהן? צי אפשר האָט זיך אין אים דערוועקט אַ געפיל פון קנאה, איינזעענדיק, ווי אַנדערע האָבן אויף אליעזרן באַקומען אַ השפעה? און אפשר איז אים גאָר נמאס געוואָרן דאָס לעבן אין דער שטאָט פון פאַנאַטיקער? נאָר איינמאָל, אינדערפרי, ווען בן־יהודה איז געקומען צו אים, איז זיין צימער געווען ליידיק און פוסט. דער סודותפולער פאָליאַק איז מיט אַ טאָג פריער ערגעץ אַנטרונען געוואָרן און מען האָט זיך שוין קיינמאָל נישט דערוואוסט, וואָס מיט אים איז געוואָרן.

אויס פריינט, און קיין געלט איז אויך נישטאָ. דער רעדאַקטאָר פון „חבצלת", פרומקין, האָט מער נישט געקאָנט האַלטן ביי זיך דעם „מטורף" בן־יהודה, וועלכער האָט קאָמפּראָמעטירט זיין פרומע צייטונג. האָט ער אים אָפגעזאָגט, און

אין דער שטאָט, וואו דער זון פון לאַנד יהודה איז געקומען אויפוועקן די טויטע שפּראַך, זענען אַלע געבליבן טויב צו זיין רוף, פּונקט ווי די טויטע פון קדרון־טאָל. אָבער איין איינציקער מענטש האָט זיך נאָך דאָרט געפונען, וועלכער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זיין גורל, נישט געשאָלטן אים, ווי אַלע, נאָר גערעדט צו אים, ווי צו אַ מענטשן.

דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אָנגערופן פּינעס, אַ ליטווי־שער ייִד, אַ געבילדעטער, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט געוואוינט אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד און איז פון דאָרט געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט אָנגעשריבן אַ באַ־רימט ווערק אויף העברעיש מיטן נאָמען „ילדי רוחי״, אין וועלכן ער האָט וויסנשאַפטלעך פאַרטיידיקט דאָס טראַדיציאָנעלע יידנטום. הגם ער איז נישט געווען עגלעך צום פריי־זיניקן בן־יהודה, דאָך האָט ער ליב געהאַט צו דיסקוטירן מיט אים, און טאַקע אויף העברעיש.

— דו טוסט זייער שלעכט, וואָס דו שטעלסט זיך אַרויס קעגן אַלעמען, — האָט אים פּינעס געזאָגט. — די אַלע מנהגים און צערעמאָניעס זענען בויטיק, פּונקט ווי דער קנויט אין לאָמפּ. צי וואָלט עקזיסטירט דאָס פאָלק ישראל, ווען עס וואָלט פאַרלירן זיין אמונה? אַ פאָלק, וואָס האָט אַ לאַנד, קען נאָך עקזיסטירן אָן אַ רעליגיע, אָבער אונדזער צעזייט פאָלק קען זיך דערהאַלטן נאָר דאַן, ווען עס וועט זיין צוגעבונדן צו זיין אמונה. איך האָב, פּונקט ווי דו, ליב העברעיש, אָבער לאָמיר נישט מאַכן פון איר קיין אינסטרומענט, וואָס דאַרף מאַכן אַ תּל פון אונדז גופא. מיר קענען זיך דאָך נישט אָפּזאָגן פון אונדזער נשמה צוליב דעם זיסן תּענוג פון אַלטע ווערטער. לאָמיר ביי זיי נישט צונעמען

דאָס טייערע, וואָס זיי פאַרמעגן, ווייל דאָס איז אויך געווען אונדזער רום. די העברעישע שפּראַך, וועלכע דו ווילסט אונדז אַנוואַרפן, וואָלט געווען הונדערט מאָל טויטער, ווי זי איז היינט, ווען מיר, אַ שטייגער, הייבן אָן צו ריידן אויף איר, אָבער מיר קענען נישט אויסדריקן אין איר, ווי געהעריק די געדאַנקען, וואָס זי האָט פאַרשפּרייט אויף דער וועלט.

בן־יהודה האָט געענטפערט, אַז דער רעליגיעזער גייסט איז נאָך נישט אַלץ ביי יידן, נאָר די פאַריבערגייענדיקע פאָרם פון אַ בויגעוודיקן און פאַרענדערלעכן זשעני, וואָס וואָלט זיך תמיד געוואָלט אויסדריקן מיט אַ נייער קראַפט, כדי צו געפינען זיין שפּראַך און זיין פאָטערלאַנד.

און די צוויי מענטשן, מיט דעם פאַרשיידענעם געדאַנקען־גאַנג אין די מוחות, וואָס איין און דערזעלבער אידעאַל האָט זיי אַהער געבראַכט, האָבן זיך תמיד געחקרנט, געפּילפּולט, פונקט ווי אַמאָל אין דער ליטווישער ישיבה.

דבורה איז שוואַנגער געוואָרן. דער גוטער פינעס פלעגט תמיד טענהן צו איר, ווען ער פלעגט זי טרעפן אַליין:

— דבורה, דו ביזט אין אַ געבענטשטן צושטאַנד. זע, ווירק אויף דיין מאַן, ער זאָל דאָס קינד, וואָס דו וועסט געבוירן, לאָזן ריידן אויף דער לעבעדיקער שפּראַך און ער זאָל פון אים נישט מאַכן קיין אידיאָט!

אָבער דער „מטורף" בן־יהודה פלעגט ענטפערן:

— זאָל ער זיין אַן אידיאָט! מיר וועלן דאַן האָבן אַן אַנדער קינד. אָבער העברעיש וועט עס מוזן ריידן.

דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ יינגל, האָט מען אים געדאַרפט מל זיין. היות פון די אַשכנזישע מוהלים האָט זיך יעשט געפונען קיינער, וואָס זאָל וועלן מל זיין דאָס קינד, האָט

פינעס אויסגעזוכט אַ ספרדישן מוהל, וועלכער האָט זיך אונטער־גענומען צו מאַכן דידאָזיקע רעליגיעזע אָפּעראַציע.

ער האָט נישט געוואָלט אַ נאָמען געבן זיין זון אַברהם, יעקב אָדער משה, איינעם פון די גוטע אַלטע יידישע נעמען, וואָס ברענגען גליק די־יעניקע, וועלכע טראָגן זיי. קלערנדיק פון אַ נייער ראַסע, וואָס וועט, אַ דאַנק דער געהיימער קראַפט פון דער ניי־אויפגעוואַכטער שפראַך, אַרויסשפּראָצן פון אַלטן העברעישן שטאַם, האָט ער אויסגעטראַכט אַ נאָמען, וועלכן מען האָט דאָרט נאָך קיינמאָל נישט געהערט: „איתמר", די פּאַלמענ־אינדזל!

בשעת ער האָט אָנגערופן דעמדאָזיקן נאָמען, האָט דער סנדק שיעור נישט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד דאָס קינד.

דריי יאָר זענען דורכגעלאָפן. אין משך פון אָט די דריי יאָר האָט איתמר קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נישט אין העברעיש און נישט אין אַן אַנדער שפראַך, פונקט ווי גאָט אַליין וואָלט געוועזן קעגן דעם.

— רייד צו אים אויף אַן אַנדער שפראַך און נישט אויף העברעיש! אפשר וועט ער דיר ענטפערן, — האָט אים געראָטן דער קלוגער פינעס.

איינמאָל, אין אַ שמועס מיט פינעסן, האָט אים דבורה פאַר־טרויט אַ סוד, אַז איר פייניקט דער געדאַנק: אפשר שטראָפט עס גאָט איר מאַן דערפאַר, וואָס ער מאַכט וואָכעדיק די הייליקע שפראַך, און גאָט האָט זיי דעריבער געשענקט אַ שטומען זון...

פלוצלונג האָט זיך אין דרויסן דערנענט צום קינד אַ באָק. אַן איבערגעשראָקענער איז איתמר צוגעלאָפן צו דער מוטער און גענומען שרייען אין אַ ריינעם העברעיש: „מאַמע! מאַמע!"

ס׳איז געווען דאָס ערשטע העברעישע וואָרט, וואָס דורות־לאַנג האָט עס אַ קינד נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין מויל אַלס אויסדרוק פון זיין נאַטירלעכער שפּראַך. און אַז דאָס ערשטע וואָרט איז געווען „מאַמע״, טאָ ווי זעט מען נישט דערין אַן איבערנאַטירלעכן צייכן?

נאָכן ערשטן קינד זענען געקומען אויף דער וועלט נאָך פינף אַנדערע קינדער. די אָפּטע געבורטן און די שווינדזוכט, וואָס זי האָט געהאַט בירושה, האָבן דבורהן לגמרי פאַרמוטשעט.

און בן־יהודה האָט געהאַלטן כּסדר אין איין קעמפן מיט פאַרשידענע אינטריגאַנטן. אין זיין קליינעם וואָכנבלאַט „הצבי״ האָט ער זיך אויך אַ נעם געטאָן צו די אָנפירער פון דער חלוקה, וואָס האָבן טיילמאָל געמאַכט מאוסע פעלערן. אָבער דאָס מאָל איז שוין געווען צופיל! נישט גענוג, וואָס דער „מטורף״ רעדט לשון קודש, ווי אַ וואָכעדיקע שפּראַך ביי זיך אינדערהיים, פאַלט ער נאָך אָן אויף דער חלוקה־אינסטיטוציע, וואָס האַלט אויס אַזוי פיל יידן און ברענגט איר דערמיט שאָדן ביי די אויסלענדישע מנדבים. ווי האָט ער די העזה צו זאָגן אויף די פרומע יידן, וואָס קלאָגן ביים כותל־מערבי און אויף די למדנים פון דער הייליקער שטאָט, אַז זיי זענען פוילע שנאָרערס, וועלכע זענען נישט ווערט, אַז יידן זאָלן אויף זיי רחמנות האָבן!

האָט מען אָנגעהייבן אַגיטירן און בלאָזן שופר. אין דער גרויסער שול פון די אשכּנזים האָט מען אָנגעצונדן ליכט, איינגעהילט אין שוואַרצן לייוונט, און מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ חרם אויפן שונא פון דער הייליקער שטאָט.

„אַריינגענומען ווערן זאָל בן־יהודה אין חרם פון בית־דין של מעלה און פון בית־דין של מטה! אַלע אומגליקן זאָלן זיך

אויף אים אראָ־שיטן! זיין הויז זאָל ווערן אַ נעסט פון עקדישן! זיין שטערן זאָל פאַרטונקלט ווערן אין די הימלען, און זאָל ער זיין בייז און שלעכט קעגן אים! זיין גוף זאָל אַרויסגעשליידערט ווערן פאַר די הינט! זיין גאָלד און זילבער זאָל פון אים אָפּגע־נומען ווערן! זיין ווייב זאָל אָפּגעגעבן ווערן אַ צווייטן און אַ צווייטער זאָל מיט איר לעבן! פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן פון אַלע מלאכים: מיכאל, גבריאל און אַלע אַנדערע! פאַלן זאָל ער און מער נישט זאָל ער אויפשטיין! נישט געבראַכט זאָל ער ווערן צו קבר־ישראל, און פאַרבלייבן זאָל ער אין דעם חרם און דער חרם זאָל זיין זיין יורש! אָבער אויפן גאַנצן פאָלק ישראל זאָל פאַלן אַ ברכה פון גאָט!"

און צום סוף פון דער צערעמאָניע האָט מען פאַרלאָשן די ליכט, וואָס האָט געהייסן, אַז דער פאַרשאָלטענער איז פון איצט אָן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דעם הימלשן ליכט.

אויף צומאָרגנס, נאָכן חרם, האָט בן־יהודה אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין זיין „הצבי", וועלכער האָט זיך אָנגעהייבן מיט די־דאָזיקע ווערטער:

„איך בין טויט, אָבער איך לעב נאָך!"

זיין ווייב האָט זיך אים געוואָרפן צו די פיס. זי האָט כמעט געפילט, אַז ס'דערנענטערן זיך אירע לעצטע טעג.

„גיי און בעט זיי איבער! ווייל אויב דו וועסט שטאַרבן, וועט מען דיך מקבר זיין מיט „קבורת חמור", און נישט נאָר דיך אַליין, נאָר אויך מיך און דיינע קינדער!"

נאָכאַמאָל האָט זיך פינעס אַריינגעמישט. ער איז אַוועק צו די ספרדים, וועלכע זענען פיל מילדער און ביי זיי איז ער

געוואָר געוואָרן, אַז זייערע רבנים האָבן בן־יחודהן נישט אַריינ־
געגומען אין חרם.

דבורהן ווערט דערפון אַ ביסל גרינגער אויפן האַרצן, און
זי באַרואיקט זיך אין אירע לעצטע טעג. זי זעט שוין, אַז איר
סוף איז נאָענט און זי שטעלט זיך פיינלעך די שאלה, וואָס
וועט ווערן פון מאַן און פון אירע קינדער נאָך איר טויט? אין
איר האָט זיך דערוועקט אַ געדאַנק, איינער פון יענע געדאַנקען,
וועלכע קומען נאָר דעמאָלט, ווען די פאַרצווייפלונג איז גרויס
און ווען עס איז שוין נישטאָ אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. זי האָט
אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר מוטער און זי געבעטן, זי זאָל תיכף
קומען פון מאָסקווע קיין ירושלים. די מוטער איז באַלד געקומען
און צו איר גרויסער אַנגסט האָט זי דערזען די שווערע נויט,
וואָס דבורה האָט תמיד פאַרבאָרגן פאַר איר.

און זי האָט אויך דערזען די גסיסה פון איר טאָכטער.
אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ!

דבורה האָט נאָך געהאַט דעם מוט צו פאָדערן, אַז איר
שוועסטער זאָל פאַרלאָזן איר משפחה, אַראָפּקומען קיין ירושלים און
חתונה האָבן מיט איר שווינדזיכטיקן מאַן, וואָס איז אַריינגעלייגט
געוואָרן אין חרם, און איבערנעמען די „רייכע" ווירטשאַפט, וואָס
האָט זי דערפירט ביזן קבר.

איר לויה איז געווען זייער אַ טראַגישע. אַחוץ פינעסן
האָט זיך נישט געפונען קיין איין מאַנסביל, וואָס זאָלן וועלן
באַגלייטן די מיטה פון אַ פרוי, וועלכע האָט גערעדט העברעיש.

אויפן באַרג ציון, וואו עס קרייצן זיך די וועגן, וואָס
פירן אין עמק־יהושפט, אין דער געגנט, וואו עס וויקלט זיך
פאַנאַנדער פאַרן אויג דאָס בילד פונם הר־הזיתים מיט די אַרו־

מיקע שטחים, איז געשטאַנען אַ גאַנצע מחנה יידן פון די אשכנזים.

זיי האָבן געליאַרעמט און געשריגן, אַז זיי וועלן בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז דער מת זאָל דאָרט קומען צו קבורה, כדי נישט מטמא צו זיין די הייליקע ערד פון זייערע קדושים. זיי האָבן פשוט גענומען וואַרפן שטיינער.

— צי וועט מען דבורהן מקבר זיין מיט „קבורת חמור", פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי געשראָקן?

די טרעגער האָבן אַראָפּגעלאָזט די מיטה אויף דער ערד. איין רגע — און בן־יהודה האָט שוין געוואָלט צונעמען דעם בר־מינן און אים מקבר זיין לעבן זיין הויז, אין הייפל.

דאָ אָבער האָבן די ספרדים זיך דערבאַרעמט און אויפגעהייבן די מיטה. אויך פינעסן איז געלונגען אַ ביסל צו באַרויקן די אויפגערעגטע יידעלעך פון די אשכנזים. זיי האָבן שוין אויפגעהערט צו וואַרפן שטיינער, און אַזוי־אַרום איז די לויה צוגעקומען צו דעם קדרון־טאָל.

אונטער די ברענענדיקע זון־שטראַלן, צווישן די צונויפגעפרעסטע קברים, איז מען אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג און דאָרט, ווייט נאָכן לעצטן קבר, אין אַ זייטיקן ווינקל, האָט מען דבורהן מקבר געווען.

אויפן שטיין האָט בן־יהודה אויסגעקריצט די ווערטער, וואָס האָבן אויסגעדריקט זיין ליבע און זיינע האָפענונגען, וועלכע האָבן אים נישט פאַרלאָזט אַפילו נאָך איר טויט: דבורהן, דער ערשטער מוטער פונם אויפגעלעבטן פאָלק ישראל.

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט בן־יהודה חתונה געהאַט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט דבורהס שוועסטער. ער איז מיט איר אַוועק צוריק קיין פּאַלעסטינע, און די אַלטע געשיכטע האָט זיך ווידער איבערגעחזרט.

איינמאָל, חנוכה־צייט, האָט ער אָנגעשריבן אַ הייסן נאַציאָנאַלן אַרטיקל, וואו ער האָט אין נאָמען פון די באַרימטע קדושים געפאָדערט פאַרן יידישן פאָלק דאָס לאַנד פון זיינע אבות.

ער האָט דאָרט אַריינגעשטעלט אַ זאַך, וואָס קאָן אויסגעטייטשט ווערן צווייטייטיק. ער האָט געשריבן: „לאסוף חיל מלוכת קדימה"; דידאָזיקע ווערטער זענען אַזוי, אַ שטייגער, איבערגעזעצט געוואָרן דורך זיינע שונאים: „זאַמלען מיליטער און גיין קיין מזרח".

און דאָ האָבן זיי געפונען אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי־אַרום פטור צו ווערן פון דעם מענטשן, וואָס זידלט זיי אויף שריט און טריט. זיי האָבן אים פאַרמסרט פאַר די טערקן. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, ווי די בית־מדרש־יידן מסרן איינער דעם צווייטן...

האָט מען אים אַרעסטירט און ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פופצן יאָר שווערע טורמע. אין דעמזעלבן טאָג, וואָס זיין צווייטע ווייב איז געגאַנגען צו קינד, זענען צוויי זשאַנדאַרמען אַריין אין זיין וואוינונג און אַוועקגעפירט בן-יהודהן אין תפיסה.

מען האָט אָנגעגעבן אַן אַפּעלאַציע, און אַז ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, מען זאָל אים באַפרייען ביז זיין צווייטן פּראָצעס, האָט מען געפאָדערט אַ קויצע פון צוויי הונדערט פונט.

צוויי הונדערט פונט! וואו נעמט מען זיי? שוין צוויי מאָל

האָט דער געריכטס־סעקרעטאַר אויסגערופן בקול־רם: „ווער איז גרייט איינצולייגן אַ קויצע פאַר בן־יהודהן?" אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

אין יענער צייט איז גאַנץ צופעליק דורכגעפאָרן ירושלים אַ ייד פון מאַראָקאָ. הגם ער האָט פון בן־יהודהן קיינמאָל נישט געהערט, דאָך האָט ער פון רחמנות וועגן געמאָלדן, אַז ער לייגט איין די געפאָדערטע קויצע.

פונקט אין דעם מאָמענט האָט אָנגעהייבן פאַלן אַ רעגן, אויף וועלכן מען האָט שוין מער ווי דריי חדשים געוואַרט. די אבערגלויבערישע אשכנזים האָבן שוין שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס זייערע לייט האָבן איבערגעגעבן בן־יהודהן אין די הענט פון די טערקן.

זיי זענען געווען זיכער, אַז אַ דאַנק זיין באַפרייאונג האָט זיך דער אויבערשטער אויף זיי דערבאַרעמט און אַראָפּגעשיקט דעם רעגן.

און אָט איז אָנגעקומען די גליקלעכע צייט, די צייט, ווען טעאָדאָר הערצל האָט פאַרשפּרייט אויף דער וועלט זיינע אידעען וועגן די מעגלעכקייטן פון אַ יידישער פאַרייניקונג און אויפ־לעבונג, וועלכע בן־יהודה האָט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן מיט דער הילף פון דער העברעישער שפּראַך.

די ביידע באַוועגונגען האָבן זיך פאַראייניקט. דאָס נייע אויפגעלעבטע יידישע פאָלק מוז האָבן אַן אייגענע שפּראַך, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע טיילן פון צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק, איז אפשר טאַקע גלייכער צו פאַרטוישן די העברעישע שפּראַך אויף ענגליש, דייטש, אָדער פראַנצויזיש? איין און דאָס זעלבע פּראָבּ־לעם, ווי מיטן אויסוואַל פון אַ טעריטאָריע.

הערצל וואָלט גערן אָנגענומען די ענגלישע שפראַך, פונקט ווי ער איז געווען געניגט צו אוגאַנדע, ווייל ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אמתער זון פון געטאָ. אָבער זיינע אָנהענגער, וואָס זענען געווען מער דורכגעדרונגען מיט טיפע יידישע געפילן, האָבן דורכאויס געהאַלטן פאַר זייער אייגן לאַנד און פאַר דער שפראַך פון זייערע אָבות.

בן־יהודה, דער ירושלימער „מטורף", וועלכער האָט דער ערשטער איינגעפירט ביי זיך אין שטוב העברעיש, איז איצט ביי זיי געוואָרן דער העלד פון דעם אויפבליענדיקן פאָלק ישראל. יעדער איינציקער פון זיי האָט איצט אנערקענט בן־יהודהן, וועלכער האָט אין די ערגסטע באַדינגונגען ווייטער געאַרבעט צו שאַפן אַ העברעישן לעקסיקאָן, וואָס זאָל נישט זיין קיין לעבעדיקער קבר, נאָר אַ לעבעדיקער בנין, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע מאָדערנע לעבן, אַלע געדאַנקען, סענטימענטן און סתם זאַכן, וועלכע זענען אַמאָליקע צייטן געווען אומבאַקאַנט.

די אַלטע יידן פון ירושלים האָבן פיינט געהאַט די שולן, וואָס די פילאַנטראָפן פון מערב־אייראָפּע האָבן זיי געגרינדעט. אַהין האָבן דערעיקרשט געשיקט זייערע קינדער יענע פאָטערס, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין פאַלעסטינע אַלס אַוואַנגאַרד פון צעזייטן יידישן פאָלק.

פאַר דער בעסטער שולע האָט מען געהאַלטן די, וועלכע איז מיט לאַנגע יאָרן צוריק געשאַפן געוואָרן דורך דער אַלוועלטלעכער יידישער אַליאַנס (חברה „כל ישראל חברים") און וואו די למודים זענען געפירט געוואָרן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך.

כדי אָפּצוטאָן זיי אַ שטיקל, האָט דער דייטש־יידישער

הילפס־פאַריין אויך געעפנט אַ שולע. די־דאָזיקע שולע האָט געוואָלט צוציען די גרעסטע צאָל תּלמידים, האָט זי געמאָלדן, אַז די למודים וועלן געפירט ווערן אין דער העברעישער שפּראַך.

ווען די שולע האָט געהאַט ערפאָלג, האָט מען אַראָפּגענומען דעם שלייער און מען איז איבערגעגאַנגען פון העברעיש אויף דייטש, און העברעיש האָט מען געלערנט בלויז צוויי שעה אין דער וואָך. דאַן האָט ירושלים געזען אַזאַ אויפשטאַנד, וועלכן זי האָט שוין נישט געזען זינט די צייטן פון בר־כוכבא און רב עקיבא.

אַ מרידה פון קינדער! ייִנגלעך און מיידלעך צעריסן זייערע העפטן און פאַרלאָזן די קלאַסן מיט גרויס טומל און רעש. און היות ס'איז געווען חנוכה־צייט, זענען די תּלמידים אַוועק צו בן־יהודהן, געבראַכט אים אַ חנוכה־לייכטער מיט זיבן אָנגעצונדענע ליכט, און אַ גרויסע צאָל קינדער האָבן אינדרויסן געזונגען „התקוה".

נאָך דעמדאָזיקן קלאַפּ זענען שוין ווייניק קינדער צוריקגעקומען אין די דייטשע שולן. פאַר געלט פון באַציאָנאַל־פאָנד האָט מען דאָרט געשאַפן ריין־העברעישע שולן. ערשט נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן זיך דאָרט פאַרמערט די העברעישע שולן.

אין דערדאָזיקער פּאַלעסטינע, וואוהין ס'איז מיט פערציק יאָר צוריק אָנגעקומען דער שווינדזיכטיקער, עלנטער, באַגייסטערטער בן־יהודה, צוזאַמען מיט זיין טרייער דבורהן און מיטן אידעאַליסטישן פּאָליאַק, ריידן שוין אַלע איצט העברעיש, אַחוץ די זקנים פון אַלט־שטאָט. זי איז די אָפיציעלע שפּראַך פון לאַנד, צוגלייך מיט אַראַביש און ענגליש.

אין דעם ערשטן זשעסט פון די ציוניסטן אויף דער ערד פון זייערע אָבות, האָט זיך געדאַרפט אויסדריקן עפּעס אַ סימ־באָל, אַז די יידישע שפּראַך און דער יידישער גייסט זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים. אינדערהייך, אויפן הר־הזיתים, וואָס געוועלטיקט איבערן עמק־יהושפט, איבער אָמאַרס מעטשעט, איבערן הייליקן קבר און איבער גאַנץ ירושלים, זענען אַנידער־געלייגט געוואָרן צוועלף שטיינער (לויט דער צאָל פון די צוועלף שבטים) און ס'איז געלייגט געוואָרן אַ פונדאַמענט פאַר אַ יידישער אוניווערזיטעט.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך מיך דערוואוסט, אַז בן־יהודה איז געשטאָרבן. אַן אָרעמער, שווינדזיכטיקער ייד, וואָס שטאַרבט אין ירושלים און מען איז אים מקבר אין קדרון־טאָל — איז אַ געשעעניש, וואָס מאַכט נישט קיין שום רושם אויף קיינעם. דער זשורנאַל, וואָס האָט מיר געבראַכט די דאָזיקע בשורה דער־ציילט אָבער, אַז בן־יהודה האָט געהאַט זייער אַ פיינע לויה. אין געדאַנק האָב איך אים באַגלייט אויף דעמזעלבן וועג, אויף וועלכן מען האָט אַמאָל דורכגעפירט דער עלנטער דבורהן.

צי האָט איר גוף אַ ציטער געטאָן, ווען די בייזע אשכנזים האָבן איר מיטה באַוואָרפן מיט שטיינער?.. וואָס האָט געטראַכט דער אַלטער זאַנגענפעלד, ווען ער האָט פון זיינע פענסטער אַרויס־געקוקט אויף דער גרויסער לויה, ווי ירושלים באַגלייט מיט פענער אַן אַמאָליקן חרם־מענטש, געגן וועלכן ער, זאַנגענפעלד, האָט נישט איינמאָל געלאָזט בלאָזן שופר?..

איך האָב בן־יהודהן, דעמדאָזיקן קליינעם קרענקלעכן

מענטשן, ווידער געזעסן אין זיין צימערל. ער איז געזעסן צווישן פאַפּקעס און האַלטערס פון זיין לעקסיקאָן, וואו יעדעס העבּרעישע וואָרט געפינט דאָרט זיין אַלטע געשיכטע און זיין אָפּשטאַמונג. ער איז געווען ענלעך צו אַ כעמיקער, וואָס האָט אויסגעפונען אַ שרעקלעכן אויפרייס-מאַטעריאַל.

וואָסער אָרט אין לעבן וועלן זיי פאַרנעמען, דידאָזיקע תחית-המתימדיקע ווערטער? וואָסער גורל וואַרט אויף זיי — אויף דידאָזיקע אַלטע כלי-קודש פון גאָט? צי וועלן זיי מיט זייער אָריענטאַלישן מהות פאַרדייען דעם באַנאַלן מערב-געדאַנק? אָדער אפשר גייען זיי גאָר דרשנען וועגן אַ נייעם אמת, און דורך זיי וועט אויפגעלעבט ווערן די גאונות פון די נביאים? צי וועלן זיי געבן דעם טאָן אַלע יידן פון דער וועלט, אָדער זיי וועלן די יידן נאָכמער איינשרומפן אין דעם גייסטלעכן געטא, וואָס איז ערגער פון דעם אַלטן?

צי וועט דאָס גאַנצע ביסל ווערטער אויפרודערן די וועלט, אָדער זיי וועלן מער נישט זיין, ווי אַ נאַסער קנויט פון אַן אומנוצלעכן ראַקעטן-פייער?

IX.

מעשה=שרה

דידאָזיקע דראַמע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם העכסט־ראָמאַנטישן ווינקל פון דער וועלט. אין איין פרימאָרגן בין איך דאָרט אַהינגעגאַנגען פון חיפה דורך אַ שמאָלן טאָל און דורך אַ שטעגעלע, וואָס ציט זיך צווישן ים און דער קייט פון הר־הכרמל. אין אַ משך פון אַ גאַנצער שעה פאָרן מיטן אַקס ציט זיך דאָרט לענג־אויס דעם ברעג אַ פעלז, ענלעך צו אַ וואַנט, וואָס פאַרשטעלט דאָס אויג פון מיטללענדישן ים.

נאָכדעם קומט מען צו אַ דורכברוך, וואָס איז ערשט אויסגעהאַקט געוואָרן אין פעלז און וואָס איז ברייט אויף אַזויפיל, אַז צוויי רייטער זאָלן קאָנען זייט ביי זייט זיך דורכשפּאַרן. אַדורכגעגאַנגען דעם טויער, קומט מען אַרויס צום ים, פון וועלכן מען איז נאָר אָפּגעטיילט דורך אַ שטיקל נידעריקן און זומפּיקן שטח.

דאָרט, כמעט אויף אַ פעלזן־אינזל, הייבן זיך די שפּורן פון איינעם פון יענע פראַנקישע שלעסער, וואָס — פון די הרי־מואב ביזן מיטללענדישן ים און פון די הרי־תבר ביזן סיני — זענען זיי די איינציק־איבערגעבליבענע עדות פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט דאָ פּאַסירט דורך דער דירעקטער ווירקונג פון מערב.

דאָס איז דער אַטליט־שלאָס, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרן, כדי צו שיצן דעם ים־בוזעם, וואו די שיפן פון די קרייץ־

ריטער האָבן זיך פאַרבאָרגן. אין סיריע האָב איך געזען אַנדערע הערלעכע חורבות. פליענדיק מיט אַן עראָפּלאַן, האָב איך געזען חורבות אין טריפּאָלי, אין מאַרקאַב, אין קאַלאַאַט־על־האָזאָן און אַפילו דעמדאָזיקן פראַנקישן פאַרלאָזענעם, פאַרגעסענעם שלאָס, וואָס זיין נאָמען איז מיר נאָך דעמאָלט געווען אומבאַקאַנט. אָבער דאָס, וואָס גיט באַזונדערס צו דערדאָזיקער חורבה אַ מער מעלאַנכאָלישן רייץ, ווי די אַלע אַנדערע חורבות אויף דער הייליקער ערד—איז דער געדאַנק, אַז די הויכע שפּיצן פון די ווענט האָבן געזען די לעצטע מאָמענטן פון דער ירושלימער מלוכה. אָט דאָ, אויף דעמדאָזיקן אָרט, איז אַרויף אויפן שיף דער לעצ־טער פראַנקישער ריטער, וואָס האָט מיט זיך מיטגענומען דעם טרויער פון לאַנגע אומזיסטע אָנשטרענגונגען.

צווישן יענע חורבות איז שוין לאַנג־לאַנג גאָרנישט געשען. אַמאָל נאָר זענען אַראָפּגעפאַלן אַ פּאָר שטיינער, אַמאָל האָבן זיך צעשאָטן די שיריים פון די אַלטע בנינים און ווילדע גראָזן און דערנער האָבן אַרויסגעשלאָגן פון די שפּאַלטן.

ס'פלעגט אויך אַמאָל עפּעס פּאַסירן צווישן די עטלעכע בעדואינער־משפחות, וועלכע האָבן זיך באַזעצט מיט זייערע שאָף און אייזלען ביי דידאָזיקע גרויסע מאָנומענטן פון עבר. קיין שום ערנסטע פּאַסירונג האָט זיך אָבער דאָרט נישט אָפּגעשפּילט ביז דער געשיכטע מיט דער יידישער טאָכטער שרה.

אויף דער צווייטער זייט פון פעלז, געגנאיבער דעם דורכ־ברוך, וואָס איז ענלעך צו אַ טויער אין אַ וואַל, עפנט זיך אַ לאַנגע פּאַלמען־אַלעע, וואָס דערמאָנט יענע אַלעען פון דער ריוויעראַ און וועלכע פירט צו אַ שיינעם ישוב.

אין פּאַלעסטינע זעט מען שוין נישט קיין פּאַלמען אַזוי

אַפּט, ווי פריער, און אין דעם נאַקעטן טאָל איז אַזאַ אַלעע אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. ביים עק שטייט אַ הייזל, אויסערלעך גאַנץ באַשיידן, אַ פּאָר שפּייכלערס, אַ ברונעם און אַ ראָד ארויסצוציען וואַסער. דאָס אַלץ איז פּוסט און פאַרלאָזט. די קאַלטבלוטיקייט פון דער אַטליטער חורבה און איר גלייכגילטיקייט צו אַלץ, וואָס מיט איר איז געשען אין אירע ווייט-פאַרשוואומענע תקופות, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַלמענטשלעכן טרויער. דאָסדאָזיקע ווינקעלע קען נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך צוליבן שרעקלעכן קלאַפּ פון זיין גורל. דידאָזיקע טירן, די פאַרמאַכטע פענסטער, עטלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, וואָס זשאַווערן אונטער אַ שאָפּע, דער ברונעם, וואו ס'הענגט נאָך אַ שטריק מיט אַן עמער, דער לופט-ראַד, וועלכער הייבט זיך פּלוצים אָן צו דרייען מיט אַ לייכטן סקריפּ — אויף אַלץ ליגט די אומרואיקע שטילקייט. אויף וועלכער איך האָב מיך אָנגעשטויסן אַזוי אָפּט, ווען איך האָב אָנגעהייבן דערציילן וועגן דער פּאַסירונג, וואָס איז פאַרלאָזן אין דעם איינפאַכן הייזל ביים עק פון דער מערקווירדיקער אַלעע.

דאָרט האָט פאַר דער מלחמה געוואוינט אַן אינזשינער־אַגראָנאָם. געהייסן האָט ער אהרן אראַנזאָן. די משפּחה אראַנזאָן איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע רומענישע יידן אָנגעקומען נאָך מיט קאָרגע פופציק יאָר צוריק, כדי צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. אַ רומענישע געזעלשאַפט האָט אין שומרון געקויפט אַ פינף אָדער זעקס הונדערט העקטאַר ערד, פון וועלכע אַ העלפט האָט זיך געטויגט צום אַקער און די צווייטע העלפט אויף וויין־

און איילבערט-גערטנער. די געגנט איז געווען אַ געזונטע, אַ הונדערט און צוואנציק מעטער איבער דער אויבערפלאַך פון ים, ביי אַ שיינער לאַנדשאַפט, וואו מען האָט פון איין זייט אַרויס-געזען דעם מיטללענדישן ים און פון דער צווייטער זייט דעם פרוכטבאַרן טאָל, וואָס רייסט זיך לייכט אַרויף צו דער קייט פון כרמל.

דאָרט האָט מען געוואָלט באַזעצן אַ צוואַנציק משפחות, אָבער אָנגעלאָפן זענען זיך זעכציק משפחות, דאָס הייסט אַ קנאַפע פינף הונדערט מענטשן, אָן שום מיטלען צום לעבן. וואָרום די געזעלשאַפט האָט בלויז געהאַט געלט אויף איינצוקויפן ערד און צו באַצאָלן פאַר די הוצאות-הדרך. קיין וואוינונגען זענען נישט געווען, אויסער אַ קליינע צאָל באַראַקן.

אַ כך עמיגראַנטן האָבן אַזוי-אַרום געמוזט פאַרבלייבן אין חיפה, אין גרויס דחקות און נויט. די שטאַרקסטע אָבער זענען פאַרבליבן אין שומרון. ס'רוב זענען דאָס געווען בעלי-עגלות, וואָס זייער בעלי-עגלעריי האָט געמוזט אונטערגיין צוליב די ביי-אויפגעבויטע אייזנבאַנען. נאָכדעם האָבן זיי אַ געוויסע צייט געדינט ביי גוט-באַזיצערס, וואו זיי האָבן באַקומען אַ שטיקל ידיעה אין ערד-ארבעט.

ביי זייער גאַנצער מי און מאַטעריש האָבן זיי אָבער גאָרנישט אויפגעטאָן, און זיי האָבן שוין געהאַלטן זייער שמאָל, פונקט ווי די אַלע איבעריקע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט.

אָבער דאָ איז דער באַראָן עדמונד ראָטשילד זיי געקומען צו הילף. ער האָט געשטיצט די קאָלאָניסטן און שומרון, פונקט ווי ער האָט עס געטאָן מיט אַ סך אַנדערע. און פון דעם מאָ-

מענט אָן האָט די קאָלאָניע געענדערט איר נאָמען אויף זכרון יעקב.

אונטערן שוץ פון ראָטשילד־פאָנד זענען זיי צולעצט באַפרייט געוואָרן פון זייערע צרות. מיט איר שיינעם אויסזען, מיט אירע זעקס הונדערט העקטאָר ערד, מיט אירע גוט־איינגעאָרדנטע ווילעס איז ביי היינטיקן טאָג די קאָלאָניע זכרון־יעקב זייער אַן אָנגענעם ווינקעלע.

„אַ קליינע שווייץ" זאָגן די יידן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע און האָבן בטבע ליב, ווי די לייט פון מאַרסעל, צו קרוינען אַלע זאַכן מיט אַן אַנדער נאָמען.

די אַראָנזאָנס זענען געווען פון די ערשטע עמיגראַנטן אין ישוב. זיי האָבן זיך רואיק איינגעפאַסט אין דעם בורזשואַזן לעבן, אַזוי, אַז די ניי־אָנגעקומענע יידן אין ארץ־ישראל האָבן זיי שפּעטער מקנא געווען.

דער ראש־המשפּחה האָט געהאַט פיר קינדער: אהרן, אַלעקסאַנדער, שרה און רבקה. קיין איינציקע רגע איז אים נישט אַרויף אויפן רעיון, צו מאַכן זיינע קינדער פאַר ערד־אַרבעטער. אהרן איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פראַנקרייך, אין מאָנפּעליע, פונוואַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט אַ דיפּלאָם פון אַן אַגראָנאָם.

בעת בן־יהודה האָט געקעמפט פאַר דער העברעישער שפּראַך, האָט אהרן אַראָנזאָן שטודירט די צמחים פון ארץ־ישראל, אירע נאַטירלעכע אוצרות, און די מיטלען, וואָס פאָדערן זיך, כדי אויפצולעבן דאָס לאַנד, אויב מען וועט עס פאָרט אַוועקגעבן די יידן.

ער איז געווען פעסט געבויט, מיט אַ ברייט פנים, מיט גלאַטע

אָפּגעבּרענטע באַקן, מיט אַ טשופּרינע רויטע האָר, גראָבּע ליפּן און ציין, אויף וועלכע די דאַנטיסטן האָבּן אָנגעזעצט אַ שיין בּיסל גאָלד.

ער איז געווען אַן ענערגישער מענטש, וואָס האָט שטאַרק געגלויבּט אין זיך; ער איז געווען שאַרפזיניק אין דיסקוסיעס, סאַרקאַסטיש, און האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע נייגונג צו שטעך־ווערטלעך און בּלאָף.

בּיי זיינע אויספלוגן אין דער ריכטונג פון עבר הירדן האָט ער געפונען אַ פלאַנצונג, וועלכע ער האָט געקרויינט מיטן נאָמען ווילדער קאָרן. אַ דאַנק דער־דאָזיקער אַנטדעקונג, האָט ער געטראַכט, וועלן די שפּייז־מיטלען פון דער וועלט קאָנען פאַר־מערט ווערן אויף אַ מערקווירדיקן אופן.

ער האָט תיכף פאַרלאָזט פּאַלעסטינע, כּדי צו בּאַווייזן אין פאַרשידענע הויפּט־שטעט דעם וואונדערלעכן קאָרן. די בּאָטאַ־ניקער פון בּערלין און פּאַריז האָבּן אָבּער זיין אַנטדעקונג נישט אַזוי אָפּגעשאַצט, ווי ער האָט געהאָפט.

איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ס'איז לייכטער צו פאַרשיכורן די פאַנטאַזיע. דאָרט האָט ער פאַראינטערעסירט דער־מיט די יידן, וועלכע האָבּן אים פאַרזאָרגט מיט געהעריקע מיטלען, כּדי צו קאָנען שאַפן אין ארץ־ישראל אַ סטאַציע פאַר עקספּערימענטן, און דאָס, וואָס איך האָבּ געזען אינם אַטליט־טאַל, איז עס טאַקע געווען די התחלה פון דער סטאַציע. אָבּער זי איז געווען פּונקט אַזוי טויט און פאַרלאָזן, ווי דער פראַנקישער שלאָס.

מיט עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה איז אַהין אָנגעקומען אַ יונגערמאַן פון גאָר אַן אַנדער שניט. פונקט ווי אהרן אַראָנזאָן, איז אויך אבשלום פיינבערג געווען אַן ארץ־ישראל־ייִד. געבוירן אין איינער פון ראָטשילדס קאָלאָניעס, ער איז אויך געווען אין פראַנקרייך, כדי צו פאַרענדיקן דאָרט זיינע למודים.

אָבער דאָ ענדיקט זיך שוין זיין ענלעכקייט צו אהרן אַראָנזאָן. ס'איז געווען אַן אומרואיקע נשמה, גוט באַהאַוונט אין ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. זייער אַן ענערגישער מענטש, האָט ער אָבער נישט געהאַט ביי וואָס צו פאַרווענדן זיין ענערגיע.

וואו איז פאַרבאָרגן דער אמת? אויף וואָס באַזירט דאָס לעבן? אַזעלכע רעיונות האָבן אין יאָר 1903 באַשעפטיקט זיין מוח אויף די פּאַריזער בולוואַרן.

דער קאַטאָליציזם האָט אים צוגעצויגן און גלייכצייטיק אויפגערעגט.

„טוט תּפילה, מיין טייערער אַבשלום, וועט איר געפינען דעם אַלמעכטיקן",— האָט זיך אָנגערופן צו אים איינער פון זיינע פראַנצויזישע חברים.

דידאָזיקע ווערטער האָט ער אים צוגעוואָרפן ערגעץ אין אַ גאָרטן. און אָט פאַלט פיינבערג אויף די קני, אויפן זאַמד, און הייבט אָן תּפילה טאָן מיט קריסטלעכער התלהבות דאָ צו קריסטוסן און דאָ, ווי אַ ייִד, צום כותל־מערבי.

אַזוי ווי אָבער אין אַ משך פון אַ האַלבער שעה צייט האָט זיך גאָט צו אים נישט באַוויזן, און זיינע קני האָבן אים אָנגע־הייבן שטאַרק וויי צו טאָן, האָט ער זיך אויפגעהייבן אַן אויפגערעגטער.

ציטנווייז האָט ער געוואָלט אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע.

ווערן דאָרט שטאַרק רייך און דורך זיין עשירות פאַרווירקלעכן זיינע חלומות. ער איז אָבער נישט אַוועק קיין אַמעריקע און איז נישט געוואָרן קיין קאַטאָליק, נאָר גאַנץ באַשיידן איז ער געקומען צוריק קיין ארץ־ישראל. דאָרט, אויף דער עקספערי־מענטן־סטאַציע איז ער געוואָרן אהרן אַראָנזאָנס סעקרעטאַר און באַלד דערויף האָט ער זיך פאַרקנסט מיט אַראָנזאָנס יינגסטער שוועסטער רבקהלע.

נאָך אַזעלכע גרויסע אַמביציעס און חלומות האָט אים דאָס לעבן אין דעמדאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל אויסגעזען גאַנץ גרוי און באַשיידן. דאָך איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז דעם זין פון לעבן, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט געפינען אויף די פאַריזער בולוואַרן, האָט ער געפונען דאָ, אין דער איינזאַמקייט פון אַטליט, ביים עק פון דער פאַלמען־אַלעע.

די אידעע וועגן אַ יידיש ארץ־ישראל האָט אויך באַשעפ־טיקט אַבשלומס רעיונות. אָבער דידאָזיקע אידעע איז געווען צופיל פאַרבונדן מיט פּאָליטישע צופעליקייטן, ער זאָל זיך מיט איר שטאַרק פאַרנעמען.

אָבער די מלחמה האָט געענדערט זיינע אַנשויונגען. די פאַרבינדעטע האָבן געמאָלדן, אַז זיי קעמפן פאַר די אונטער־דריקטע פעלקער. איצט האָט אויסגעוויזן, אַז מען דאַרף שויז מער נישט האָפן אויף צופעליקייטן. פון איצט אָן, האָט זיך גע־דוכט, איז שוין דער נצחון נישט אָפּהענגיק פון גוטן ווילן פון די פרעמדע מלוכות, נאָר דערעיקרשט פון גלויבן אין דער ענערגיע פון פאָלק ישראל. און אַזוי ווי דאָ האָט זיך געפאָדערט

אַ סך מסירת־נפש און אויפריכטיקע התלהבות, האָט ער זיך אײַנגעצן אָפּגעגעבן דערדאָזיקער אידעע.

אָבער ווי קאָן מען זיך איבערגעבן, ווי קאָן מען דינען דער אידעע דאָ, אין דער וויסטעניש? פֿאַרלאָזט פֿײַנבערג די עקספּערימענטן־סטאַציע, דערשלאָגט, זיך קיין מצרים און לעגט פֿאָר דער ענגלישער קריגס־מאַכט צו אָרגאַניזירן אין ארץ־ישראל אַן אינפֿאָרמאַציע־ביוראָ.

די ענגלענדער האָבן אָנגענומען זײַן פֿאָרשלאַג, און אָן שום שטערונג קומט ער צוריק קיין אַטליט. אָבער וואָכן, חדשים גייען פֿאַרבײַ, און — גאָרנישט. אומזיסט וואַרט אַהרן מיט אים אָפּ בײַם ים די ענגלישע שיפֿן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געדאַרפֿט דורכרײַדן דורך געוויסע סיגנאַלן.

דאַן האָבן בײדע באַשלאָסן צו פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר בעדואינער, דורכשנײַדן מיט אַ קעמל דעם מדבר סיני, אַדורכרײַסן זיך דורך דער שלאַכט־ליניע און דערקריגן זיך ביז קאַהיראָ.

זיי לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, פֿאַרהאַלטן זיי אָבער די טערקן און מען פֿירט זיי אַוועק צו דזשעמאַל־פּאַשאַ, דעם אָנפֿירער פֿון טערקישן פֿראָנט. אַראָנזאָן, וועלכן מען האָט גוט געקענט, האָט געמאַכט פֿון דער גאַנצער מעשה אַ שפּאַס און האָט פֿאַרזיכערט, אַז זיי לאָזן זיך אין מדבר אַרײַן, כּדי נאָכצושטודירן דעם פֿלוג פֿון די היישעריקן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן.

דזשעמאַל, דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער, גרויזאַמער טערק איז אָפּגענאַרט געוואָרן. האָט ער בײדע אָפּגעלאָזט, און אין אַ צײַט אַרום האָט ער זיי אַפֿילו געגעבן אַ דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן

קיין דייטשלאַנד און דאָרט ווייטער אַרבעטן איבער זייערע פאָרשונגען.

די נסיעה איז אָבער מער נישט געווען ווי אַ תירוץ, כדי צו באַנייען מיט מצרים די איבערגעריסענע באַציונגען.

פון בערלין פאָרט אַראָנזאָן קיין קאָפּענהאַגן און פון דאָרט לאָזט ער זיך אַוועק אויף אַ סקאַנדינאַווישן דאַמפער קיין אַמעריקע.

אינמיטן וועג קאָנטראָלירט דעם דאַמפפער אַן ענגלישע פּאַטרול־שיף.

אַראָנזאָן ווערט אַרעסטירט אַלס בירגער פון אַ פייַנטלעכער מלוכה און מען פירט אים אָפּ קיין לאָנדאָן. דאָרט דערקענט מען אים, טרעט ער אַריין אין דער ענגלישער אַרמעע און מען שיקט אים אַוועק אויפן מצרים־פראָנט.

דאָס האָט געדויערט זיבן אָדער אַכט חדשים. נישט באַקו־מען קיין שום ידיעות פון אַראָנזאָנען, פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט פאַרלאָזט בערלין, האָט אַבשלום פאַרלוירן דאָס געדולט און באַשלאָסן צו באַנייען דורכן מדבר זיין נישט־געלונגענע אַמאָלי־קע נסיעה. זיין פּלאַן האָט ער פאַרטרויט שרה אַראָנזאָן, דער עלטערער שוועסטער פון זיין כלה רבקהלע, וועלכע איז מיטן אָנהייב פון קריג פאַרבליבן אין לאָנדאָן.

זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר דרייסיק. אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ בולגאַרישן ייִד. אָבער זי האָט זיך נישט געקאָנט איינלעבן מיט אַזאַ פראָסטן מענטשן, איז זי געקומען צו איר פאָטער אין זכרון יעקב און דאָרט זיך באַזעצט.

זי האָט זיך באַמיט אָפּצורייידן אַבשלומען פון זיין אונ־

טערנעמונג, און האָט אים אָנגעוויזן אויף דער גרויסער סכּנה, וואָס עס שטייט אים פאָר. אין פאַל, אויב מ׳וועט אים ווידער פאַרהאַלטן, וועט ער מוזן באַצאָלן מיטן לעבן. זי האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער סכּנה, וואָס שטייט פאָר אַלע פּאַלעסטינער יידן, אויב די טערקן וועלן זיך דערוויסן, אַז אַ ייד האָט זיי פאַרראַטן, און צולעצט האָט זי אים מרמז געווען אויף זיין כּלה, איר שוועסטער רבקהלע, וואָס וועט האָבן גרויס עגמת־נפש פון דעמדאָזיקן ענין.

אבשלום האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פון זיין פּלאַן, און אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן בחור מיטן נאָמען לישאַנסקי, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין סכּנותדיקן וועג.

זיי האָבן שוין אַדורכגעמאַכט דעם מדבר סיני און זיך דערנענט צו דער ענגלישער קאַמפּס־ליניע, וואָס זיי האָבן געזען פונדערווייטן. מיטאַמאָל אָבער האָט אַ בעדואינישער און טערקישער פּאַטרול זיי באַמערקט און זיי געגעבן אַ סיגנאַל זיך אָפּצושטעלן. אנשטאָט זיך אָפּצושטעלן אָבער האָבן אבשלום און לישאַנסקי אַ יאָג געטאָן זייערע פערד. די טערקן האָבן זיי נאָכגעיאָגט, שיסנדיק פון די ביקסן.

שטערבלעך פאַרוואונדעט, איז אבשלום אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. זיין חבר, ווידער, האָט באַקומען דריי קוילן אין גוף. דאָך אָבער האָט ער זיך געקאָנט האַלטן אויפן זאָטל און זיך דערקריגן צו דעם ערשטן ענגלישן פּאָסטן.

מען האָט אים אָפּגעשיקט קיין קאַאיראָ און דאָרט האָט אים אַראָגזאָן געפונען אין שפּיטאָל.ביידע האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, ווי אַזוי זיך צו קאָמוניקירן מיטאייננאַנדער. נאָכדעם, ווי לישאַנסקי האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, איז ער גלייך

אַוועק קיין ארץ-ישראל אויף אַן ענגלישער שיף, וואָס האָט אים ביינאַכט אַראָפּגעזעצט אינם קליינעם אַטליטישן ים-בורעם.

דאַן האָט זיך פּאַר שרהן אָנגעהייבן אַ שרעקלעך לעבן, ווייל איצט, נאָך אבשלומס טויט, האָט זי זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פירן ווייטער זיין אַרבעט, דאָס הייסט זאַמלען אינפאָר-מאַציעס און איבערגעבן זיי די ענגלענדער.

„דאָס האַרץ ציטערט תמיד – שרייבט שרה אין אַ בריוו – ווייל מיר טוען אַ שמוציקע אַרבעט און מיר זענען תמיד אין געפאַר. ס'איז מיר שווער אין די פּאָר שורות אַרויסצוזאָגן אַלץ וועגן אונדזער אומגליק (אַ רמז אויף אבשלומס טויט). אַזוי טרויעריק איז עס, אַז ס'לאָזט זיך גאָרנישט טרייסטן. אונדזער טייערינקער האָט זיין בלוט פאַרגאָסן, האָט זיין לעבן אַוועקגע-לייגט פאַר אַ הייליקער אַרבעט. דער קרבן איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו, ווען ס'וועט אונדז געלינגען און פאַר די יידן וועט אויך קומען דערפון אַ ישועה, ווייס איך נאָך אויך נישט, צי איך וועל זיך קאָנען טרייסטן. ווען אונדזער טייערינקער וואָלט נאָך גע-לעבט און וואָלט זיך דערוואוסט, אַז די פאַרבינדעטע מלוכות האָבן באַשלאָסן אונדז אַוועקצוגעבן פּאַלעסטינע, ווי וואָלט ער זיך דאָס, אַ שטייגער, געפרייט! מיר זענען מלא שמחה און ער האָט זיך דאָס לעבן איינגעשטעלט. דאָ אַרבעט איך פעסט, איך שרעק מיך נישט פאַר דער סכנה און פיל מיך אייזן-שטאַרק. צייטנווייז באַטראַכט איך מיך, ווי עפּעס איבערערדישעס. צי וואָלט איך דען אַנדערש געקאָנט איבערטראָגן אַזאַ קרבן?! וואָס אונדזער טייערער אבשלום האָט אנגעהייבן, דאָס טו איך ווייטער. און איך וועל מיך נוקם זיין, שטאַרק נוקם זיין אין די ווילדע פון מדבר און אין די ווילדע פון די שטעט".

אויף אראַנזשאַנס פֿאַרערונגען פֿלעגן די ענגלענדער פֿון צייט צו צייט צושיקן אַ שיף צו די ברעגעס פֿון אַטליט. אַ קליין שיפֿל פֿלעגט זיך אַראָפּלאָזן פֿון דער גרויסער שיף און צושווימען ביז צום ברעג. צווישן די פּעלזן פֿלעגן אָפּוואַרטן דאָס שיפֿל פֿאַרבאָרגענע מענטשן און זיי פֿלעגן איבערגעבן די מאַטראָסן אינפֿאָרמאַציעס, וואָס שרה און אירע חברים האָבן געזאַמלט פֿאַר זיי. אָבער די שיף פֿלעגט נישט תּמיד קומען, און שרה פֿלעגט זיך שטאַרק ערגערן.

„ס'איז די פּופּציקסטע נאַכט־שרייבט זי צו איר ברודער — ווי אונדזערע מענטשן גייען אַרויס אָפּוואַרטן יעדן אָוונט, אָבער אָן רעזולטאַטן. זיי קומען צוריק אָפּגעמאַטערטע, דערשלאָגענע, מיט פֿאַרלאָרענע האָפֿענונגען. איינשטעלן דאָס לעבן איז אַ שרעקלעכע זאַך, אָבער איינשטעלן עס צוליב גאָרנישט — איז טאָפּלט שרעק־לעך. דאָ פֿטרן מיר אַ סך געלט און אַ סך ענערגיע, כּדי צו באַקומען וואָס מער ידיעות. און איר זענט נישט פּינקטלעך. גיין צום ים איז נישט פֿון די לייכטע זאַכן. דאָס הייסט־גיין אויף אַ זיכערן טויט. די ענגלענדער קומען נישט, ווייל זיי האָבן מורא איינצושטעלן זייערע מענטשן. ווען זיי שיקן אונדז צו אַ שיפֿל, גייען זיי כּמעט נישט צו צום ברעג. זיי ראַטעווען זיך שנעל. אָבער מיר? גאַנצע נעכט שטעלן מיר אַרויס אונדזערע מענטשן אויף אַ זיכערן טויט. ווי קוק איך אויס, ווען זיי קומען דערנאָך צוריק, נאָך אַן אומזיסטן וואַרטן. אַ געדאַנק פֿאַרפֿאָלגט מיך אַלץ: צי לוינט עס די גאַנצע אַרבעט? צי וועט אונדזער פֿאָלק באַקומען עפּעס דערפֿאַר, וואָס מיר שטעלן זיך איין דאָס לעבן, העלפֿנדיק די ענגלענדער? דו דאַרפֿסט וויסן זיין, אַז מיר שטעלן אין סכּנה אַ סך מענטשלעכע לעבנס; נישט בלויז מיר אַליין

שטייען אין סכנה, נאָר די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג״.

שרהס ברודער האָט געוואוסט, אַז אין פּאַלעסטינע באַקומט מען איצט גאָרנישט, האָט ער איר עטלעכע מאָל צוגעשיקט זייף און אַנדערע טואַלעט-זאַכן.

האָט זי אים געשריבן אַ בריוו און געבעטן, ער זאָל עס מער נישט טאָן: „נישט צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן שטעלן אונ־דזערע מענטשן איין זייער לעבן. שיק מיר בעסער אַ רעוואָלווער״.

די צייט איז געפלויגן. די ענגלישע אַרמיי, וועלכע איז אין משך פון עטלעכע חדשים געשטאַנען ביי עזה, האָט די גאַנצע צייט נישט אָנגעהייבן קיין שום אַטאַקע. הגם שרה האָט זיי נישט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז די טערקישע אַרמיי איז פול־שטענדיק דעמאָראַליזירט און וועט נישט אויסהאַלטן דעם מינ־דעסטן קלאַפּ.

פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע אין זכרון יעקב אַלץ ערגער און ערגער געוואָרן. דזשעמאַל האָט געוואוסט, אַז עס געפינען זיך שפּיאָנעס אין פּאַלעסטינע. ער האָט אויך געוואוסט, אַז אַראָנזאָן איז אַריינגעטראָטן אין דער ענגלישער אַרמיי, איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט אָנגעהייבן דראָען אַלע יידן.

דידאָזיקע לייט, וואָס טערקיי האָט זיי תמיד זייער פיין אויפגענומען, וואָס האָבן תמיד געפונען ביי איר אַ היים, בעת אומעטום האָט מען אויף זיי געמאַכט פּאָגראָמען, — אָט די לייט, וועלכע מען האָט תמיד געגעבן מנוחה און שלום אין פּאַלעסטינע זאָלן אַזוי האַנדלען קעגן טערקיי? און אָט, אַבשלום, ווידער, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר אַ פריינט און אים אַרויסגעגעבן

אַפילו אַ פּאַספּאָרט, איז גאָר אַריבער אויף דער זייט פון די ענגלענדער!...

אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין כעס האָט ער, פּונקט ווי טיטוס, געוואָלט אָפּהאַקן די קעפּ אַלע יידן פון לאַנד. ער וואָלט עס אפשר געטאָן, ווען ער זאָל נישט מורא האָבן אויפצוהייבן קעגן זיך די מיינונג פון דער גאַנצער וועלט. אָבער די יידן, וועלכע האָבן ביז איצט רואיק געלעבט און האָבן מיט אַ באַקשיש זיך אַרויסגעדרייט פון אַלע רעקוויזיציעס און פון מי־ליטערישער דינסט, האָבן שוין קיין גליקלעכע טעג מער נישט אָנגעזען. אין די שטעט און דערפער האָט זיך דערוועקט דער אַלטער פּחד פון די רוסישע פּאָגראָמען, פון וועלכע מען האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל אָפּגעוויינט.

די יידן האָבן געהאַט אַ חשד, אַז ביי אַראָנזאָנען איז אַ פּאַרדעכטיק אָרט און זיי האָבן זיך שרעקלעך אויפגערעגט קעגן זיי. די יידן האָבן געהאַלטן, אַז דורך דעראָזיקער משפּחה ווערט זייער לעבן אַוועקגעשטעלט אין גרויס סכנה.

שרה האָט אומעטום געפילט די שנאה צו זיך, און זי איז געווען זיכער, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן וועלן די אייגענע יידן זי איבערגעבן צו די טערקן.

צום גליק, האָבן די ענגלענדער געהאַלטן ביים אָנגרייפן, אָבער צי וועלן זיי עס מאַכן שנעל? יעדער טאָג, יעדע שעה האָט פאַרגרעסערט די סכנה.

„מען טאָר קיין איין־איינציקע מינוט נישט פאַרשפּעטיקן — האָט שרה געשריבן צו איר ברודער — זאָלן זיי קומען פאַרן 27־טן סעפּטעמבער. ווער ווייסט, צי איך וועל נאָך דערציען ביז דער צייט? די לאַגע פאַרערגערט זיך פון מינוט צו מינוט, די יידן אַליין

דראָען אונדז: אַלע זענען אויפגערעגט און איבערגעשראָקן. ס'איז אַפילו מעגלעך, אַז זיי אַליין זאָלן אונדז איבערגעבן דזשעמאַלן. האָט רחמנות אויף אונדז, אַרבייט שנעל, קומט און פאַרלאָזט אונדז נישט..."

אין אַזעלכע פיינלעכע איבערלעבענישן איז אָנגעקומען דער יום־טוב סוכות, וועלכער דערמאָנט אָן דער צייט, ווען די יידן האָבן אַרומגעבלאָנקעט אין מדבר, איידער זיי זענען אַריין אין לאַנד כנען. ס'איז איינער פון די זעלטנסטע טעג, ווען יידן לאָזן זיך וואויל־גיין, און אַפילו אין דער עצבותדיקער שטאָט ירושלים, וואו מען האַלט אַ גאַנץ יאָר אין איין טרויערן, פאַרגעסט מען אַ רגע אין דידאָזיקע שמחה־טעג דעם שטענדיקן טרויער און מען באַקומט אַ פריילעך פנים. בעדואינער ברענגען פון די דערפער גרינע צווייגן פון דעמבעס און ציפרעסן. פון טיכער און פון צווייגן שטעלט מען אַוועק ביידלעך אויף יעדן הויף און מען באַפוצט זיי מיט בלומען, ציטרינען, אתרוגים און פאָמעראַנצן. אַ גאַנצע וואָך הוליעט מען דאָרט, מען טרינקט און מען טאַנצט. און אויפן אַכטן טאָג, אין טאָג פון שמחת־תורה, ווערט געלייענט אין די בתי־מדרשים די לעצטע סדרה פון ספר דברים. דעם ערשטן שבת נאָך שמחת־תורה הייבט מען שוין פונדאָסניי אָן צו לייענען די ערשטע סדרה פון דער תורה.

אַזוי־אַרום איז די צייט פון סוכות געוואָרן אַ סימבאָל פון אויפלעבונג פאַר משה־רבינו, דעם גרויסן פאָלקס־פירער, וועלכער האָט געפירט די יידן מיט גאָטס חסד אין די ערגסטע צייטן פון זייער וואַנדערונג, כדי זיי צו פאַרלאָזן ערשט דעמאָלט, ווען פאַר זיי וועלן זיך עפענען די טויערן פון דער נייער היים.

אין זכרון־יעקב זענען אויפגעשטעלט געוואָרן סוכות, און

לויטן מנהג, האָט דער יונגער עולם געשפּילט און געטאַנצט אונטער די גרינע צווייגן.

וואָס האָט דאַן שרה געטראַכט, ווען זי האָט זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון די פידלען? צי האָבן די פאַרבינדעטע חילות באַשלאָסן צו אַטאַקירן היינט, אָנשטאָט מאָרגן? צי בעמט שוין אפשר טאַקע אַ סוף צו דער לאַנגער וואַנדערונג פון די יידן אין מדבר? אפשר איז איצט אויך אַזוי ווי אין משה־רבינוס צייטן? אפשר וועט זיך דאָ באַלד אַנטפּלעקן אַ נייע ארץ־ישראל פאַרן אויפגעלעבטן יידישן פאָלק? אפשר איז מרמז דער יום־טוב סוכות אויף די לעצטע טעג פון גלות? אפשר ווערט דער טויט פון אבשלומען באַלד באַלוינט און אָפּגעצאָלט?..

שרה איז געשטאַנען מיט עטלעכע מיידלעך פאַר זייער טיר, בשעת די פידלען האָבן פּלוצלונג אויפגעהערט צו שפּילן. מען האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער קאַימאַקאַן (פּאָליציי־באַאַמטער) קומט אָן פון נאַזאַרעט מיט אַ גאַנצער מחנה טערקישע קאַוואַלעריע. דאָס גאַנצע יונגוואַרג איז תיכף פאַרשוואונדן געוואָרן, ווייל קיינער פון זיי איז נישט געווען זיכער, אַז מען וועט אים נישט כאַפּן צו מיליטער־דינסט.

שרהס יונגע חברטעס זענען אויך אַריינגעפאַלן אין גרויס פּחד. אָבער זי אַליין האָט זיך פאַרהאַלטן קאַלטבלוטיק און באַרויִקט אירע חברטעס: זי האָט געוואוסט צוליב וואָס עס קומען די קאַוואַלעריסטן.

אין עטלעכע מינוט איז די גאַנצע קאָלאָניע פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט געוואָרן.

דער קאַימאַקאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַראָנזאָנס הויז.

ער האָט נאָכגעפרעגט, וואו עס געפינט זיך דער יונגער משאַנסקי. שרה האָט געענטפערט, אַז ער איז נישטאָ.

די זעלנער האָבן דורכגענישטערט דאָס גאַנצע הויז און נישט געפונען קיינעם, האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צום אַלטן אָראָנזאָנען.

זיי האָבן אים אַנידערגעלייגט מיטן בויך אויף דער ערד, צוגעבונדן זיינע הענט און פיס צו צוויי ביקסן, וואָס שרה און איר יינגערער ברודער זענען געווען געצוואונגען צו האַלטן. נאָכדעם האָט מען אים גענומען קאַטעווען. דער אַלטער האָט שטאַרק געקרעכצט און אויף שרהן האָט געציטערט די הויט פון אימה.

זי האָט זיך געשראָקן, טאָמער וועט ער אַרויסריידן אַן איבעריק וואָרט.

„טאַטע, — האָט זי געזאָגט, — געדענק, אַז דיר איז סיי־ווי נישט פאַרבליבן מער ווי עטלעכע יאָר צום לעבן. שטאַרב מיט אַ חשובן טויט!"

און דער אַלטער האָט, קרעכצנדיק, אָפּגעענטפערט:

„מיר דאַרפסטו נישט זאָגן אַזעלכע זאַכן!"

אויף צומאָרגנס האָט מען זיך גענומען צו שרהן. פינף טעג כסדר פלעגן די זעלנער קומען און נעמען זי פון דערהיים, און יעדעס מאָל פלעגן זיי זי אַוועקפירן אין אַ רעקוויזירטער וואוינונג. מחמת זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אויף זייערע פראַגן, פלעגן זיי איר צובינדן צו אַ טיר און שמייסן, און רייסן איר די נעגל און אַרויפלייגן איר אָנגעבערנטע ציגל אויף די ברוסטן און אויף די פיס. נאָכדעם פלעגט מען זי אָפּפירן אַהיים. אָבער צומאָרגנס פלעגן זיך ווידער אָנהייבן דיזעלבע יסורים.

זי האָט מסתמא גערעכנט, אַז די ענגלישע אַרמיי קאָן בינו־לבינו אָנקומען על־פּי־נס און זי מציל זיין פון זייערע הענט. אָבער אויפן זעקסטן טאָג האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער קאַימאַקאַן האָט באַפוילן, מען זאָל זי אַוועקפירן צוזאַמען מיט עטלעכע אַנדערע קיין נאַזארעט. דעמאָלט האָט זי פאַרלאָרן דעם בטחון. אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ווען זי האָט זיך אַליין געפונען אין צימער, האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו צו איינעם פון אירע חברים:

„אויב די טערקן וועלן פריילאָזן די אַרבעטער פון דער סטאַציע, טאָ זע, אַז זיי זאָלן ווייטער טאָן זייער אַרבעט. זאָלן זיי זיך באַנוצן צום עסן מיטן קאָרן און מיטן גערשטן, וואָס ס׳געפינס זיך דאָ, און זאָל מען יעדן איינעם צאָלן דרייסיק פראַנק אַ חודש. אויב מען וועט זיי נישט לאָזן אַרבעטן, טאָ גיב זיי פופציק פראַנק און זאָלן זיי גיין. זאָג מיינע ברידער, זיי זאָלן זיך נוקם זיין פאַר מיר. קיין שום רחמנות פאַר די באַנדיטן: זיי האָבן אויף מיר אויך קיין שום רחמנות נישט. איך האָב שוין נישט מער קיין כּוחות איבערצוטראָגן די יסורים, וואָס זיי טוען מיר אָן. איך וועל מיר בעסער נעמען דאָס לעבן, איידער זיך צו לאָזן אַזוי באַהאַנדלען דורך אַזעלכע שמוציקע הענט. זיי ווילן מיר אָפּשיקן קיין דמשק. דאָרט וועלן זיי מיך זיכער אויפהענגען. צום גליק, האָב איך בײַ זיך אַ קליינעם רעוואָלווער. איך וויל נישט, זיי זאָלן זיך שפּילן מיט מיין קערפּער. מיינע יסורים פאַרגרעסערן זיך, ווען איך קוק מיך צו, ווי זיי שלאָגן דעם אַלטן טאַטן אָבער אומזיסט איז זייער טרחה. מיר וועלן זיי קיין וואָרט נישט דערציילן. פאַרצייכנט, אַז מיר זענען געשטאָרבן ווי העלדן, און האָבן זיך אין קיין זאַך נישט

מודה געווען. ס'איז נישט וויכטיק, וואָס מיר האָבן זיך מקריב געווען! מיר האָבן אָבער געראַטעוועט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און באַפרייט דאָס לאַנד. זאָל מען אויך זאָגן, אַז מיר זענען געמיינע מענטשן און פאַררעטער. איך האָב בלויז געשטרעבט צו איין זאַך: צו פאַרבעסערן דעם מצב פון מיין פאָלק. גיי אין די בערג, ווי נאָר די זעלנער וועלן אַוועק. זע זיך מיט וויקסן און זאָג אים: בעסער נעם זיך דאָס לעבן, נאָר גיב זיך נישט אונטער. גענוג.. איך קאָן שוין מער נישט שרייבן..."

עס זענען אָנגעקומען די טערקן. זיי האָבן שרהן דערלויבט אַריינצוגיין אויף אַ מינוט צו זיך אין צימער. אַריין אין צימער, האָט זי אָבער באַלד צוגעמאַכט די טיר און תיכף האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַ קלאַפּ פון אַן אומגעפאַלענעם קערפער. די זעלנער האָבן אויפגעבראָכן די טיר. זי איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט, אָבער זי האָט נאָך געאָטעמט. די קויל, וואָס איז אַריין דורכן מויל, איז אַרויס דורכן נאַקן. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר, אַן אַלטער פריינט פון די אַראָנזאָנס.

שרה האָט געבעטן, מען זאָל זי נישט אָפּעראַטעווען, נאָר רואיק לאָזן שטאַרבן. די טערקישע אָפיצירן, גערירט פון איר העלדישקייט, האָבן צוגעזאָגט, זי מער נישט צו פייניקן.

דריי טעג איז זי געלעגן אין גסיסה. אירע גלידער זענען פאַראַליזירט געוואָרן, אָבער דער קאָפּ איז פאַרבליבן ביים פולן באַוואוסטזיין.

זי האָט זיך נאָר געשראָקן, טאָמער וועט זי פון היץ עפּעס אַרויספּלוידערן. אַזוי האָט זי געבעטן אויפן טויט, און ווען זי האָט דערפילט, אַז ער איז שוין נאָענט, האָט זי געזאָגט:

„זייער גוט, איצט האָב איך שוין נישט, פאַרוואָס מורא צו האָבן".

דעם לעצטן טאָג סוכות, שמחת־תורה, האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה.

אין אַ וואָך אַרום האָבן די ענגלענדער אַטאַקירט די דייטשיש־טערקישע אַרמיי, וועלכע האָט אָפּגעטראָטן אין אומאָרדנונג. די ענגלענדער זענען אַריין אין ירושלים, באַפרייענדיק גאַנץ פּאַלעסטינע, אָבער בינו־לבינו האָט מען דעם יונגן לישאַנסקין אין דמשק. זיינע דריי חברים, וואָס זענען געאויפגעהאָנגען געוואָרן צוזאַמען מיט אים, האָבן זיך באַנוצט מיט דער פאַנגען געוואָרן צוזאַמען מיט אים, האָבן זיך באַנוצט מיט דער גרויסער בהלה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלץ און אַלעם, ווען די פאַרבינדעטע האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, און, געשמידט אין קייטן, זענען זיי צוזאַמען מיטן אָפיציר, וואָס האָט זיי געהיט, אַנטלאָפן אין די בערג.

אהרן אַראָנזאָן, שרהס ברודער, ווידער, האָט אויך געהאַט אַ טראַגישן סוף. נאָכן וואַפנשטילשטאַנד האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן. עפּטער פלעגט ער אַרומפאָרן פון לאָנדאָן קיין פּאַריז, כדי צו ליפערן דער שלום־קאָנפערענץ די נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן פּאַלעסטינע. אין איינער פון דידאָזיקע נסיעות איז ער נישט ווייט פון בולאָן צושמעטערט געוואָרן צוזאַמען מיטן אעראָפּלאַן, אויף וועלכן ער איז געפלויגן.

דאָס איז די געשיכטע פון שרהן מיט אירע חברים. גערן רעדט מען נישט וועגן דעם אין פּאַלעסטינע. ווען איך האָב

באַרירט די פּראַגע, האָב איך געפילט ווי עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלייער צווישן מיר : ון די אָגטיילנעמער אין שמועס. אפשר האָבן זיי זיך נאָך געפונען אונטער די שווערע איינדרוקן פון גרויל און סכנה. וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. דער איינדרוק פון גרויל איז נישט אַזעלכער, וואָס ווערט אַזוי גיך אָפּגעווישט פון אַ יידישער נשמה.

אָבער טיף אין האַרצן האָבן זיי אפשר געפילט, אַז די טערקן, וועלכע האָבן זיי אויפגענומען אין אַן עת-צרה, האָבן זיך פאַרדינט אַ בעסערע באַהאַנדלונג, אַז איבער דערדאָזיקער אַטליטער דראַמע הענגט עפּעס אַ שאָטן, און אַז נישט געקוקט אויף אבשלומס און שרהס שיינעם קרבן, וועט דידאָזיקע דראַמע זיך דאָך נישט קענען פאַרוואַנדלען קיינמאָל אין איינער פון יענע לעגענדעס, אַרום וועלכע עס טוליען זיך מיט אַזאַ אומע-טיקן פיעטעט די סענטימענטן פון אַ נאַציע.

X.

דאָס קליינע מיידל
פון אַלט־שטאָט

ווען איך בין אַריין קיין ירושלים, האָט מיר דער פּאָרטיער פון האָטעל־דאַם־דע־פראַנק איבערגעגעבן אַ וויזיט־קאַרטע, וואו ס'איז געווען אָנגעשריבן: „יעקב בירנבוים, אייער אַלטער תּלמיד באַגריסט אייך, הער פּראָפעסאָר. איך וועל צו אייך קומען מאָרגן".

יעקב בירנבוים! דערדאָזיקער נאָמען האָט מיך איבערגע־טראָגן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין יענע צייטן, ווען איך בין געווען אַ לעקטאָר אין בודאַפּעשטער אוניווערזיטעט. דרך־אגב מוז איך זאָגן, אַז דאָס איז אַ מעשה, וואָס פּאַסט זיך צו דער־ציילן פאַר לאַ־פּאַנטענען. מיינע אַלע תּלמידים, סיי די אונגאַרן, סיי די יידן, זענען געווען אין מיין עלטער. מיר האָבן געלעבט ווי חברים, און צייטנווייז, נאָך די לעקציעס, פלעגן מיר אַוועק־גיין און כאַפּן אַ שמועס אין איינער פון די רוישיקע קנייפּעס, וואוהין גאַנץ צענטראַל־איירָאפּע אַנטלויפט פון זיין אומעט, פאַרטיפט זיך אין צייטונגען און יעדער איינער פלעכט אַריין מיט גרויס תּענוג זיין אייגן לעבן אין לעבן פון כּלל.

ס'איז געווען אַקוראַט אין יענער צייט, ווען מען לאָזט שוין נישט מער זיך אַרומבלאָנקען די סטאַדעס שאָף איבער די לאָנקעס, איבם גרויסן טאָל, צווישן דעם דונאַי און דער טיסאַ, נאָר מען נעמט זיי אַריין אין די שטאַלן, אונטער דער שמירה

פון הינט. אין דער הויפּט־שטאָט פון דער פּאַסטוכשער מדינה טוען דאָסזעלבע אויך גאַנצע סטאַדעס מענטשן, וואָס ווערן גע־טריבן מיטן זעלבן פינסטערן אינסטינקט, אַנטלויפנדיק פון דער אָוונט־איינזאַמקייט. זיי קומען אויך אונטערן שוץ פון זייערע פּאַסטוכער אין דער געשטאַלט פון קעלנערס.

דערדאָזיקער בירנבוים, וועלכער האָט פאַר זיין אָנקומען קיין בודאַפּעשט עטלעכע יאָר צייט געלעבט אַ שנאָרעריש לעבן פון אַ ישיבה־בחור, האָט זיך אויך געפונען אין דער קליינער קאָמפּאַניע, וואָס איז געקומען מיט מיר אין דער קנייפּע, וואו מיר האָבן געוואָלט, ביי אַ גלאָז פּילזנער ביר, ווייטער פירן די לייכטע שמועסלעך־פּלוידערלעך פון אוניווערזיטעט.

פון יענער צייט אָן האָב איך אים מער נישט געזען, אָבער איך האָב אַ סך מאָל געקלערט פון אים, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט אין יידישן לעבן גאָר אַן אַנדער וועלט, אַן אויסטערלישע וועלט וועלכע, האָט מיט איר רייץ און סודות פאַרכאַפּט מיין פאַנטאַזיע.

אַפילו דאָ, אין ירושלים, אין עמק־יהושפט, צווישן די מצבות, האָב איך נישט איינמאָל געקלערט וועגן דער מצבה פון זיין זיידן, דעם איינציקן פון די פאַרשטאָרבענע יידן, וועמעס עבר ס'איז מיר געווען באַקאַנט. וויפל מעשיות האָט ער מיר אָנדערציילט וועגן דעמדאָזיקן וואונדערלעכן זקן, בעת אַרום אונדז אין קנייפּע האָבן געציטערט די צימבלען און די ציגיינע־רישע פידלען!

זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען איינער פון יענע אַלטע ענטוזיאַסטן, וועלכע זיצן יומם־ולילה איבערן תלמוד און זוהר.

כדי דורך זייער לאָגיק און דורך זייער פאַנטאַזיע דאָרט צו אַנטדעקן נייע וועלטן, וואו אַ סך יידן געפינען זייער גליק.

איין־איינציק מאָל האָט ער פאַרלאָזן זיין שטעטל און איז געקומען קיין בודאַפּעשט. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען דאָס, וואָס מען זעט נישט אין אַ שטעטל: פיל־שטאָקיקע הייזער, אייזערנע בריקן, וואָס ציען זיך איבערן טייך, העל־באַלויכטענע גאַסן ביינאַכט, אייזנבאַנען, און נאָך אַזעלכע זאַכן. און אָט דער ענטוזיאַסטישער תּלמודיסט, וואָס גריבלט זיך יומם־ולילה אין די אוראַלטע פאָליאַנטן, וואָס האָט פאַרבראַכט טויזנטער שעהן איבער פאַנטאַסטישע פּראָבלעמען, וועגן וועלכע די מורח־יידן פּילפּלען זיך שוין פון דור־דורות אָן, — איז ער, דערדאָזיקער זקן גאָר נשתּומם געוואָרן פון די אַלע זאַכן, וואָס זיינע אויגן האָבן דערזען, און פאַרגלייכנדיק די גייסטיקע און פיזישע אויפטועכצן פון די קריסטן מיט זיינע אייגענע, האָט ער אַרויס־געזאָגט אַ פיינע פּאָר ווערטער:

„זיי, די גוים, האָבן אויך עפּעס אויסגעטראַכט!"

אָבער באַלד זיך אַרויסגעשלאָגן פון זכּרון דעם איינדרוק פון דידאָזיקע או־בוצלעכע דערפינדונגען, האָט ער זיך אומגע־קערט אין זיין שטעטל און זיך ווידער אַוועקגעזעצט איבערן תּלמוד און זוהר.

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אין אים דערוועקט דער אינסטינקט פון זיין ראַסע, דער אַלטער אינסטינקט — צו שטאַרבן אויף דער ערד פון זיינע אָבות, אַזוי ווי ס'דריקט זיך אויס דער העברעישער פּאָעט: „גיין אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם אין דער לופט פון ירושלים, איינם שטויב פון מירטן־ריחות, און טרינקען די זיסקייט פון זיינע וואַסערן."

ער האָט פאַרלאָזט אַלץ: זיין חדר, זיין קליינעם טיש, זיין בית־מדרשל, וועלכן ער האָט גאַנצע זעכציק יאָר צייט אָן אויפהער באַזוכט, זיין טאַטער, זיין איידעם און זיינע אייניקלעך.

אַ יאָר צייט נאָכדעם האָט מען פון אים קיין שום ידיעות נישט געהאַט. צו וואָס דאָס שרייבן? וואָס האָט ער דען צו דערציילן? איז דען די גאַנצע שרייבעריי נישט מער ווי דברים־בטלים? אַזאַ מענטש, ווי ער, צי קאָן ער דען פטרן די צייט אויף נאַרישקייטן, בעת ער דאַרף זי פאַרווענדן אויף תפילות פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל?..

און אָט האָט איינמאָל אַ שליח, וואָס איז געקומען פון ארץ־ישראל צונויפזאַמלען דאָס געלט פון די מאיר־בעל־הנס־פושקעס, געבראַכט די פריילעכע בשורה, אַז דער זקן האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיין יונג מיידל און זי האָט אים געבוירן אַ קינד. זיין גאַנצע משפחה האָט געטאַנצט פון שמחה, און אין פושקע האָט מען אַריינגעוואָרפן עטלעכע מטבעות פאַר דער הייליקער חלוקה.

איצט איז זיין אייניקל, יעקב בירנבוים, געקומען צו מיר אין האָטעל. איך האָב משער געווען, אַז איך וועל דאָ דערזען אַן אָפּגעריסענעם־אָפּגעשליסענעם טיפּ פון אַן אָרעמען לערער (ווי כ׳האָב אים געקאָנט אין בודאַפּעשט), און ס׳האָט ביי מיר אָפּגענומען גוטע עטלעכע רגעס, ביז איך האָב אין דעם מאָגערן, אויסגעפּוצטן יונגנמאַן דערקענט דאָס אַמאָליקע נעבעכדיקע יינגל.

— נו, איר זעט, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי מיר וואָלטן נאָך געהאַלטן ביי אונדזער קנייפּ־שמועס, אַזוי, אַז מיר האָט אַפילו אויסגעוויזן, אַז צוזאַ־

מען מיט זיין קול הער איך אויך דעם צימבל מיט דער ציגיי־נערישער פידל – איר זעט, איך בין כסדר געגאַנגען אויפן וועג פון שנאָרעריי, אויף וועלכן איך האָב אָנגעהייבן צו גיין נאָך אין מיינע קינדערשע יאָרן. דאָס איז דער וועג פון אַלע יידן, אַן אין פלוג, דער וועג פון יעדן איינציקן מענטשן. איך בין אָבער אַוועק קיין אַמעריקע, און דאָסמאָל האָט מיר דאָס מזל אַ סך געשענקט, זייער אַ סך געשענקט! ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט איך געקאָנט מאַכן פאַר מיליאָנערן אַלע גאַליציאַנער רבנים, איך וואָלט געקאָנט פאַר אַלע ישיבות באַשטעלן גמרות מיט גאָלדענע אותיות. איך בין אָבער געווען פאָרזיכטיק! דערדאָזיקער אינסטיטוט פון רבנישער און וואויל־לערנערישער אָרעמקייט וואָלט צושטערט געוואָרן אויף אייביק און גלייכצייטיק וואָלט איך אויך צושטערט איינעם פון די שענסטע יסודות פון פאָלק ישראל...

ער האָט דאָרט אין אַ קורצער צייט געמאַכט איינס פון יענע קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס, וועלכע פאַרכאַפן אונדז, אייראָפּעיער, תמיד, ווי אַ כשוף־מעשהלע, ווי אַ שיינע מאָמענטאַלע פאַנטאַזיע.

נישט אַריינגייענדיק אין קיין שום פרטים, גיב איך אייך איבער די געשיכטע פון זיין ערפאָלג, ווי ער אַליין האָט עס מיר דערציילט.

– ווי אַזוי? איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי! איך האָב געטאָן דאָס, איך האָב געטאָן יענץ. ווען איך זאָל אייך נאָר אויסרעכענען אַלע מיינע אונטערנעמונגען און די אַלע געשעפטן, וועלכע איך האָלט, אָדער בעסער גערעדט, וועלכע האַלטן מיך, וואָלט איך אייך שוין מער גאָרנישט געדאַרפט זאָגן.

דאָס גליק איז, ווי דאָס אומגליק, עפּעס אַזוינס, וואָס

מען קאָן נישט אויפקלערן זיין אָפּשטאַמונג. איך מיין, אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן איז דער שיקזאַל פּשוט מיד געוואָרן, מיך צו פּייניקן. איך פלעג שטעלן אַזאַ ווידערשטאַנד און האָב מיך אַזוי געראַנגלט, אַז סוף־כּל־סוף פלעג איך מיך תּמיד אַרויסדרייען פון אַלע שווערע סיטואַציעס. און נאָכדעם, ה׳ פּראָפעסאָר (ער פלעגט מיך כּסדר רופן מיט דעמדאָזיקן טיטל, וואָס אַמאָל איז עס פאַר אים געווען עפּעס אויסעראָרדנטלעכעס, און איצט מסתּמא זייער אַ באַשיידענע ווירקלעכקייט), מוז איך אייך זאָגן, הגם איך האָב גאָרנישט בדעה אייך צו באַליידיקן, חלילה, אַז דאָס קנעלן אין ישיבה האָט מיר פיל מער געגעבן, ווי ראַסינס טראַגעדיעס, וועלכע איר האָט אונדז קאָמענטירט אין אוניווערזיטעט. טיף אין האַרצן בין איך תּמיד פאַרבליבן דער ישיבה־בחור, וואָס קאָן אַ האָר שפּאַלטן אויף פירן און שאַרפזיניק אויסגעפינען די שטאַרקע און שוואַכע זייט פון אַרגומענטן. גוט צוזאַמענגעשטעלטע כּללים וועלן תּמיד אָנפירן מיט דער וועלט. גיסט נאָר צו אַ קליינע דאָזע משוגעת, אַ שטיקל לבנה, וואָס בלאָנדזשעט תּמיד אַרום אין אונדזערע מוחות, כּדי אונדז אָפּצודאַנקען, און ווער ווייסט — אפשט גאָר אונדז צו באַשטראָפן דערפאַר, וואָס מיר הייבן תּמיד אויף אונדזערע אויגן צו איר, ווען מיר זענען זי מחדש. דעריבער אפשר וואַרפן מיר זיך אויף פאַרשידענע אַזעלכע אונטערנעמונגען, פאַר וועלכע דער פיינער, נאָר עטוואָס שוואַכער פאַרשטאַנד פון אַנדערע פעלקער טרעט אָפּ. מיר, יידן, זענען אַ פאָלק פון צוויי פּלאַנעטן: פון דער ערד און פון דער לבנה. מיר זענען סקעפּטיש און גלייכצייטיק באַגייסטערט. מיר גלויבן נישט און וואַרטן תּמיד אויף עפּעס: זאָל עס זיין אַ דאָלאַר, אַ שידוך, אַ שטייגערונג אויף נאַפּט, אַ

ציריקקער קיין ירושלים, אַן אַלוועלטלעכע רעוואָלוציע און צולעצט דאָס, וואָס מיר רופן משיח..

פונקט ווי אַלע יידן, וואָס זענען ממש אַרויס פון די כּלים, זוען זיי האָבן געלייענט באַלפורס דעקלאַראַציע, האָט אויך דער ייד באַקומען אין קאָפּ דאָס, וואָס ער רופט אָן אַ לבנה־שלאַג. לשנה הבאה בירושלים! דער אַלטער פאַרלאַנג פון די פּסחדיקע סדרים, ווען מען גלויבט נישט, אַז דער פאַרלאַנג קאָן אמאָל מקוים ווערן. איצט דאַרף מען גלויבן, אַז דער פאַקט איז אַ געשעענער! אויך בירנבוים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער, כּדי צו קומען אין באַרירונג מיטן נס, וואָס איז געשען...

ווי אַזוי איז זיין פּאָזיטיווער מוח אַזוי פאַרשלונגען געוואָרן פון זיינע חלומות, אַז ס'האָט זיך אים שוין געוואָלט זען ווי אַלע יידן האָבן זיך באַזעצט און ארץ־ישראל? ער האָט מסתּם וועגן דעם זייער קנאַפּ געטראַכט, ווייל איצט, ריידנדיק וועגן זיין אידעע, האָט ער זיך אויסגעדריקט מיט אַ טאָן פון לייכטן חוזק און מעלאַנכאָליע: „ס'איז אַ מערקווירדיקע זאַך, ווי מיר, יידן, ווי אינטעליגענט מיר זאָלן נישט זיין, פאַרלירן מיר באַלד אונדזערע חושים, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ארץ־ישראל!"

אָבער טיף אין האַרצן קלער איך, אַז קיין ירושלים האָט אים געשלעפּט דער אַלטער דראַנג צו ציון, דערזעלבער דראַנג, וועלכער האָט אַוועקגעצויגן אין דער הייליקער שטאָט זיין זיידן און נאָך אַ סך אַנדערע יידן. ער האָט עס אַליין מודה געווען און מיט אַ לייכטער מעלאַנכאָליע, ווייל זיינע אילוזיעס – אויף אַ באַלדיקער ישועה – אויב ער האָט נאָר געהאַט אַזעלכע אילוזיעס, – זענען צעשוואומען געוואָרן.

אָך! ניין, ער איז נישט געווען פון יענע באַגייסטערטע פּיאָנערן, וועלכע האָבן פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז פּאַלעסטינע איז אַ נייער גן-עדן, אַז אַלע יידן זענען געבוירענע ערד-אַרבעטער און פּאַסטוכער, אַז אין די יידישע קאָלאָניעס פירט מען אַן אידילישן לעבן, אַז די אומגליקלעכע חלוצים וועלן אויפדעקן פאַר דער גאַנצער וועלט אַ גאַנץ אומבאַקאַנטן טיפּ פון אַ נייעם מענטשן!

אויף די וועגן פון שנאָרעריי איז דער ציוניזם, אַפּנים, נישט געווען די שנאָרעריי מיט די רייכע האָפענונגען; ער איז אויך נישט געווען די בלאָנדזשענדיקע אידעע, וואָס האָט געקענט אַרויסרופן באַגייסטערונג.

„ווי שווער,—האָט ער זיך ווידער אָנגערופן צו מיר, — איז אויסצוגעבן נוצלעך איין דאָלאַר, אָדער אַ מיליאָן!"

ער איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל געקומען צום באַשלוס, אַז דער גאַנצער ענין איז אַ שלעכטער, און אין דעם מאָמענט, וואָס איך האָב אים באַגעגנט, האָט ער זיך מיט קיין שום אַנדער זאַך נישט אינטערעסירט, ווי נאָר צו געפינען אין דער אַלט-שטאָט דאָס, וואָס ס'איז געווען פאַרבאָרגן אין זיין נשמה, אין די ערינערונגען פון זיין אַמאָליקן לעבן.

און אָט האָט מיט אים פּאַסירט כמעט דאָסזעלבע, ווי מיט זיין זיידן מיט דרייסיק יאָר צוריק. איך האָב אָבער אַ טעות, ס'איז נישט דיזעלבע מעשה, ווייל זיין זיידע, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונג מיידל פון פערצן יאָר, האָט בלויז דערפילט דאָס ירושלימער געזעץ, וואָס פאַרווערט צו זיצן אָן אַ פרוי. און דעם זקן האָט, נאַטירלעך, נישט געקימערט, צי דאָס מיידל איז שיין אָדער מיאוס. אָבער דאָ, אין דער אַלט-שטאָט פון ירושלים,

וואו די רעיונות זענען, דאַכט זיך, גאַנץ ווייט פון ליבע, האָט ער, יעקב בירנבוים, זיך פאַרליבט. ס'איז אפשר צו שטאַרק געזאָגט: ער האָט זיך פאַרליבט. ער האָט אָבער דאָך איבערגעלעבט די צערטלעכסטע געפילן צו אַ מיידל פון אַ יאָר פופצן, צו װעלכער ער האָט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און וועלכע האָט אָנגעהערט צו זיינע קרובים, און נאָר דעם אויבערשטן האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס ער האָט געוואָרפן זיין גינסטיקן בליק אויפן הויז פון זיין זיידן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיין סוד נישט אויסגעגעבן, כדי עס זאָל אים אַמאָל נישט שאַדן. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט ער נישט קאָנען ביישטיין דעם נסיון.

האָט ער זיך געלאָזט דערקענען און געבעטן ביי דער משפחה, מען זאָל אים אָנפאַרטרויען און מיטגעבן קיין אַמעריקע דאָסדאָזיקע מיידל.

„איך וועל זי אַוועקנעמען קיין קליוולענד, — האָט ער געזאָגט, — דאָרט וועט זי מאַכן אַ לעבן, וואָס וועט נישט זיין ענלעך צו דעם אומעטיקן לעבן פון דער אַלט־שטאָט. אָבער איין זאַך: איך שטעל מיר די פראַגע, צי איך האָב באמת ליב דאָס קינד, צי מיך באַפרידיקט בלויז דער געדאַנק, אַז איך קען איר פשוט ווייזן וואונדער. און אפשר איז עס אַ פאַרדאַרבנקייט פון מיין זייט, צו דערוועקן אין איר ראָמאַנטישע געפילן, בשעת איך בין כמעט ווי זיכער, אַז איך וועל זי מיט זיך נישט מיטנעמען, און' צווייטנס (אין אָט דעם שטייגער ריידן האָב איך דערקענט דעם אַלטן ישיבה־בחור) וועט דאָסדאָזיקע קינד פון ירושלים, איבערגעפלאַנצט אין אַמעריקע, זיכער פאַרלירן זיין רייץ. אין ניו־יאָרק, אָדער אין קליוולענד וועט זי זיין אַ פשוט יידיש מיידל, גע-

קליידט אויפן פאַריזער שטייגער, באַהאָנגען מיט פּערל אויפן האַלז. און אָט אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט זי ווערן אַזוי אומדערטרעגלעך, ווי די דאָרטיקע פרויען. אויב אַזוי, טאָ זאָל זי שוין בעסער דאָ פאַרבלייבן. זאָל שוין דער אויבערשטער אַליין דאָ איינזען און רעגולירן דאָס לעבן פון זיינע ברואים..."

בעת איך האָב אַזוי געשמועסט מיט בירנבוימען, האָבן אים זיינע טריט אַליין פאַרשלעפּט צום יענעם הויז, וואָס איז געווען אָפּגעקאַלכט אויף בלוי. אַרום דעמדאָזיקן הויז האָבן זיך סוף־כל־סוף קאָנצענטרירט אַלע זיינע רעיונות.

מיין אויג איז געפאַלן אויפן הויף, וואו מיר האָבן פון צייט צו צייט באַמערקט אַ קליין מיידל; זי האָט מיר אויסגעזען אַזוי איינפאַך, אַז בירנבוימס חלומות וועגן דערדאָזיקער מיידל זענען פשוט געווען קאָמיש. אָדער דידאָזיקע חלומות וואָלטן אַוודאי געקענט היינט אָבער מאָרגן ענדערן דעם גאַנצן לויף פון איר לעבן.

איצט שפּאַצירן מיר כסדר אַרום אין אַלט־שטאָט, קריכנדיק אַרויף און אַראָפּ איבער שמאָלע טומלדיקע געסלעך, וואו דאָס אומבאַקאַנטע און פרעמדע, וואָס איך האָב געזען, איז מיר גע־וואָרן נאָענט צום האַרצן.

צווישן מיר און בירנבוימען איז געגאַנגען אַ קאַמף, ווער פון אונדז ביידן, אַ שטייגער, וועט פריער אַנטדעקן עפּעס אַ בית־מדרשל, איינגעגראָבן טיף־טיף אין אַן אונטערערדישן הויף.

לאָזן מיר זיך גיין צום כותל־מערבי, אָבער צווישן די־דאָזיקע געסלעך פאַרשטיי איך נישט מער, ווי איך האָב פאַר־

שטאַנען אין דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען. אַ רגע האָב איך מיך אַ פרעג געטאָן: וואָסער תענוג איז פאַר מיר דאָ צו שטיין, בעת איך קאָן זיין אויבן, אויפן הר־הבית, ביים אָמאַרס מעטשעט, וואו דער פלאַץ איז פריי און די לופט איז פריש?!

מיטן געדאַנק צו פאַרברענגען אַ גאַנצן פרימאָרגן, בין איך נישט איינמאָל געקומען אַהין אויף דעם איינגעטראָמפּעוועטן ערד־וואַל, באַדעקט מיט רויטלעכע גראָזן. און תמיד פלעגט מיך דורכנעמען עפּעס אַ כשוף פון דעם צופעליקן האַרמאָנישן אַנ־סאַנבל: די פאָנטאַנען, וואָס שפּריצן שוין נישט, די טרעפּ, וואָס זענען באַגאָסן מיט זון, וואו ס'שלעפּט זיך תמיד עפּעס אַ פאַנטאָפל (פון אַ פרומען מאַכמעדאַנער, וואָס גייט אַריין באַר־וועס אין מעטשעט), די ציפּרעסן־ביימער און דער טעמפּל אַליין, וואו דו האָסט תמיד דעם איינדרוק, אַז די מענטשלעכע שטימען ווערן פאַרוואַנדלט אין רובינען, אין שמאַראַגדן און אַנדערע גלאַנצפולע זאַכן, וואָס געפינען זיך דאָרט און וועלכע ווייסן נישט פון טרויער און טויט...

אָבער דער כישוף, נאָך וועלכן מען יאָגט זיך אַזוי אין דעמדאָזיקן שיינעם ווינקעלע, האַלט נישט לאַנג אָן: ער שטאַרבט אָפּ צוליב זיינע סודות. דער גייסט פון איסלאַם איז דאָך אַ ביסל באַגרענעצט. דאָס איז אַ תורה פאַר בעדואינער, און פאַר־גלייכט מען דעם קאָראַן מיטן תנ"ך און מיט דער עוואַנגעליע, זעט מען, וואָס פאַר אַ פלאַכקייט עס ליגט אין קאָראַן.

מען ווערט שנעל איינגעמאַטערט פון דער פרעכטיקער דעקאָראַציע, וואו שעכערעזאַדע טאַנצט אונטערן שלייער פון תפילות. און אפשר איז זייער נאַריש צו בענקען אין דידאָזיקע ליכטיקע ערטער נאָך רעגן און נאָך נעפּלען, וועלכע זענען

איינגעוועבט אין אונדזערע הערצער, אָבער וואָס קען העלפן דערצו?

מיט קליינע טריט גיי איך פאַרביי דעם גאַנצן ערד־וואַל און לאָז זיך אַראָפּ דורך די שטיגן, אויף וועלכע אין בין נאָר וואָס אַזוי פרייליך אַרויפגעגאַנגען. איך גיי פאַרביי אַ שורה ווערבעס, נאָכדעם אונטער אַ גרויסער אַרקע, און פונקט ווי אַן אַלטער ייד פון בעלז אָדער פון סאַדיגורע, ווער איך דאָרט פאַרלוירן אין די פאַרפלאָנטערטע געסלעך פון אַלט־שטאָט.

איך האָב נישט ליב דעם עלנט, און דאָ אַרום איז דחקות און עלנט. אָבער דערדאָזיקער עלנט איז נישט קיין געמיינזאַמער, ער פאַרכאַפּט, ער שפּייזט דעם גייסט און באַפרידיקט אים קיינ־מאָל נישט. פונקט דער היפוך, ווי דאָרט, אינדערהייך, ביי אַמאָרס מעטשעט, וואו איר ווערט באַלד אָנגעזעטיקט מיט דער צאַרטער שיינקייט, מיט די שיינע זאַכן, וואָס זענען צו זיכער אין זייער שיינקייט, אַזוי, אַז אייער פאַנטאַזיע קען זיי שוין אויך מער גאָרנישט צוגעבן...

זייט ביי זייט מיט מיר האָט יעקב בירנבוים ווייטער אַנט־וויקלט זיינע געדאַנקען, און בעת מעשה גערעדט מיט אָפּגע־האַקטע פראַזן און מיט אַ סקעפּטישער מינע אַפילו בנוגע זיינע אייגענע אידעען:

„ווי אַזוי קאָן מען קלערן, אַז די לופט פון דעמדאָזיקן לאַנד וועט אין אונדז אויף אַ וואונדערלעכן אופן מאַכן אויפלעבן דעם אויסערגעוויינלעכן זשעני? נווילן מיר זיך אויסצייכענען מיט אונדזער שכל, האָבן מיר דערויף נישט נויטיק צו פאַרבלייבן אין פאַלעסטינע. דאָס יידנטום פון בבל האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ קולטור, ווי די יידן פון פאַלעסטינע. אין משך פון אונדזער

גאַנצן גלות האָבן מיר דער וועלט אַ שפּאָר ביסל גוטע קעפּ געשענקט! איצט וויל מען אונדז ווייזן, אַז צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נישט קיין יידישע מלוכה, גייט מען אונדז דאָ שאַפן אַ יידישע אינטעלעקטועלע היים, פונוואַנען דער ריינער העב־רעישער גייסט וועט זיך צעשטראַלן איבערן גאַנצן יידנטום פון דער גאַנצער וועלט. אָבער אין וואָס דריקט ער זיך אויס, דער יידישער גייסט? איך זע אים גיכער ביי אַן אַלטן זאַנענפעלד, ביי אַן אַלטן רב אין אַ שטעטל צווישן די קאַרפּאַטן, איידער ביי דידאָזיקע נייע יידן, וועלכע ברענגען מיט זיך אַ נייע העב־רעישע קולטור, וועלכע קאָן בשום אופן נישט משיג זיין די ווירקלעכקייט, אַזאַ ווי זי איז. אין דעם אַלטן ירושלים גייען זיי אויסראָטן עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז ריין יידיש, וואָס ס'איז באמת דאָס איינציקע אין דער וועלט, און זיי ווילן עס פאַר־בייטן מיט וואָס? צי זענט איר שוין געווען אין תל־אביב?.."

ס'פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען אין תל־אביב! ס'ליגט ביי יפו, אויפן ברעג פון ים. אַ שטעטל, מיט גלייכע אַלעען, באַזעצט פון ביידע זייטן מיט עקאַליפּטוס־ביימער; פאַראַן אַ קאַזינאַ, קינאָס און ווילעס. אָבער וואו די ציוניסטן זענען געקו־מען באַווייזן וואונדער, זעט מען דאָרט בלויז דאָס, וואָס מען זעט אויך אויף אַנדערע ים־פּלאַזשעס. נאָר דאָס איז די ערשטע שטאָט, וואָס זיי האָבן נאָך לאַנגע, לאַנגע דורות איצט, מיט אייגענע הענט, אויפגעבויט אויפן ברעג פון ים. אָט דאָסדאָזיקע פענסטער אויפן ברייטן ים, דאָס ים־ווינטעלע, דער טויער צו דער גאַנצער וועלט, — דאָס אַלץ וועקט אין זייערע הערצער אַ טיפע באַגייסטערונג.

די שטאָט ליגט אַפילו אויף אַ זאַמדיקן אָרט, אָבער די

יידן זענען אַריינגעפֿאַלן אין אָריענטאַלישער התפּעלות און האָבן איר אַ נאָמען געגעבן תּל־אביב, דער פֿרילינגס־באַרג, און תּל־אביב רעדט צו זיי גאַנץ אַנדערש, ווי דאָס אַלטע ירושלים.

ירושלים, דאָס איז דער אַלטער יידישער געדאַנק, וועלכער האַלט אַ סך יידן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ס'איז די שטאָט פֿון תּנ״ך, וואָס שמידט־צו צום עבֿר. ס'איז די שטאָט פֿון כּותל מערבֿי, וואו אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צום אויבערשטן מיט דער האָפֿענונג, אַז ער וועט ווייזן נסים.

ס'איז די שטאָט, וואו מען קומט שטאַרבן פֿאַרקערט, תּל־אביב איז אַ געגנט, וואו די איינוואוינער זוכן זייער גליק אין די עקאַליפּטוס־ביימער, אין עלעקטרישן ליכט און אין ענגלישן קאָמפֿאָרט.

— אַלזוי! — האָט בירנבוים פֿאַרענדיקט, — איך האָב ליבער ירושלים! מיר געפֿעלט בעסער זיין אַלט-שטאָט מיט די פֿאַרפּלאָנטערטע געסלעך, זיין דלות, זיינע שנאָרערס, וואָס האַלטן זיך מיט גרויס עקשנות ביי זייערע אַלטע חלומות, וועלכע איר קענט אָנרופֿן ווי אייך וועט בעסער געפֿעלן: נאַרישע אָדער קלוגע. אָבער דאָרט, אין ירושלים, דערקען איך זיך, דאָרט געפֿין איך מיין נשמה, דעם זין פֿון מיין לעבן, די יידישע נשמה...

עטלעכע מאָל בין איך אָפּגעפֿאָרן פֿון פּאַלעסטינע קיין טיריע און האָב איבערגעלאָזט בירנבוימען מיט זיינע וואַקלענישן. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך אים, דעם ליב־

האָבער פון ירושלימער אַלט-שטאָט, שוין מער נישט געטראָפן. ער איז אָפגעפאָרן קיין אַמעריקע. צי איז ער אַליין אַוועקגעפאָרן? אָדער ער האָט אויך מיטגענומען דאָס קליינע יונגע מיידעלע, וועגן וועלכער ס'איז מיר שווער צו זאָגן: צי האָט זי פאַרנומען מער אָרט אין זיין האַרץ אָדער אין זיין מוח?

ביידע השערות האָבן זיך מיר אין דערזעלבער מאָס געלייגט אויפן שכל. און אויב ס'וואָלט אויסגעקומען צו גיין אין געוועט, וואָלט איך נישט געוואוסט, וואָסער השערה איך זאָל מיר אויסקלויבן.

איך בין תיכף אַוועק אין יענעם געסל, וואו מיר זענען אַזויפיל מאָל צוזאַמען געגאַנגען. אויפן הויף פון יענעם הויז, וואו דאָס מיידל האָט געוואוינט, האָב איך קיינעם נישט באַמערקט. איך האָב זיך אַראָפגעלאָזן פון די שטיגן און דורך דער ברייט-אויפגעעפנטער טיר האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויפן איינציקן צימער, וואו די גאַנצע פאַמיליע האָט געוואוינט. דאָס יונגע מיידל איז דאָרט אויך געווען.

הגם זיי זענען געווען זייער ענלעך, דער פאַרשטאָרבענער זיידע מיטן איינקל, דאָך האָבן זיי זיך, קענטיק, שטאַרק אונטערגעשיידט פון איינאַנדער. וואָרום דער זיידע וואָלט שוין נישט געצווייפלט: אין אַזאַ פאַל וואָלט ער ליבערשט חתונה געהאַט און זיך נישט געוואַקלט, ווי דאָס איינקל...

שפעטער אָבער האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז דערמיט, וואָס ער האָט נישט אָפגעריסן דאָס בלעטל פון בוים און האָט דאָס קליינע יידישע נשמהלע איבערגעלאָזט אין ירושלים, האָט ער, בירנבוים, אַרויסגעוויזן מער ענלעכקייט צו זיין זיידן, איידער

ער וואָלט זי פון דאָרט אַוועקגעפירט און מיט זיך מיטגענומען קיין אַמעריקע.

און גייענדיק ווצישן די פאַרפלאָנטערטע געסלעך פון אַלט־שטאָט, וואו איך האָב שוין געקאָנט גיין מיט פאַרמאַכטע אויגן — האָב איך מיר אַזוי געטראַכט:

„אַהער איז ער געקומען מיט גרויסע שפּעקולאַציע־פּלענער און אַוועקגעפאָרן איז ער מיט גאָרנישט. צי דאַרף מען אים באַדויערן? גיכער ניין. צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק ישראל האָט ער אַ צייט געגלויבט אין דאָקטאָר הערצלס פאַנטאַזיעס, און ער האָט געהאַט אַ יסוד צו גלויבן. צי האָט די באַגייסטערונג און דער ווילן שוין גאָר קיין ווערט נישט אויף דער וועלט? אָבער ס'איז דאָך אַ פאַנטאַזיע, אַז אין דעמדאָזיקן פאַרנאַכלעסיקטן לאַנד זאָל צונויפגעזאַמלט ווערן דאָס יידנטום פון דער גאַנצער וועלט. אַפילו איינאָרדנען דאָרט אויף נחלות אַ דריי־פיר הונדערט טויזנט יידן איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכן!

אָבער איך מיין, אַז ס'וועט זיך גאָרנישט ענדערן: הייַנט, אַזוי גוט ווי נעכטן, וועלן די יידן פירן צווישן אַלע אַנדערע פעלקער זייער אויסטערלישן לעבנס־שטייגער; זיי קאָנען זיך באַין אופן נישט אויסמישן מיט די אַנדערע פעלקער: דאָס ראַסן־בלוט איז אַ צו שטאַרקס. און, ווידער, באַגיין זיך אָן דער גאַנצער וועלט קאָנען זיי אויך נישט, ווייל אין וואָסער אָרט אַלע יידן זאָלן זיך נישט צונויפזאַמלען, וועלן זיי דאָרט קיינמאָל נישט האָבן די אַלע הכנסות, וואָס זיי באַקומען אַרויס דורך זייער צע־שפּרייטקייט איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער אין זייערע

הערצער ברענט תמיד די אַלטע ליבע צו ציון, און דערדאָזיקער דראַנג צום היימלאַנד, דידאָזיקע אַלע אַספּיראַציעס, וועלכע זיי קאָנען נישט און ווילן נישט באַפרידיקן, דערדאָזיקער קאַמף פון דער ווירקלעכקייט מיטן חלום, דידאָזיקע אייביקע אומרואי־קייט — דאָס אַלץ איז די פּאָעזיע פונם פאָלק ישראל.

סוף